STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06570

# DI FROY UN DI BIBL

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

# די פרוי און די ביבל

ארויסגעגעבן פון
קאָאָפעראַטיוו פארלאג
פון דער
אידיש עטישער געזעלשאפט
ניו־יאָרק, 1939

Copyright 1939
by
ABBA GORDIN
323 East 13th St., New York, N. Y.

*Printed in U. S. A.*

Linguist Publishing Co.
54 West 21st Street, New York City

142

I

# גאטיכע און גאט

רעליגיע איז פאַרנומען מיט איין זאַך און דאָס איז די אויס־קריסטאַליזירונג און די צונויפהאַלטונג פון דעם איך, דעם ציבור איך, ווי אויך דעם יחיד׳ישן איך. רעליגיע האָט איין איינציקע אויפ־גאַבע, וועלכע באַשטייט אויסשליסלעך אין דער פאַרמירונג און צעמענטירונג פון דער איכהייט.

ווי נאָר דער ראשית׳דיקער פראָצעס פון איך־עטאַבלירונג ציט צום גמר, הויבט זיך גלייך אויף די פראַגע מי בראש ? וועלכער עלע־מענט זאָל זיין דער אָנפירנדיקער אין דעם איכטום, וועלכער באַ־שטאַנדטייל פון צבור־עגאָ דאַרף ווערן דערהויבן, און וועלכער דער־נידערט, סובאָרדינירט, וועלכער קאָנסטיטועגט זאָל דאָמינירן און וועלכער זאָל באַדינען, זיין משרת, שקלאַפן, זיך אונטעריאָכן. און אַזוי ווי די ערשטע שפּאַלטונג אין דער געזעלשאַפט קומט פאָר איבער די ליניעס פון געשלעכט־האַלבירונג, האָט זיך ממילא אויפ־געוועקט דאָס פּראָבלעם וועגן די שייכות׳ן פון די דאָזיקע צוויי העלפטן אין דעם סאָציאַ־עגאָ. דער טיפּסטער שפּאַלט אין דעם קהל־לעבן איז דער געשלעכט־שפּאַלט. און דעריבער בושעוועט אין דעם תחום אַ פאַרביסענער גערנאַנגל פון קאָנצעפּטן. די קריגעריש־גע־שטימטע שבטים האָבן פאַרמאָגט אַ צעריסענעם איכטום. זיי האָבן אומעטום געזען קאַמף און, קודם כל, האָבן זיי דערזען דעם גע־שלעכטער־קריג, וועמענס אַרענאָ איז דער גאַנצער לעבנס־פעלד.

אָבער אויך אין דעם איינצעלנעם מענטשן גופא, אין זיין נשמה טויכט אויף די אייביקע פראַגע פון „ווער איז ערשט און ווער איז לעצט ?" דער סוביעקט אָדער דער אָביעקט ? דאָס אונטערבאַ־וואוסטזיין אָדער דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין ? דער געפיל, אינ־סטינקט, עמאָציע, אינטואיציע, דער פאַרשטאַנד, דער זכרון אָדער די אַנטיציפּאַציע, וועלכע פייאיקייט זאָל ווערן אַממערסטן קולטי־ווירט און וועלכער כישרון זאָל ווערן פאַרנאַכלעסיקט, אָפּגערוקט אַן אַ זייט ?

אַזוי ווי מ׳מוז האָבן אַ השגה וועגן קלאַסן־קאַמף, אויב מ׳וויל זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער צייט, ד. ה. כמעט פון דער גאַנצער צייט, וועלכע איז ניש־קשה׳דיק רע־קאָרדירט, אַזוי און נאָך מער מוז מען פאַרשטיין דעם געשלעכטער־קאַמף, אויב מ׳וויל באמת משיג זיין וואָס עס איז פאַרגעקומען

אין גרויען אַלטערטום. מ׳קען ניט באַגרייפֿן, ווי געהעריק, אַ פֿאַר־צייטיקע רעליגיעזע דיסציפּלין, סיידן מ׳האָט אין זינען אַט־דעם צוזאַמענשטויס פֿון כחות און קאָנפֿליקט פֿון אינטערעסן און, ממילא, אויך פֿון אידעאָלאָגיעס.

דער אָוועקגאַנג פֿון מאַטריאַרכאַט נעמט זיך פֿון דער שפּאַל־טונג צווישן אויספֿירנדיקער אַרבעט און אָנפֿירנדיקער טעטיקייט אין דעם פּאָליטישן קערפּער, אין דער „געמיינדע״, אין קלאַן, אין שבט. דעמאָלט ערשט ווען די יעגער און אַנדערע עקספּעדיציאָנעלע אונטערנעמונגען האָבן באַוויזן, אַז בכדי עפּעס דורכצופֿירן ווי־באַ־דאַרף־צו־זיין פֿאָדערט זיך אַ דיפֿערענציאַציע אויף די צוויי הויפּט עלעמענטן פֿון דירעקטירן און עקזעקוטירן, און, נאָך מער, ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז די דירעקטיווע טעטיקייט, לויט איר עצם מהות נאָך, מוז שטיין איבער דער פּשוט׳ער אַרבעט — האָט דער מאַטריאַרכאַט גענומען גיין צו זיין מערב־אַראָפּזינק.

און אַט־דער צוריקטריט פֿון מאַטריאַרכאַט האָט געהאַט אַן אָפּשפּיגלונג, אַ רעפֿלעקסיע אין דער אידעאָלאָגיע, אין דעם סי־סטעמען־בוי, אין דער וועלט־אַנשויאונג פֿון יענער צייט, און די ג אָ ט י כ ע האָט גענומען אָפּגעבן וואָס מער פֿון אירע פּאָזיצי־עס צו דעם גאָט...

„אין פֿאַרצייטיקן בבל זיינען געווען אַזוי פֿיל גאָטיכעס ווי געטער... עס איז געווען אַמווייניקסטן איין געטין אַלס פּאַטראָנשע פֿאַר יעדער אייניקער פֿון די שטעט... אַלס ביישפּילן: נאַנאַ די באַ־שיצערין פֿון אוראַק; די „גוטע פֿרוי״, בוי, די „מוטער״ פֿון ליכט; נינהיל — פֿון ניפּור, „די האַרנטע פֿון דער אונטערוועלט״ און „די פֿרוי פֿון דעם גרויסן באַרג״; און די גלאָריפֿיצירטע און דערהוי־בענע נינני פֿון גישגאַללאַ, „די באַלעבאָסטע פֿון דער וועלט״ (1).

דער פֿאַקט, וואָס די גאָטיכעס זיינען אַזוי פּראָמינענט אין די שטעט באַווייזט, אַז דער שטאָט־איך האָט געקראָגן אַ ווייבלעכע פּראָיעקציע מחמת דעם, וואָס אין שטאָט־לעבן איז די פֿרויענשאַפֿט געווען דער הויפּט־עלעמענט, און פֿאַר דאָס געוועזענע כנגד דעם פּאָפּולערן שפּרוך, האָט מען געצאָלט רעליגיעז אידעאָלאָגיש יאָרן און יאָרן נאָכדעם, ווי די פֿרויענשאַפֿט איז שוין געווען היפּש־פֿאַרדרענגט.

ווען מלחמות האָבן זיך אָנגעהויבן און געוואָרן גאַנץ אָפֿטע

געסט, האָבן די גאָטיכעס געמוזט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ, אַראָפּגיין פון זייערע פּיעדעסטאַלן און איבערגעבן דעם העכסטן טראָן צו די 'געטער, אָדער זיי זיינען אַליין געוואָרן געטער, ד. ה. זיי האָבן גע־ביטן זייער געשלעכט, געוואָרן אויס פרויען, אָנגענומען די געשטאַלט פון מענער.

עפּעס ענלעכעס זעט מען אין פּסוק „יהוה איש מלחמה״ (א), אין מלחמה־צייט, בשעת דער מלחמה ווערט יהוה אַן „איש״, אַ מאַנצביל. „זה אלי ואנוהו, אלהי אבי וארוממנהו״ (ב), דאָס איז מיין גבורה און איך וועל אים באַוואוינען... די הויז, די שטוב האָט געהערט צו דער פרוי, אָבער יהוה וועט דאָך באַלד דערקלערט ווערן פאַר אַ „איש״ פאַר אַ מאַן און ער גייט אים „באַשטוביקן״, פאַררע־כענען פאַר׳ן הערשער אפילו אין שטוב, אין די הויז־אָנגעלעגנהייטן, „אלהי־אבי״ דעם אלהים, דעם טאַטן, דעם אלהים פון טאַטן, ניט פון דער מאַמען, וועלכער איז געווען ביז איצט בשפל־המדרגה, וועט ער דערהויבן... דורך דעם וואָס יהוה ווערט פון איצט אָן אַ איש־מלחמה...

דעם תרגום ירושלמי אַרט און שאָקירט די „מאסקוליניטעט״ פון יהוה דעם איש מלחמה און ער טייטשט דעם פּסוק אַזוי, אַז ער פאַרהיט „דאָס ווייבלעכע״ זאָל ניט ווערן חס־ושלום פאַרדרענגט גאָר־אינגאַנצן.

„יהוה אין דער טייערקייט פון זיין ש כ י נ ה, ער איז דער, וועלכער גיט אייך די נצחונות אין אייערע געפעכטן. אין יעדן דור ווייזט ער זיין ג ב ו ר ה צו זיין פאָלק ישראל״ (ג)

„אין פאַרשיידענע טיילן פון דעם סעמיטישן פעלד זעען מיר ווי גאָטהייטן וועלכע זיינען לכתחילה געווען גאָטיכעס, בייטן אי־בער זייער געשלעכט און ווערן געטער״ (2).

„נאַנאַ פון ערעק איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע געטינס פון דעם פריצייטיקן סומעריאַנעם פּעריאָד אין בבל. איר נאָמען טרעפט מען אין פילע פלעצער און אין פאַרשיידענע פאָרמען אין משך פון די פריע סעמיטישע צייטן: נאַנאַ, נאַני, נאַניאַ, אַנטיס, אַנעאַ, טאַנאַט, א. א. וו. דורך אַ באַדייטנדיקער ליסטע״ (3)

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פּאָזיציע פון דער גאָ־טיכע אין טעמפּל הענגט אָפּ פון דער פּאָזיציע פון דער פרוי אין שטוב, אין גאַס, אין פאַמיליען־קרייז. ווייל אייגנטלעך אָט די צוויי געשטאַלטן גאָטיכע און פרוי, זיינען, באמת, איין פיגור אויפגענר־

מען אונטער צוויי אַספּעקטן. די גאָטיכע איז די רעפּרעזענטאַנטין פון דער פּרויענשאַפט אין דער געמיינדע. דער ציבור־איך ווערט צעשפּאָלטן אין צוויי העלפטן, פּונקט ווי דער ציבור אַליין ווערט איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן, אין אַן עזרת־נשים און אין אַן עזרת־ישראל.

„מיר זעען עס נאָך קלערער אַז די הויפּט־דעאיטעט פון דעם שבט איז געווען, אין די פּרימיטיווע צייטן, אַ געטין און אויף וויפל דער זכר־גאָט האָט געשפּילט וועלכע עס איז באַדייטנדיקע ראָל, איז ער געווען איר זון און אָפּשפּיגלונג״. (4).

לכתחילה האָט געהערשט דער מאַטריאַרכאַט און דער גאָט־פּרינציפּ, זייענדיק דער געזעלשאַפט־איכהייט־פּרינציפּ, איז געווען פּראָיעקטיצירט אין אַ פרוי־געשטאַלט, אין אַ מוטער אין אַ גאָ־טיכע.

די ווערן האָבן ניט קיין געטינס. מיט וואָס דערקלערט זיך עס? פּשוט מיט דעם, וואָס זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרן בשעת מלחמות, אַלערליי, אויסערלעכע און אינערלעכע, צווישן־שבטים׳שע און אין־שבט׳שע. אין קריגערישן לעבן האָט די מאַנצבילשאַפט געשפּילט די ערשטע, אָדער די איינציקע, פידל אין קהל־לעבן. און דער ציבור־עגאָ האָט זיך דעמאָלט פּראָיעקטיצירט אויסשליסלעך אין דער גע־שטאַלט פון אַ מאַן, אַ גאָט, ניט קיין גאָטיכע. דערפאַר אָבער ווי נאָר די הינדוסן האָבן זיך באַרואיקט, זיך איינגעשטעלט, גענומען לעבן אין שלוה, און דער פרויען־טייל פון דעם סאָציאַלן אַגרעגאַט האָט זיך גענומען באַהויפּטן מער און מער, האָט זיך גלייך גע־אַנדערשט די פּראָיעקציע פון סאָציאַ־עגאָ, ער האָט אָנגעהויבן אָנ־נעמען אויך אַ ווייבערישע צורה, דאָס מיינט, אַז ווייבער, געטינס האָבן זיך גלייך באַוויזן.

דורגאָ איז אַ גאָטיכע, זי רעפּרעזענטירט אין איר פּערזאָן דעם גייסט פון נאַטור אין פרילינג. קאַלי איז אַ געטין און זי איז די נשמה פון אומענדלעכקייט און אייביקייט. דאָס אייגענע סאַראַ־סוואַטי, וועלכע איז די אויבערשטע קלוגשאַפט. סאַקטי איז די מוטער פון אַלע דערשיינונגען.

„די מוטער איז טויזנט מאָל מער ווי דער פאָטער״. (5).

„אַ, געטלעכע מוטער, דו ביסט אויסער דעם דערגרייך פון אונדזערע תשבחות. דו דרינגסט אַדורך יעדן טיילכל פון דעם אור־

ניווערס. די גאַנצע חכמה קומט פון דיר, אָ, דו אומענדלעכער קוואַל פון חכמה" (6).

„וואָק באַצייכנט 'רייד', דיבור און זי איז די אַקטיווע קראַפט פון בראַהמאַ'ן, זי קומט אַרויס פון אים" (7).

וואָק איז די געטין. זי איז דער לאָגאָס, די מימרא, דער דיבור, דאָס אייגענע וואָס 'בראשית', וואָס איז דער ערשטער מאמר, דאָס אייגענע וואָס די 'תורה'.

„איך בין קעניגין, צו מיר דאַרף מען ברענגען די קרבנות. איך האָב געבוירן דעם אַלץ-פאָטער אויבן. איך וואוין אין די וואַסערן אין דער טיף און פון דאָרטן ארויס שפּרייט איך זיך דורך אַלע באַ־שעפענישן און ריר אָן אַלע הימלען מיט מיין קרוין. ווי דער ווינט בלאָז איך, אַרומפאַסנדיק אַלע ברואים, איבער די הימלען און אי־בער דער ערד" (8).

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך דאָס וואָרט און דאָס וואָרט איז אַ לשון נקבה (9).

די באַציאונגען פון מאַן און ווייב אין דער פאַמיליע, די פאַר־העלטענישן פון דער מוטערשאַפט צו דעם פאָטערטום אין דעם שבט, זייער פּראָפּאָרציאָנעלע געוויכט ווערט רעגיסטרירט אין די שייכות'ן צווישן דעם גאָט און דער גאָטיכע פון דער געגעבענער געמיינזאַמקייט. אַ צעשפּאַלטענער, צעריסענער איכטום פאָדערט אַ דאָפּלטע רעפּרעזענטאַציע, אַ צווייאיקע פּראָיעקציע. און די גרויס, קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו, ד. ה. די צאָל פון די געטער און גאָטיכעס און זייער חשיבות, פון די טיילן אין דער פּראָיעקציע איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער גרויס און חשיבות פון דעם חלק, מענלעכן און ווייבלעכן אין דעם ציבור, פון וועלכן די פּראָיעקציע נעמט בלויז אַ בילד.

„די אָנהויבן פון דער סעמיטישער רעליגיע גייען צוריק צו דער סעקסועלער רעלאַציע" (10) און אויך צו די שייכות'ן צווישן די געשלעכטער.

ווען דער איך פון דעם יחיד'ישן מענטשן האָט זיך קאָנצענ־טרירט אויסשליסלעך אין דעם געשלעכט-הונגער, אין דעם ליבע־בולמוס, דעמאָלט האָט זיין גאָט, זיינענדיק אַ רעפלעקסיע פון אָט דעם איכטום, ניט געקענט זיין עפּעס אַנדערעס.

„פילע פאָרשער באַטראַכטן דעם רעליגיעזן אימפּולס אַלס צום־

אַלעם־ערשטן אויב ניט אויסשליסלעך, אַ ראַפינירונג פון רעפּראָ־דוקציע" (11).

כל־זמן דעם מענטשנס איך איז אינגאַנצן אויסשליסלעך אַרייַנ־געטאָן אין דער רעפּראָדוקציע־פונקציע, און אין דעם זעט דער מענטש זיין עובדא און שליחות דאָ אויף דער וועלט, דעמאָלט שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די איך־פּראָיעקציע ווערט אימפּולסירט און סטימולירט פון דעם רעפּראָדוקציע־פּראָצעס אַרויס, מחמת דער גאַנצער איך געפינט זיך דאָרטן און, כלומר'שט, בלויז דאָרטן. און ווי באַלד די רעפּראָדוקציע־ פונקציע פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין לעבן פון יחיד איז, ממילא, דער דיפערענציאַציע־אַרויסקום אַ געוויקס, וועלכער שפּראָצט אַרויס פון אָט־דעם באָדן. און דער ציבור־לעבן שפּאַלט זיך אין דער לענג פון דעם דאָזיקן געשלעכט־קנייטש, און היוצא, אַז אויך די פּראָיעקציע פון סאָציאָ־עגאָ, די טעאָלאָגיע, שפּאַלט זיך אויך אַזוי. ווי די סאָציאָ־עגאָלאָגיע אַנט־וויקלט זיך, אַזוי אַנטוויקלט זיך די טעאָלאָגיע. ווי עס איכט זיך, אַזוי גאָטעט זיך עס אָדער „געטינט" זיך עס.

ווען די פרוי איז געווען די הויפּט־פירערין אין דעם לעבן פון דער געמיינדע, פון דער משפחה, ווען זי איז געווען דער וויכטיק־סטער באַשטאַנדטייל פון דעם ציבור־עגאָ, דעמאָלט איז די גאָטיכע געווען ניט נאָר די באַשיצערין און באַשירמערין פון דער געזעל־שאַפט, נאָר אויך די פאַרשטייערין, און טאַקע באַשעפערין, פון דער גאַנצער נאַטור, פון גאַנצן קאָסמאָס.

„דער אַלערשטער טאַטעם איז געווען אַ נקבה, און אַפשטאַם אין דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט פאָלגט נאָך דעם שפינדל. מיט דער איינפירונג פון דעם פּאַטריאַרכאַטישן אַפשטאַם, ווערט דער טאָטעם אַ זכר" (12).

„דיאַנאַ איז געווען די פּערסאָניפיקאַציע פון דעם ווידמענדיקן נאַטור־לעבן" (13).

פּעמיניטעט איז געווען דער בעסטער, דער באַקוועמסטער פּרינ־ציפּ, מיט וועלכן דער באַשאַף האָט זיך געלאָזט, אָן צופיל אָנ־שטרענג, דערקלערן גאַנץ גלאַטיק און פאַרשטענדלעך פאַר דעם פּרימיטיוון שכל. דער באַשאַף פון דער וועלט האָט זיך געמאָלן ווי אַ נאָכמאַכונג פון דעם מענטשלעכן באַשאַף וועלכער איז אַ פּועל־יוצא פון געבורט. און כל זמן קיין טעכניק איז ניט געווען אַנטוויקלט, און קיינע מלאכות זיינען ניט געווען בנמצא, האָט אַנט־

שטייאונג, דערפינדונג, אַנטדעקונג געקענט פאַרמאָגן בלויז איין פאָרם און דאָס איז געבוירן־ווערן. און די געבוירערין איז דאָך די פרוי, לכן, האָט די באַשעפערין פון דעם אוניווערס געקענט זיין ניט עפעס אַנדערש ווי אַ גאָטיכע, אַ פרוי.

און אפילו די געטער פאַרצייטנס האָבן אויך אויסגעזען האַלב ווייבעריש.

„אין דעם וואַטיקאַנישן אַפּאָלאָ זעען מיר מאַנצבילישן כח פאַראייניקט מיט מיידלשער צאַרטקייט” (14).

„דער מאַטעריעלער סימבאָל אָדער פאַרקערפּערונג (שינטאָאי) פון דער זון־גאָטיכע איז אַ שפּיגל. אַמאָל רופט מען אים דער אכט־קאַנטיקער שפּיגל, אָדער דער זון־פאָרם שפּיגל... דער שפּיגל ווערט באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיקייט און הייליקער אכ־פערונג, און מ׳רעדט וועגן אים ווי ער וואָלט טאַקע אַליין זיין די זון־גאָטיכע. נאָך דער זון־גאָטיכע קומט די שפּייז־געטין, וועלכע איז די באַדייטנסטע און אוניווערסאַל פּאָפּולערסטע גאָטהייט אין דעם שינטאָ פּאַנטעאָן. די אויסערלעכע עזרה פון טעמפּל אין אייזי איז געהייליקט צו איר”. (15).

דאָ זעט מען אַ פאַרגעטערונג פון דער זון, וועלכע גיט וואַ־רעמקייט און לעבן צו אַלע ברואים. זי נעמט אָן די געשטאַלט פון אַ פרוי, וועלכע איז די לעבן־געבערין אין דער ביאָלאָגיע און, ממילא, אויך אין קאָסמאָס. דער איך אויף דער שטופע פון אַנט־וויקלונג, געפינט זיך אין פיזיאָלאָגיע, אין פּשוט׳ן בשר־ודם לעבן, און מהאי טעמא, ווערט שפּייז פאַרגעטערט. פאַרוואָס זאָל שפּייז זיך אָפּמאָלן אין דער געשטאַלט פון א פרוי? אויך דאָס אייגענע, וואָקסן און געבוירן זיינען געווען אידענטיש. און אַגריקולטור איז געווען אַ ווייבערישע באַשעפטיקונג. די ערד, דאָס פעלד האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס אַן אשה, אַ געווינערין. שפּראָצן, אַרויסשפּראָצן און געבוירן ווערן איז געווען דאָס אייגענע. דאָס איז פּשוט. פאַר־וואָס אָבער האָט די זון זיך פאַרגעשטעלט אַלס אַ פרויענצימער? דער ענטפער איז, אַז ווי באַלד אונטער דעם מאַטריאַרכאַט איז די פרוי געווען די אַליין־הערשערין פון דעם משפּחה־קרייז, די כל־ולך אין שטוב, האָט זי געמוזט ווערן, ממילא, די אַבסאָלוטע גע־וועלטיקערין איבער דער וועלט וועלכע איז אַ גרויסע שטוב. די וועלט־סיסטעם איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם היים־פיר. ווי דאָס הויז האָט זיך געפירט, אַזוי האָט זיך די וועלט געפירט. און די

זון איז געווען אָט־יענע אומפּעלערהאַפטע פּירערין.

און אַזוי ווי די זון איז אַ גאָטיכע, דאַרף מען איר געבן באַדי־נערינס בעסער איידער באַדינער, און כך הווה, זי האָט געהאַט פּריסטערינס, ניט קיין כהנים.

„אין קייזערלעכן פּאַלאַץ פלעגן פרויען־באַדינערינס מקריב זיין צום הייליקן שפּיגל, וועלכער רעפּרעזענטירט די זון־גאָטיכע, רייז, פיש, געבעקס, געוואַנט, יעדן ראש חודש" (16).

די פּראָדוקטן, וועלכע מ׳האָט געבראַכט אַלס אָפּפער, ווערן פּראָדוצירט פון ווייבער. געוואַנט ווערט געוועבט פון פרויען, רייז ווערט קולטיווירט פון פרויען. די זון איז אַ פרוי און זי האָט גערן ווייבערשע מתנות.

ווי עס איז צו זען, האָט דער איכטום־ציבור פון גאָר פּאַרציי־טיקן יאַפּאַן אָנגענומען די פיזיאָנאָמיע פון אַ נקבה. אָבער יאַפּאַן איז מער דער כלל ווי דער יוצא מן הכלל, אין דעם פּרט.

„אין דער פריסטער עגייאישער ציוויליזאַציע, פון וועלכער דער גרויסער צענטער איז געווען קרעט, איז דער עכסט אויפפאַלנדיקער רעליגיעזער פענאָמען דער איבערגעוויכט פון ווייבלעכע גאָטהייטן... פון די פריסטע נעאָליטישע קברים ביז צו דער לעצטער מיאָנען־עפּאָכע באַגעגענען מיר אָן אַ צאָל פיגורן און רעפּרעזענטאַציעס פון געטינס. קיין זכר־געץ געפינען מיר ניט. ניט מער פון צוויי פאַרשטעלונגען פון אַ זכר־גאָט זעען מיר אויף שטעמפּלען פון אַ שפּעטערן דאַטום, און זיי מאָלן אונדז אָפּ אַ יונגן געטל אין פולער סובאָרדינאַציע צו אַ גאָטיכע" (17).

„די שלאַנג־גאָטיכע געפינען מיר אַמאָל מיט טויבן, די בערג־גאָטיכע מיט שלאַנגען" (18). „אַ גאָטיכע אונטער פאַרשיידענע געשטאַלטן איז געווען דער הויפּט־אָביעקט פון קולט" (19). די קרעטישע גאָטיכע האָט אַלע אַטריבוטן, וועלכע די אַזיאַטישע עשתורת Ishtar האָט פאַרמאָגט... די לעצטע איז אויך גע־ווען אַ שלאַנג־גאָטיכע און ווערט פאַרגעשטעלט... מיט שלאַנגען אין די הענט (20).

„די קרעטישע מוטער־גאָטיכע איז געווען ווי עשתרת דריי־איייניק" (21).

עשתרת איז געווען אַ לבנה־גאָטיכע, און דאָס אייגענע איז געווען די קרעטישע מוטער־גאָטיכע. אין איר טעמפּל איז געווען אָפּגעמאָלן אַ לבנה (22).

דער מולד איז אַ סימבאָל, וועלכן מ׳באַגעגנט אין קרעט אומעטום.

בריטאָמאַרטיס־דיקטינגאַ ווערט באַהויפּטעט צו זיין אַרטעמיס, העקאַטע און די לבנה (23).

אויף די מטבעות פון קידאניא איז זי געווען פאַרגעשטעלט אַלס די לבנה (24).

די קר־גאָטיכע פּאַסיפּע ׳די אַל־שיינענדיקע׳, איז די לבנה (25).

דער עפּיטעט פּאַסיפּע ווערט אָנגעווענדט צו אַרטעמיס און צו סעלענא (26). איירָאָפּע איז אַ קר־גאָטיכע, אַ לבנה־געטין (27), און אַזוי איז אויך אַריאַדנע, די העל־שיינענדיקע.

און ווי באַלד די גאָטהייט איז געווען אַ גאָטיכע, איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס לכתחילה זיינען געווען פּריסטערינס. און שפּעטער־צו ווען די געטער זיינען אָנגעקומען און געבראַכט מיט זיך פּריסטער, און פאַרדרענגט צו אַ געוויסער מאָס אי די גאָטיכעס און אי די פּריסטערינס, האָבן זיך די לעצטע נאָך אַלץ געדאַרפט פאַרשטעלן פאַר פרויענצימער. אַזוי האָבן זיי געצאָלט אַן אַלטן חוב...

די שאַמאַנער, די מעדיצין־מענער און פּריסטער האָבן זיך אָנגעטאָן ווי פרויען. זיי האָבן זיך געפלייסט אויסצוזען ווי ווייבער, וויל, צום־אָנהויב איז עס געווען אַ ווייבערישע באַשעפטיקונג.

אין מערב־אַפריקע קליידט זיך דער הויפּט־פּריסטער אין ווייבערישע זאַכן (28). ווען די זולו־פירער מאַכן צערעמאָניעס פון רעגן־ברענגען, טוען זיי אָן אונטערקליידלעך (29). די פּריסטער אין מאַדאַגאַסקאַר טוען זיך אָן ווי ווייבער (30). אין טאַהיטי און מאַרקעזאַס פאַרבן די פּריסטער זייער הויט און מאַכן עס אויסזען העל בכדי צו זיין ענלעך צו אַ פרוי, און האַלטן זיך בכלל ווי ווייבער מיט זייערע מאַנערן און פירעכצן (31). דאָס אייגענע האָט מען געקענט באַאָבאַכטן ביי די צפון־אמעריקאַנער אינדיאַנער (32). אויך ביי די שבטים פון ניי־מעקסיקאָ זעען מיר ווי זייערע פּריסטער קליידן זיך ווי ווייבער (33). אין פילע אַנדערע פּלעצער און ביי גאָר פילע אַנדערע פעלקער געפינען מיר דעם אייגענעם מנהג. דורך דער גאַנצער אינדאָנעזיע זעט מען אַט־דעם שטייגער פון ווייבערישער אַנטועכץ ביי די פּריסטער. אין די פּעלויער אינזלען Pelew Islands געפינען זיך פּריסטערינס, נאָר אויב אַ מאַנצביל באַטייליקט זיך אין אייניקע פון די כהנים׳שע פונקציעס, טוט ער זיך אָן ווי אַ פרויענצימער (34), אַנדערש קען ער ניט דינען אַלס כהן.

דאָס אייגענע גזועץ האָט געהערשט ביי די פּאַרצייטיקע גער־מאַנען. די פּריסטער פּלעגן זיך אָנטאָן אין ווייבערישע קליידער (35). אין בבל פּלעגן די כהנים פון עשתרות טראָגן ווייבערישע אָנטו־עכץ (36). דאָס אייגענע פּלעגן טאָן די כהנים פון דער אַסירישער גאָטעכע (37). די זעלביקע רעגל האָבן נאָכגעפאָלגט די פּריסטער פון פעסיאַנעס (38). דאָס אייגענע האָבן געטאָן די קאַריבאַנטער, די דאַקטילאַיער, די קורעטער, און די כהנים פון אַרטעמיס אין עפעס (39). די כהנים פון הערקלעסן אין קאָס פּלעגן זיך אָנטאָן ווי פרויען, ווען זיי האָבן מקריב געווען קרבנות (40). דער זעל־ביקער מנהג האָט געהערשט אין פּאַרצייטיקן רוים (41). די אָפּי־ציאַנטן אין די פייערונגען פון דיאָניסאָס האָבן זיך אויך אָנגעטאָן ווי פרויען (42). די מאַנצביל־אַסיסטענטן אין די קולט־צערעמאָ־ניעס פון מינאָען־קרעט ווערן פאַרגעשטעלט ווי זיי טראָגן ווייבע־רישע אָנטועכץ (43). אַלע כומרים׳שע, גלחים׳שע אָנטועכץ, זייערע דיזעס, פאַרטעכער, סוטאַנאַס, העמדער זיינען וועזנטלעך פון אַ דאַמסקן שניט (44). מיט דעם דערקלערט זיך דאָס, וואָס גלחים זיינען מגולחים, גאָלן זיך. זיי טוען עס אום אויסצוזען ווי ווייבער.

אויך די כהנים׳שע ׳מונדירן׳ זיינען באמת געווען אַ שטייער געצאָלט דער פרוי.

„און די דאָזיקע זיינען די בגדים, וועלכע זיי וועלן זיך מאַכן, אַ חשן, אַ אפוד און אַ מאַנטל און אַ העמד״ (ד׳). אויך דער ציץ איז געווען אַ מין שטערן־טיכל. „און דו זאָלסט מאַכן אַ ציץ פון ריינעם גאָלד״ (ה׳). „און ער זאָל זיין אויף אהרן׳ס שטערן״ (ו׳). אויך דער בוימל און דאָס זאַלבן (ז׳) איז אַ ווייבערישער ענין, אַ טייל פון זייער קאָסמעטיק. דאָס זאַלבן פון א קעניג איז אויך אַ רעשטל פון מאַטריאַרכאַט.

אויך די קטורת דערמאָנט ווייבערישע פּערפיומעריע...

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז אין קולט, אין גאָטעסדינסט, האָט פּרעוואַלירט ׳דאָס ווייבלעכע׳, ווייל דער גאָר פּאַרצייטיקער פּערסאָניפיצירטער רעליגיעזער הויפּט־פּרינציפּ איז געווען ניט גאָט, נייערט די גאָטיכע. פּעמיניטעט קומט צו־ערשט. ווי דער מאַטרי־אַרכאַט איז פריער, עלטער פון פּאַטריאַרכאַט, אַזוי איז די געטין קודם צו דעם גאָט, וועלכער איז, אין א געוויסן פּרט, אַן אוזור־פּאַטאָר.

„עס זיינען דאָ ראיות, אַז וועלכע עס איז פאָרם פון מוטער־

רעכט האָט אַמאָל עקסיסטירט אין אייראָפּע, בשעת בנוגע דעם סו־דאַן זיינען דאָ היסטאָרישע דאַטן, אַז פינף הונדערט יאָר צוריק האָבן די בעדזשוען (Beja)... געפירט זייערע גענעאַלאָגיעס פון דעם מוטער־צד... אין מעלאַנעזיע... און אייניקע טיילן פון אַמע־ריקע, איז דאָ אַ פּאָזיטיווע עווידענץ פון אַ איבערגאַנג פון מאַטרילי־ניאַלע צו פּאַטריליניאַלע אינסטיטוציעס" (45). „אַנטראָפּאָלאָגישע אויספאָרשונגען אין משך פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט האָבן באַוויזן, אַז אומעטום איז מוטער־רעכט געווען קודם צו פּאַטער־רעכט" (46). „די געבורט סאַנקציאָנירט דעם קינד" (47). דאָס קינד געהערט צו דער מוטער, דער פּאָטער האָט אָהער קיין שייכות ניט. דאָס קינד קריגט זיין סאַנקציע דירעקט פון מוטער־נאַטור און פון דער אייגענער מוטער, דער געבוירערין. „פילע פאָרשער האַלטן, אַז דער איבערגאַנג פון מאַטריאַרכאַט צום פּאַטריאַרכאַט איז אַ אוניווערסאַלער שטריך פון דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט" (48).

און אַזוי ווי די מוטער האָט מער דעה, לכתחילה, איבער אי־רע קינדער, ווי דער פּאָטער, איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך דער הימלשער פּאָטער האָט געמוזט האָבן ווייניקער דעה איבער די מענטשנקינדער, ווי די הימלשע מוטער. די הימלשע קעניגין איז געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע איבער דער ערד און אירע באַוואוינער, און צו איר האָט מען געדינט. דער „אבינו שבשמים" האָט ניט געקענט אויפקומען פאַר׳ן פּאַטריאַרכאַט, דאָס הייסט היפּש־שפּעטלעך.

„און עס האָבן געענטפערט ירמיהו׳ן אַלע מענער, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז זייערע ווייבער רויכערן צו פרעמדע געטער, און אַלע פרויען, וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי, אַ גרויסער עולם, און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנד מצרים... אַזוי צו זאָגן:

דאָס וואָס דו האָסט גערעדט צו אונז אין נאָמען פון יהוה, וועלן מיר דיך ניט פאָלגן. וואָרים טאָן וועלן מיר טאָן דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן געזאָגט, צו רויכערן פאַר דער הימל־קעניגין און גיסן צו איר געטראַנקען, ווי עס האָבן געטאָן מיר און אונזערע על־טערן, אונזערע קעניגן און אונזערע האַרן אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים..

און מיר האָבן געהאַט ברויט צו זאַט און עס איז אונז געווען

גוט, און קיין בייז האָבן מיר ניט געזען. און פון דעמאָלט־אָן ווי מיר האָבן אויפגעהערט צו רויכערן צו דער הימל־געטין און גיסן צו איר געטראַנקען, ליידן מיר מאַנגל, און מיר קומען אום פון שווערד און הונגער. און וואָס איז, אַז מיר רויכערן צו דער הימל־קעניגין און גיסן פאַר איר געטראַנקען, צי דען אָן דעם וויסן פון אונזערע מענער האָבן מיר געמאַכט האַרן־קוכנס זי פאַרצושטעלן און גיסן פאַר איר געטראַנקען" (ח).

„צי דען זעסטו ניט וואָס זיי טוען אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים? די זין קלייבן האָלץ און די טאַטעס האַלטן אָן דעם פייער ברענענדיק, און די ווייבער קנעטן טייג צו מאַכן האַרן־קוכנס פאַר דער הימל־קעניגין און גיסן געטראַנקען צו פרעמדע געטער בכדי מיך צו דערצאָרענען" (ט).

פון טעקסט איז לייכט צו זען, אַז די פרויענשאַפט ווייזט אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס אין דעם קולט פון דער הימל־קעניגין. עס איז נאַטירלעך. זי איז געווען זייערע אַן אייגענע, זי האָט פאַרגע־שטעלט אַ רעשטל פון זייער פאַרצייטיקער גדולה און ממשלה. און די פרויען האָבן ניט געוואָלט אויפגעבן אָט־דעם קולט, וועלכער איז געווען ביי זיי אַזוי באַליבט און טייער, — הייליק.

„בכדי איינגאַנצן איבערצוררייסן די פאַרבינדונג מיט זיין קאָנ־קורענטין, די מלכּת־השמים, איז געווען נויטיק אָפּצושאַפן די אַלטע קאָנצעפּציע פון אַ נקבה־אַספּעקט אָדער קעגנטייל... די לערע מכּח דער אייניקייט און איינציקייט, די קאָנצעפּציע פון אים אַלס דעם איינציקן גאָט, האָט אַ שייכות, קודם־כּל, ניט אַזוי פיל צו דער אָפּלייקענונג פון זיינע האַמאָלאָגן, ווי צו דער אָפּלייקענונג פון זיין זכר'שן קעגנזאַץ" (49).

די יהוה קאָנצעפּציע איז ריכטיקער ניט קיין אָפּשאַפונג פון דעם „איך" אַלס זי, פון גאָט אַלס גאָטיכע, נאָר אַ סינטעז, אַ זכר־נקבה השגה, אַ קאָמבינאַציע פוןביידע עלעמענטן. די ביבל אָנ־דערקענט ניט דעם קאַמף צווישן גאָט און דער געטין, ווי די אידנשאַפט האָט ניט אָנדערקענט דעם קריג צווישן דעם מענערטום און דער פרויענשאַפט. דער איד האָט בכלל ניט געהאַלטן, אַז דער מאָמענט פון מלחמה קען באַטראַכט ווערן אַלס עפּעס פּאָזיטיוועס סיי אין געמיינדע־לעבן און סיי אין קאָסמאָס־עקזיסטענץ.

„איין אַספּעקט פון דעם געפּעכט איז געווען ניט ריין רעליגיעז, נייערט פּאָליטיש. דעם רעליגיעזן אידנ'ס אָפּאָזיציע צו דער הימל־

מלכה איז געווען אויך אַ קאַמף פון דעם פּאַטריאַרכאַטישן פּרינ־ציפּ קעגן די איבערבלייבענישן פון דער מאַטריאַרכאַלער געזעל־שאַפט״ (50).

עס איז ריכטיק, אַז די קעגנערשאַפט צו דער גאָטיכע־אידייע האָט זיך געשטיצט אויף דעם פּאַטריאַרכאַטישן פּרינציפּ, אָבער דער מיטל ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער הערשאַפט פון די גאָטיכעס איז ניט געווען דאָס פאַרדרענגען דעם סאַמע עצם השגה פון דער מו־טער־הערשאַפט און מוטער־רעכט, נאָר, פאַרקערט, דאָס איינקאָר־פּאַרירן די דאָזיקע אידייע טאַקע אין יהוה, אַ פאָרם, וועלכע איז גע־ווען געבנוג אַלט צו זיין אויך מאַטריאַרכאַטיש...

„עס זאָלן ניט זיין צו דיר קיין אַנדערע געטער אויף מיין גע־זיכט. רבי יצחק האָט געזאָגט: ׳קיין אַנדערע געטער׳ — די שכינה איז אויסגענומען; ׳אויף מיין געזיכט׳, דאָס געזיכט פון קעניג איז אויסגענומען, ווייל אין זיי זעט מען דעם הייליקן קעניג און זיי זיינען זיין נאָמען. און ער איז זיי, ׳ער׳ איז זיין נאָמען, ווי עס שטייט געשריבן, אני, יהוה, הוא שמי (ישעיה מ״ב, ח׳), ער און זיין נאָמען זיינען איינס״ (י׳).

אַ סינטעז איז באַשאַפן געוואָרן אין דעם איכטום, אין דעם אני, און, ממילא, אויך אין דער פּראָיעקציע פון איכטום, אין דעם אני־יהוה. די אידישע לערע מכח דעם אחד מיינט קודם־כל, אַ סינ־טעזירונג און פאַראייניקונג פון ביידע געשלעכטער אין יעדן אידישן הויז, אין דער אידישער משפחה, אין אידישן ציבור־לעבן, און מהאי טעמא, אַלס אַ פּועל־יוצא, זיינען די דאָזיקע צוויי עלעמענטן גע־וואָרן איינס אין אני־יהוה.

יהוה ענדיקט זיך מיט א ה׳, מיט דעם אויסגעשפּראָכענעם סימן פון לשון־נקבה. און יהוה איז, באמת, פילאָלאָגיש און עגאָלאָגיש מער ווייבלעך איידער מענלעך. גאָר אַמאָל האָט ער געהייסן „שדי״, וואָס מיינט בוכשטעבלעך „ברוסט״. דאָס צייגט אונז, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פּרינציפּ, וועלכער ווערט פּערסאָניפיצירט אין דער געשטאַלט פון אַ מוטער.

אלהים האָט אַ ה׳ פאַר׳ן סימן רבים ׳ים׳. דאָס ווייזט, אַז דאָס וואָרט אלהים איז ניט קיין מערצאָל פון ׳אל׳, נייערט פון ׳אלה״, אַ מאָדוס פון פאַרהעלטעניש, וועלכער נעמט אָן דעם אָס־פּעקט פון עפּעס ווייבלעכס. אַזוי אַרום אין ביידע שמות, אין די צוויי הויפּט־אַנרופעניש זעען מיר אַ סינטעז פון

ביידע געשלעכטער, פון ביידע כחות. נאַטירלעך ווען די טעקסטן פון דער ביבל און אפילו די זאָגונגען, ווען די ביבל איז נאָך געווען אַ תורה שבעל־פה, האָבן מארשירט פון דור צו דור, האָט מען די נקבה־סימנים אָפּגעריבן, און עס האָט געגומען אויסזען, ווי אלהים און יהוה זיינען אויסשליסלעך „מ ע נ ל ע ך" לויט זייער כאַראַקטער. וואו ניט וואו זיינען געבליבן רעשטלעך פון „ווייבלעכקייט", אין דעם פסוק פון ירמיהו, וועלכן דער רעדאַקטאָר האָט פאַרקוקט, און ניט געענדערט דעם כתיב. „ישראל איז הייליק צו יהוה'ן, ער איז דער אָנפאַנג פון איר (תבואתה) תבואה" (י"א).

ווען דער געשלעכטער־קאַמף איז כמעט ווי פאַרשטילט געוואָרן, סאָציאָלאָגיש, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, צוליב דעם וואָס דער מאַנצ־בילטום האָט באַזיגט דעם פרויענטום, ד. ה. דער ע ק ז ע ק ו ־ ט י ו ו, האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטער דעם ד י ר ע ק ־ ט י ו ו, דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן צוריק צו ר ע סט אַ ו ־ ר י ר ן דעם אמת'ן פאַרשטיין פון יהוה, — וועלכער איז אַן איכ־טום, וואָס איז אַ ז י כ ט ו ם, אַ „זי־איך", אַ „זיך", „ז" איז דער פּרינציפּ פון לעבן „זאָא", — און מ'האָט גענומען געברויכן ווערטער ווי שכינה, גבורה און שפּעטער צו, אויך מטרוניתא.

דער פולער טייטש פון יהוה, י—ה—ו—ה, איז א י ך ־ ז י ך ־ ע ר ־ ז י ך (זי־איך) (זי־איך), אָדער „איך־זי־ער־זי", אָדער פאַרקירצט „זיך" אַ וואָרט, וועלכער גילט פאַר ביידע געשלעכטער.

אָבער בכלל איז אין אידנשאַפט דער קאַמף ניט פאַרגעקומען פאַרשאַרפט, פאַרביסן, נאָר מ'איז איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה, אויף אַ סינטעז, ווי דער וואָרט „יהוה" אליין זאָגט עדות, אז א סינ־טעטישע אויפפאַסונג האָט געהערשט אין פאַרצייטיקער אידנשאַפט.

מיר וועלן ברענגען אייניקע ציטאַטן, וועלכע ריידן וועגן אלהים אָדער יהוה אַלס „גבורה".

„ניט ווי ער הערט פון פּאַסטוכ'ס מויל, נאָר ווי ער הערט פון דעם מויל פון דער גבורה" (י"ב).

„משה איז געווען ראוי צו לערנען פון דעם מויל פון דער גבורה" (י"ג).

„גבורה" שטאַמט פון דעם „אלהים". ווען מ'וואַרפט אָפּ דעם „ים" פון סימן רבים, בלייבט „אלה" — גבורה. דאָס איז די אי־דישע פאַרטייטשונג און אויך, אויף־אַמאָל, סובלימירונג, פון דער „אלה" אַלס גאָטיכע.

„אנכי ולא יהיה לך" האָבן מיר געהערט פון דעם מויל פון דער גבורה" (י"ד).

„דער וואָס באַזיצט די גאַנצע גבורה" (ט"ו). „דער הייליקער געבענטשט־איז־ער" (ט"ז).

„ער איז געקומען לערנען די תורה, וועלכע איז געזאָגט געוואָרן פון דעם מויל פון דער גבורה" (י"ז).

„און וואָס האָט משה געענטפערט פאַר דער גבורה?" (י"ח).

יעדער וואָרט און וואָרט, וואָס איז אַרויס פון מויל פון דער גבורה" (י"ט).

„איך" און „עס וועט ניט זיין" האָבן מיר געהערט פון דעם מויל פון דער גבורה" (כ').

„זיי האָבן ניט גערייזט לויט דעם באַפעל פון דער גבורה" (כ"א).

„וואַרט צו ביז איך וועל זיך באַראַטן מיט דער גבורה" (כ"ב).

„משה האָט עס געזאָגט פון דעם מויל פון דער גבורה" כ"ג).

ניט וויייניקער ווייבלעך, זיכער מער צערטלעך, זעט אויס דאָס וואָרט און השגה פון דער „שכינה".

„אין דריי ערטער האָט די ש כ י נ ה גערוט אויף אידן" (כ"ד).

„הכל משמשים פנים נגד עורף חוץ משלשה שמשמשים פנים כנגד פנים, ואלו הן: דג, נחש ואדם; ומאי שנא הני תלתא?... הואיל ודברה עמהם ש כ י נ ה" (כ"ה).

„וואוהין מ'וועט זיי פאַרטרייבן, וועט די ש כ י נ ה זיין מיט זיי" (כ"ו).

„די צדיקים האָבן געמאַכט רוען די ש כ י נ ה אויף דער ערד" (כ"ז).

„האָבן געזאָגט די מלאכים פאַר'ן הייליקן געבענטשט־איז־ער: רבונו־של־עולם, דער וואָס האָט חרוב געמאַכט דיין הויז און האָט פאַרברענט דיין טעמפל, וועסטו אים אַרונטערנעמען אונטער די פליגלען פון דער ש כ י נ ה" (כ"ח).

„פיר חברות וועלן ניט אויפנעמען דאָס געזיכט פון דער ש כ י נ ה, חברה לצים, חברה ליגנער, חברה היפאָקריטן און חברה לשון הרע'ניקעס (כ"ט).

„בכדי די ש כ י נ ה זאָל זען און אין כעס ווערן" (ל').

„די ש כ י נ ה זאָלסטו ניט מאַכן רוען אויף זיי" (ל"א).

„זעקס חדשים האָט זיך די ש כ י נ ה אָפּגעטאָן פון אים (דוד׳ן)״ (ל״ב).

„דער וואָס קריגט אויף זיין רבי׳ן, ווי ער וואָלט קריגן אויף דער ש כ י נ ה... דער וואָס פירט אַ מחלוקת מיט זיין רבי׳ן, ווי ער וואָלט פירן אַ מחלוקת מיט דער ש כ י נ ה... דער וואָס באַקלאָגט זיך אויף זיין רבי׳ן, ווי ער וואָלט זיך באַקלאָגט אויף דער ש כ י נ ה... דער וואָס טראַכט נאָך זיין רבי׳ן, ווי ער וואָלט נאָכטראַכטן די ש כ י נ ה״ (ל״ג).

„עס איז אַרויס אַ בת־קול פון הימל און האָט געזאָגט צו זיי: צווישן אייך איז דאָ אַ מאַן, וועלכער איז ווערט אַז די ש כ י נ ה זאָל רוען אויף אים״ (ל״ד).

„די ש כ י נ ה איז איבער מיין קאָפּ״ (ל״ה).

„קל וחומר צו דער ש כ י נ ה״ (ל״ו).

„משה האָט געבעטן, אַז די ש כ י נ ה זאָל ניט רוען אויף די אומות העולם״ (ל״ז).

„און בלעם האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט דערזען ווי ישראל רוט לויט זיינע שבטים (במדבר כ״ד, ב׳). וואָס האָט ער געזען? ער האָט געזען, אַז די אַריינגאַנגען אין זייערע געצעלטן זיי־נען ניט געווענדט איינער קעגן אַנדערן, האָט ער געזאָגט: זיי זיי־נען ווערט, אַז די ש כ י נ ה זאָל רוען צווישן זיי״ (ל״ח).

די שכינה האָט צו טאָן מיט דעם הויז, מיט דעם געצעלט, וועלכער געהערט צו דער אשה.

„׳און זי האָט אים דערזען, דעם קינד,׳ עס האָט געדאַרפט שטיין ׳און זי האָט דערזען׳? האָט געזאָגט רבי יוסי... זי האָט דערזען די ש כ י נ ה מיט אים״ (ל״ט).

אַ קליין קינד נויטיקט זיך אין אַ מוטער־אויפפּאַסונג, און די ש כ י נ ה פיגורירט דאָ אַלס מוטער.

„דאָס מויל וואָס וועט ריידן מיט דער ש כ י נ ה זאָל זויגן אַ טמא זאַך״ (מ׳).

דער „דיבור״ קומט אַלע מאָל מיט דער שכינה, ווייל דער לשון איז אַ פרויען־פּראָדוקט, זיי, די פרויען, די מוטערס, האָבן קולטיווירט די שפּראַך און זי איבערגעגעבן צו די קינדער און עס איז פאַרבליבן די באַצייכענונג פון דעם נאַציאָנאַלן לשון אַלס מו־טער־שפּראַך.

„צוויי ארונות איינער פון אַ טויטן (יוסף) און דער צווייטער

פון דער שכינה (ארון הברית) גייען צוזאַמען״ (מ״א).

„ברית״ איז דאָך אַ לשון נקבה, דערפאַר שיקט זיך דאָ די שכינה, וועלכע איז אַ פרוי.

„נאָך דעם יהוה אלהים זאָלט איר נאָכגיין (דברים י״ג, ה׳), צי קען דען אַ מענטש נאָכגיין נאָך דער שכינה?!״ (מ״ב).

„מאַן און פרוי, אויב זיי האָבן זוכה געווען — איז די שכינה צווישן זיי, האָבן זיי ניט זוכה געווען, — ועט זיי אַ פייער פאַר־צערן״ (מ״ג).

„ווייל ער האָט דאָך צעטיילט זיין נאָמען (יה) און האָט אים אַריינגעטאָן צווישן זיי, דעם י׳ אין מאַן (איש), דעם ה׳, אין דער פרוי (אשה)״ (מ״ד).

יהוה, יה, די שכינה איז צווישן זיי דערפאַר, וואָס יהוה, יה איז אַליין אַ פאַראייניקונג פוןביידע עלעמענטן אין איכטום־ זיכ־טום.

„און עס איז געווען דאָס וואָרט פון יהוה צו יונה׳ן אַ צווייטן מאָל, אַ צווייטן מאָל האָט די שכינה גערעדט מיט אים, אַ דריטן מאָל האָט די שכינה ניט גערעדט מיט אים״ (מ״ה).

„עס שטייט געשריבן: „און איר וואָס זיינען באַהעפט אָן יהוה אייער אלהים״ (דברים ד׳, ד׳), צי איז דען מעגלעך זיך צו באַהעפטן אָן דער שכינה? אלא וואָס דער וואָס מאכט חתונה זיין טאָכטער צו א תלמיד־חכם... איז גלייך ווי ער וואָלט זיך באַהעפט אָן דער שכינה״ (מ״ו).

„תמיד זאָל אַ מענטש זיך אָפּלערנען פון זיין באַשעפער, וואָרים דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט פאַרלאָזן אַלע הויכע בערג און היגלען און ער האָט געלאָזט רוען זיין ש כ י נ ה אויפ׳ן באַרג סיני״ (מ״ז).

„און זיין שוועסטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון־דער־ווייטנס. (שמות ב׳, ד׳). האָט רבי יצחק געזאָגט: דער גאַנצער פסוק איז געזאָגט געוואָרן אויף דער שכינה״ (מ״ח).

די שכינה איז אידענטיפיצירט מיט דער שוועסטער, מיט מרים׳ען, די גאָטיכע איז אַ פרוי, און די שכינה איז ווייבלעך.

„אַכציק תלמידים האָט געהאַט הלל הזקן, דרייסיק פון זיי זיינען ראוי געווען, אַז די ש כ י נ ה זאָל רוען אויף זיי״ (מ״ט).

זעקס חדשים האָט געוואַרט די שכינה אויף די אידן אין מדבר״ (נ׳).

„צען רייזעס האָט די שכינה געמאַכט (נ״א).
„אונזער רבי איז געווען ראוי, אַז די שכינה זאָל רוען אויף אים״ (נ״ב).
„צי איז עס מעגלעך, אַז דו זאָלסט דרשנ׳ען אין מעשה מרכבה און די שכינה איז מיט אונז און מלאכים באַגלייטן אונז און איך וועל רייטן אויפ׳ן אייזל״ (נ״ג).
„דער וואָס טוט אן עבירה אין פאַרבאָהעלטעניש, איז גלייך ווי ער וואָלט צודריקן די פיס פון דער שכינה״ (נ״ז).
„די שכינה רוט ניט אויף ווייניקער פון צוויי טויזנט און צוויי צענדליק טויזנט פון ישראל״ (נ״ה).
„איז עס מעגלעך, אַז ער זאָל זינדיקן — און די שכינה זאָל זיין מיט אים״ (נ״ו).
„ניט דערפאַר וואָס דער סנה איז געווען העכער פון אַלע בוי־מער, האָט דער קדוש־ברוך־הוא געלאָזט אויף אים רוען זיין שכינה, נאָר דערפאר וואָס ער איז געווען נידעריקער פון אַלע בוימער״ (נ״ז).
„ווייל די שכינה רוט ניט ביז שבת אין דער פרי״ (נ״ח).
„איך גלויב ניט, אַז דער צדיק האָט עס געזאָגט, און אויב ער האָט עס יאָ געזאָגט, וואָס קען איך טאָן, די שכינה האָט עס גע־זאָגט (נ״ט).
„די שכינה רוט בלויז אין די געצעלטן פון שם״ (ס׳).
„פינף זאַכן האָבן אונטערשיידט דעם ערשטן בית־המקדש פון צווייטן, און דאָס זיינען זיי: דער ארון כפורת און די כרובים, פייער און די שכינה, רוח הקדש און אורים ותומים״ (ס״א).
צוויי אויסבעטעכצן האָט ער (ראובן) צעמישט, איינע פון דער שכינה און איינע פון זיין פאָטער״ (ס״ב).
„אַזוי פלעגט זיך יעקב פירן, אין יעדן פון די פיר געצעלטן פון זיינע ווייבער פלעגט ער אָוועקשטעלן אַ בעט פאַר דער שכינה... אַן אַנדער אויסטייטש: איידער עס איז געבויט געוואָרן דער אהל־מועד פלעגט די שכינה זיך געפינען אין די געצעלטן פון די צדיקים״ (ס״ג).
פון דעם טעקסט זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז די שכינה איז ו ו י י ב ל ע ך, אַז זי איז יעקב׳ס פרוי. ד. ה. די שכינה האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דאָס ווייבלעכע. די שכינה איז, מיט אַנדערע ווערטער, די אורפרוי, די אורמוטער, די „אויבערשטע מוטער״.
„צוויי וואָס זיינען אַריין דאַוונען און איינער האָט זיך צוגע־

איילט און ער האָט אָנגעהויבן צו דאַווגען און האָט ניט געוואַרט אויף זיין חבר — איז ער גורם, אַז די ש כ י נ ה זאָל זיך אָפּ־טאָן פון אידן״ (ס״ד).

„דער וואָס זאָגט אַ זאַך, וואָס ער האָט ניט געהערט פון זיין לערער, איז גורם אַז די ש כ י נ ה זאָל זיך אָפּטאָן פון ישראל״ (ס״ה).

„דער וואָס גייט פיר איילן מיט אַ פאַרדריסענעם קאָפּ, איז גלייך ווי ער וואָלט צודריקן די פיס פון דער שכינה״ (ס״ו).

„באַשיידענער הלל, זאָלן ברכות רוען אויף דיין קאָפּ דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך אַרונטערגעבראַכט אונטער די פליגלען פון דער שכינה״ (ס״ז).

„צוליב דער זינד פון שפיכת־דמים איז דער בית־המקדש רוי־אינירט, און די שכינה טוט זיך אָפּ פון ישראל״ (ס״ח).

„צען אַראָפּנידערונגען האָט די שכינה געמאַכט״ (ס״ט).

„דורך צען שטופּן האָט זיך די שכינה אָפּגעטאָן״ (ע׳).

„פון וואַנענט ווייסן מיר, אַז די שכינה געפינט זיך אומע־טום ?״ (ע״א).

„קיינמאָל איז די שכינה ניט אַראָפּ אונטן״ (ע״ב).

„עקיבא ! ביז ווי לאַנג וועסטו מאַכן די שכינה וואָכע־דיק״ (ע״ג).

„האָט ער געזאָגט צו אים : די זון, וועלכע איז בלויז איינע פון זיינע באַדינערינס זאָגסטו, אַז דו קענסט אויף איר ניט קוקן, אפשיטא שוין אויף דער שכינה״ (ע״ד).

„האָט אַ מאַן געזאָגט צו רבן גמליאל : איר זאָגט, אַז וואו צען, דאָרטן איז די שכינה, וויפיל שכינות זיינען דאָ ?״ (ע״ה).

„מאָרגן וועט קומען יענע מצרי׳טע און זאָגן : דער וואָס רעדט מיט דער שכינה, האָב איך אים געזויגן״ (ע״ו).

„דיך צו לערנען, אַז עס איז ניטאָ קיין לײדיקער פּלאַץ אָן דער שכינה אפילו דער סנה״ (ע״ז).

„דו געפינסט, אַז דער שבט לוי איז געמינדערט, און פאַרוואָס זיינען זיי ווייניק ? ווייל זיי האָבן געזען די שכינה״ (ע״ח).

„עס לערנט אונז, אַז דער שדי האָט אָפּגעשיידט פון דעם שיין פון זיין שכינה און זיין וואָלקן אויף אים״ (ע״ט).

„דער אהל מועד האָט זיך אָנגעפילט פון דעם שכינה־שיין און דער וועלט האָט ניט אויסגעפעלט שכינה״ (פ׳).

„די שכינה איז געווען אין בנימין׳ס חלק״ (פ״א).

„...אין דער באַנייאונג פון טעמפּל וואָס שלמה האָט געבויט, האָבן די אידן הנאה געהאַט פון שכינה־שיין״ (פ״ב).

„די מנורה אין משכן און בית־המקדש איז אַ צייגעניש, אַז די שכינה האָט גערוט ביי אידן״ (פ״ג).

„אין צווייטן בית־המקדש האָט די שכינה ניט גערוט״ (פ״ד).

„איידער די אידן האָבן געזינדיקט מיט׳ן עגל, האָט די שכינה גערוט אויף יעדן איינעם פון זיי״ (פ״ה).

„אפילו בשעת זיי זיינען אומריין, איז די שכינה מיט זיי״ (פ״ו).

„די שכינה האָט געקלונגען פאַר אים ווי אַ גלעקל״ (פ״ז).

„ווי נאָר זי איז דערגאַנגען ביז׳ן געצן־הויז האָט זיך אָפּגעטאָן פון איר די שכינה. האָט זי (אסתר) געזאָגט: ׳אלי, אלי, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן׳ (תהלים כ״ב, ב׳)״ (פ״ח).

׳אל׳ האָבן זיי געטייטשט, ווי עס וואָלט שטיין ׳אלה׳...

„וואוהין זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן, איז די שכינה מיט זיי... און זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן, וועט די שכינה זיין מיט זיי״ (פ״ט).

„דאָרטן האָט מען מיך גערופן ׳רבי׳, און דאָ רופט מען מיך ׳רבי״. האָט ער אים געענטפערט: איך האָב דיר אַ טובה געטאָן מיט דעם, וואָס איך האָב דיך געבראַכט אונטער די פליגלען פון דער שכינה״ (צ׳).

„אויב עס זיינען ניטאָ קיין שולן און קיין בתי־מדרשים מאַכט דער קדוש־ברוך־הוא ניט רוען זיין שכינה״ (צ״א).

„פון וואַנען ווייסן מיר, אַז ווען צען דאַוונען איז די שכינה מיט זיי״ (צ״ב).

„יעדער דיין, וועלכער משפט לויט׳ן אמת, מאַכט רוען די שכינה ביי אידן״ (צ״ג).

„ווער עס לערנט תורה ביי דער נאַכט איז די שכינה אַנטקעגן אים״ (צ״ד).

„די שכינה שטייט צוקאָפּנס פון אַ חולה״ (צ״ה).

„די שכינה רוט ניט סיידן פון שמחה״ (צ״ו).

„די שכינה רוט בלויז אויף דעם, ווער עס איז קלוג, שטאַרק און רייך און געוויקסיק״ (צ״ז).

„דער קדוש־ברוך־הוא מאַכט רוען זיין שכינה בלויז אויף

יחסנ׳ישע משפחות ביי אידן" (צ"ח).

„אין דער צוקונפט־וועלט... צדיקים זיצן, זייערע קרוינען אויף די קעפּ און האָבן פאַרגעניגן פון דעם שכינה־שיין" (צ"ט).

„דער הייליקער־געבענטשט־ איז־ער מאַכט ניט רוען זיין שכינה אויף די אידן ביז עס וועלן זיך ניט אויסלאָזן שלעכטע ריכטער און באַאַמטע ביי אידן" (ק׳).

„ווען אַ מענטש האָט עגמת־נפש, וואָס זאָגט די שכינה?" (ק"א).

„ל"ו צדיקים וועלכע זעען דעם פנים פון דער שכינה (ק"ב).

„דער וואָס נעמט אויף זיין רבי׳ן ווי ער וואָלט שטיין צו באַדינען די שכינה" (ק"ג).

„דער וואָס היט אָפּ די מצוה פון ציצית איז זוכה צו זען די שכינה" (ק"ד).

„ווען אַ מאַן גיט אַ פּרוטה צו אַן אָרעמאַן, איז ער זוכה אויפצונעמען די שכינה" (ק"ה).

„דער וואָס איז מקיים די מצוה פון עולה־לרגל איז גלייך ווי ער וואָלט זען דאָס געזיכט פון דער שכינה" (ק"ו).

„דער וואָס בענטשט דעם חודש אין צייט, ווי ער וואָלט אויפנעמען די שכינה" (ק"ז).

„דער וואָס גייט אַרויס פון שול און גייט אַריין אין בית־מדרש און לערנט תורה, איז זוכה אויפצונעמען די שכינה" (ק"ח).

„הכנסת־אורחים איז וויכטיקער ווי אויפנעמען די שכינה" (ק"ט).

מיר האָבן מיט די דאָזיקע ציטאַטן ניט אויסגעשעפּט דעם שכינה־מאַטעריאַל. מיר האָבן בלויז געוואָלט אָנצייגן, אַז דער נאָמען שכינה אַנשטאָט אַן אַנדער שם ווערט אָפט געברויכט. די דערקלערונג פאַר דעם וואָס אַ פרוי־געשטאַלט קומט דאָ אַריין האָבן מיר געגעבן און די דערקלערונג איז פונדאַמענטאַל. ווייל די פרוי, נקבה־פיזיאָנאָמיע אין דעם איכטום איז זייער אַרכאַאיש און איז פיל עלטער פון דער זכר־צורה, ווי דער וואָרט „שדי", וואָס איז עלטער אפילו פון יהוה, זאָגט עדות.

שדי איז אַלע מאָל פאַרבונדן מיט פרוכפּערונג און מערונג און עס באַדייט די ברוסט, פון וואָרט „שדים". עס איז נאַטירלעך, אַז פון שדי זאָל אַרויסקומען די ש כ י נ ה, ווייל שדי שטעלט פאַר דעם ציבור-איך אין א ריינער ווייבלעכער געשטאַלט. דערפאַר

שטייט דער וואָרט „שדי״ אויף דער מזוזה ביי דער טיר, דאָס ציי‏גט אַז דאָס הויז געהערט צו דער פרוי, און „שדי״ גיט אַכטונג אויף דער שטוב.

„און ער האָט געזאָגט צו אים „איך בין דער אל שדי (ק״י). און גלייך נאָכדעם זאָגט ער אים „און איך וועל דיך פאַרמערן זייער און זייער״ (ק״יא). „און איך וועל דיך פרוכפערן זייער און זייער״ (ק״יב).

„און אלהים האָט געזאָגט צו אים: איך בין אל שדי, פרוכפער זיך און מער זיך (ק״יג).

שדי זאָגט אָן אברהם׳ען וועגן ברית מילה. ווייל ברית־מילה ציי‏גט, אַז דער זכר פאַרפליכט זיך צו זיין לאָיאַל צו דער פרוי־ענשאַפט פון זיין שטאַם. דאָס איז דער מיין פון „בונד״. דעם בונד שליסט דער שדי, וועלכער רעפּרעזענטירט די מוטערשאַפט, די ברוסט. דער בונד ווערט געשלאָסן מיט דער קאָלעקטיווער פרוי. דערפאַר ווערט דערציילט, אַז ציפורה, משה׳ס ווייב איז מל איר זון. משה טוט עס ניט, נאָר זי, די פרוי, טוט עס. ברית־מילה אַנט־האַלט אין זיך מאַטריאַרכאַטישע עלעמענטן. דער ברית ציי‏גט די צוגעהעריקייט און אונטערגעוואָרפנקייט פון זכר, פון זון צו דער מוטער. ער איז מקריב צו איר אַ טייל פון זיין קערפער, דעם טייל, וועלכער געהערט צו דער פרויענשאַפט.

ברית־מילה, אָט־דער ׳בונד׳, איז א פשרה, דער קאָמפּראָמיס אויף וועלכן דער מענ׳ערטום און פרויענשאפט זיינען איינגעגאנגען. און דאָס איז דער צייכן פון שלום, וועלכער ווערט געשלאָסן אין דעם אידישן ציבור־איכטום. ברית-מילה איז א פאַרמאַסקירטע אונטערטעניקייט פון דעם זכר צו דער נקבה, און אין דער זעלביקער צייט איז עס דער אָפּ־גאַנג פון קאַסטרירונג, א מנהג וועלכן דער פּאַטריאַרכאט האָט פּראַק־טיצירט, און איבערגאַנג צו א סימבאָל, וועלכער איז דאָפּלט: ער באַ־פרידיקט אי דעם הערשנדיקן פּאַטריאַרכאַט און אי דעם איבערוואונדע־נעם מאַטריאַרכאַט. ברית־מילה איז א נאָכגעב, א קאָנצעסיע, אויף וועלכער עס האָבן זיך געאייניקט ביידע שטרייטנדיקע טיילן פון דעם סאָציאַלן אַגרעגאט.

„ווער עס פאַרקערט געשלעכטלעך מיט אַ טאָכטער פון אַ „פרעמדן גאָט״ און ער טוט אַריין דעם הייליקייט־בונד און זיין קיום־צייכן אין אַן אַנדער רשות, ווי עס שטייט געשריבן, „און ער האָט באַמאַנט אַ טאָכטער פון אַן „אל נכר״ (מלאכי ב, י״א). און

מיר האָבן געלערנט, אַז עס איז ניטאָ קיין אייפערזוכט ביי דעם הייליקן־געבענטש־איז־ער אויסער דער אייפערזוכט פון הייליקן ברית, וועלכער איז דער קיום פון הייליקן נאָמען און די מיסטעריע פון גלויבן... ווער עס טוט אַריין די דאָזיקע הייליקייט אין אַ פרעמדן רשות, ווערט אויף אים געשריבן, „עס זאָל ניט זיין קיין אלהים אחרים אויף מיין געזיכט, דו זאָלסט זיך ניט בוקן צו זיי און זאָלסט זיי ניט דינען, וואָרים איך, יהוה, דיין אלהים בין אַן אייפערזיכטיקער אל (שמות כ׳, ג״ה). און דאָס איז אַלץ איין אייפערזוכט" (קי״ד).

געשלעכטלעכער פאַרקער, איז דער וויכטיקסטער טייל פון שדי־קולט. עס איז אַ פאָרם פון בוקן זיך און דאָס איז געצנדינסט... אין מילה ליגט דער אָנזאָג און פאַרפליכטונג חתונה צו האָבן מיט די אייגענע, מיט די פרויען פון דעם אייגענעם שבט. און די דאָזיקע פאַרפליכטונג צו לאָיאַליטעט איז דער יסוד פון דער אידישער אמונה, אין וועלכער יהוה רעפּרעזענטירט גאַנץ־סימפּאַטעטיש דעם פּרויענטום פון דעם אידישן ציבור.

צוגלייך מיט דער שכינה און גבורה געברויכט דער זהר דעם כינוי „מטרוניתא".

„וואָס איז דער וועג פון עץ־החיים? דאָס איז די גרויסע האַרנטע, זי איז דער וועג צו יענעם גרויסן, מעכטיקן בוים פון לעבן... אַלע שליחות׳ן, וואָס דער קעניג דאַרף מאַכן, קומען אַרויס צו דער מטרוניתא, און יעדע שליחות וואָס קומט פון אונטן צום קעניג, קומט פאַר דעם אַריין צו דער מטרוניתא און פון דאָרטן צום קעניג. אַזוי אַרום שטעלט זיך אַרויס, אַז די מטרוניתא איז די שליח׳טע פון אַלץ, פון אויבן אַרונטער־צו און פון אונטן אַרויף־צו... ער האָט געזאָגט, פון איצט־אָן ווער עס דאַרף ריידן מיט מיר, קען צו מיר ניט צוקומען, איידער ער וועט זיך פאַרשטעלן פאַר דער מטרוניתא...

שטעלט זיך אַרויס, אַז אַלץ געפינט זיך אין דער האַנט פון דער מטרוניתא און דאָס איז די פּאָזיציע פון דער מטרוניתא" (קט״ו).

„דער הייליקער מלך האָט איבערגעגעבן דאָס הויז אין רשות פון דער מטרוניתא" (קט״ז).

דער טעקסט ווייזט קלאָר, אַז די מטרוניתא איז די עקזעקוטירנדע מאַכט, בשעת דער „קעניג" איז די דירעקטירנדיקע.

„האָט געזאָגט רבי חמא: עס שטייט געשריבן, 'דאָס זיינען די געבורטן פון דעם הימל און פון דער ערד' (בראשית ב, ד'), 'דער הימל' אריינצונעמען דעם הייליקן געבענטשט־איז־ער, 'די ערד" אריינצונעמען די הייליקע־געבענטשט־איז־זי. און אַלע וועלכע געפי־נען זיך אונטן ווערן אָנגערופן געבורטן פון הימל. האָט געזאָגט צו אים רבי יצחק: אויב אַזוי, וואָס באַדייט דער 'בהבראם', און מיר האָבן געלערנט, אַז מיט אַ ה' האָט ער זיי באַשאַפן. האָט אים רבי חמא געענטפערט: דאָס אַלץ איז איין זאַך. בשעת די הימלען האָבן זיך פאראייניקט האָט יענע ה' ארויסגעבראכט וולדות און זיי הייסן די געבורטן פון הימל און ערד... די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך אַ ה', די קומענדיקע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיט אַ י' " (קי"ז).

הימל איז דער זכר, דער הימל קדוש־ברוך־הוא איז דער מענ־לעכער עלעמענט. די ערד איז די נקבה, און די ערד די הייליקע גע־בענטשט־איז־זי רעפּרעזענטירט דאָס ווייבלעכע. די דאָזיקע צוויי עלעמענטן זיינען דער דירעקטירנדיקער, אָנפירנדיקער און דער עק־זעקוטירנדיקער, אויספירנדיקער.

דער 'זי'־קדוש־ברוך־הוא' איז געבוירן געוואָרן פון 'ראשית', וועלכע איז דער גאַר־ערשטער מאמר. 'ראשית' איז אַ לשון נקבה. און די 'ראשית' געבוירט דעם 'אלהים' (קי"ח), וועלכער אַנטהאַלט סיי דאָס מענלעכע און סיי דאָס ווייבלעכע, הגם דאָס מענלעכע וועגט אין אים אַריבער.

„'יהי' איז אין דער מיסטעריע פון פאָטער און מוטער, ווייל ער באַדייט 'יה'" (קי"ט).

'יה' אַנטהאַלט דעם זכר און די נקבה, ד.ה. דעם 'זיך', וועלכער איז אי אַ 'איך' און אי אַ 'זי'. איך באַצייכנט ביידע געשלעכטער, דאָס אייגענע 'יה', די צוויי וועלטן שטעלן פאַר מיט זיך די צוויי געשלעכטער, דאָס אָרגאַניזירנדיקע און דאָס אָר־גאַניזירטע, דאָס אָנפירנדיקע און אויספירנדיקע. מיט אַנדערע ווער־טער, די וועלט ווי מיר קענען זי און באַגרייפן זי, איז אַ וועלט פון אָביעקטן, פון דערשיינונגען, די צוקונפט־וועלט איז אַ וועלט פון גאָלע סוביעקטן, וועלכע קיינער קען לעת־עתה ניט באַגרייפן.

„האָט געזאָגט רבי יהודה: דער ה' אין יעדן פלאַץ איז די הייליקע געבענטשט־איז־זי און זי הייסט מוטער" (ק"כ).

„דער וועג פון די רשעים איז ווי פינצטערניש, זיי ווייסן ניט

דורך וואָס זיי ווערן געשטרויכלט" (משלי ד׳, י״ט). וואָס באַדייט דער פּסוק? ער מיינט אָט־וואָס: זיי ווייסן ניט און ווילן ניט וויסן און זיי ווערן געשטרויכלט אין 'וואָס', לייענט ניט 'במה', נאָר לייענט עס באמא, דורך דער מוטער. דורך די, וועלכע פּאַראייניקן זיך פון דער מוטער׳ס צד, וואָס איז דער מוטער׳ס צד? דאָס איז די גרויסע גבורה" (קכ״א).

דער 'וואָס' ווערט קעגנגעשטעלט דעם 'ווער', דער אָביעקט קעגן דעם סוביעקט. די רשעים ווערן געשטרויכלט, זייער וועג פירט אין דער פינצטערניש. זיי זעען בלויז דעם 'וואָס', דעם אָביעקט, ניט דעם סוביעקטיוון עלעמענט, און ניט די קאָמבינאַציע פון די צוויי כחות, די 'פאָטער־מוטער'־פאַראייניקונג.

„פאָטער און מוטער פאַראייניקן זיך אין אַלטן" (קכ״ב).

'יה' איז פאָטער און מוטער און דער 'זון' איז צווישן זיי. פאַרשטענדעניש איז אינגאַנצן אין דער פאַראַלגעמיינערונג פון 'קינדער', זון און טאָכטער 'וה', און פאָטער און מוטער געפינען זיך בלויז אין דער מוטער" (קכ״ג).

'יה' מיינט פאָטער־מוטער אָבער דער 'ה' צום סוף פון דעם איינזילביק וואָרט זאָגט עדות, אַז דאָס וואָרט, דער שם איז אַ מוטער־כינוי און 'פאָטער־מוטער' געפינען זיך אין דער מוטער. פון פאָטער און מוטער קומט אַרויס דער זון און די טאָכטער, פון דער קאָמבינאַציע פון סוביעקט און אָביעקט שפּראָצט אַרויס די פאַרשטענדעניש. אין העברעאיש האָבן ביידע ווערטער 'פאַרשטענדעניש' 'בינה' און זון 'בן' די זעלביקע קלאַנגען און זיי באַדייטן פילאָזאָפיש איינע און די זעלביקע זאַך. פאַרשטענדעניש באַשטייט, ווייטער, פון צוויי עלעמענטן, פון אַ צווילינג, פון אַ סוביעקט און אַן אָביעקט, וועלכע זיינען אַ 'זון און אַ טאָכטער'. אָבער דער דאָמינירנדיקער עלעמענט אין יה, אין יהוה איז דאָס ו ו י י ב ל ע כ ע. דאָס מענלעכע טיילט זיך אַרויס פון דאָס ווייבלעכע. דאָס דירעקטירנדיקע וואַקסט אַרויס, טיילט זיך אָפּ פון דאָס עקזעקוטירנדיקע.

יהוה ווערט פאַרשטאַנען אַלס אַן איך־ער, ריכטיקער אַלס אַ 'זיכער', וועלכע אַנטהאַלט אַן 'איך', וואָס איז טאָפּלט, אי זכר אי נקבה, יעדער איך איז כולל אין זיך אָט־די צוויי עלעמענטן. איך פילאָלאָגיש פאַרמאָגט ניט קיין צוויי באַצייכענונגען, אַ לשון זכר און אַ באַזונדערן לשון נקבה, אני, אנכי באַצייכנט ביידע געשלעכטער, און דאָס איז דער איינציקער שם הגוף, וועלכער גילט פאַר

אַט־דער טאָפּלטער קאָנאָטאַציע. אתה, את, הוא, היא, 'דו' האָט אַ 'דואיכע', 'ער' האָט אַ 'זי', 'איך' בלייבט 'אני', 'אנכי', אָן נקבה־ענדערונגען. יהוה, לכן, מיינט איך־ער־זי, איך (זכר)־איך (נקבה) ־ער־זי.

„די צוקונפט וועלט איז געבוירן געוואָרן דורך דעם י' און אַלץ ווערט אַריינגערעכנט אין י' און דעריבער הייסט ער פאָטער צו אַלעמען, פאָטער פון די פאָטערס" (קכ"ד).

דער לעתיד־לבוא איז אַ וועלט פון סוביעקטן און דער סוביעקט וועט גובר־זיין דעם אָביעקט. דאָס מיינט מעטאַפאָריש, אַז דער פּסיכאָלאָגישער אַמאָליקער 'מאַטריאַרכאַט' וועט בייגעקומען ווערן, און אַנשטאָט דעם 'אָביעקטיאַרכאַט' וועט געשאַפן ווערן אַ 'סוביעקטיאַרכאַט", ריכטיקער אַ פּשרה וועט געמאַכט ווערן.

„ה' איז די מוטער און זי הייסט 'בינה'. ו"ה זיינען די צוויי קינדער, וועלכע ווערן געקרוינט פון דער מוטער... דער י' באַהעפט זיך מיט דער מוטער, און זיי ברענגען אַרויס אַ זון, און דאָס איז 'בינה' פאָטער און מוטער, וועלכע זיינען יה (איך) האָבן אַ זון אין זיך... און דער פּאַר, וואָס זי איז די מוטער קרוינט זי זיך מיט דער קרוין פון דער כלה, און דער גוטער ווילן פון דעם י' וועט זיך קיין־מאָל ניט אָפּשיידן פון איר אויף אייביק" (קכ"ה).

די פאַראייניקונג פון סוביעקט און אָביעקט איז אַן אייביקע קאָמבינאַציע. די דאָזיקע צוויי עלעמענטן וועלן זיך קיינמאָל ניט שיידן. דאָס ווייבלעכע וועט קיינמאָל ניט ווערן אונטערדריקט, פאַר־נאַכלעסיקט, פאַרוואָרפן.

„קלוגשאַפט איז דער פאָטער, פאַרשטענדעניש איז די מוטער. חכמה און בינה וועגן זיךביידע אין איין וואָגשאָל, זכר און נקבה... בשעת זיי האָבן זיך באַהעפט האָבן זיי געבוירן און פאַרשפּרייט דעם גלויבן... וואָס איז בינה? נאָר בשעת זיי האָבן זיך באַהעפט איינער מיט דער אַנדערער, דער י' מיט'ן ה', איז די ה' מעוברת געוואָרן און אַ זון איז אַרויסגעקומען און געבוירן געוואָרן, און דעריבער הייסט עס בינה, 'בן־יה', די פאַרקערפּערונג פון אַלץ... בשעת דער אַלטער־הייליקער, דער פאַרהוילענער פון אַלדאָס פאַרהוילענע, האָט געוואָלט אַלץ אויפריכטן, האָט ער עס אויפגעריכט ווי אַ מין זכר און נקבה... און די דאָזיקע חכמה, די פאַראַלגעמיינערונג פון אַלץ, ווען זי איז אַרויס און האָט זיך באַלויכטן פון אַלטן־הייליקן, האָט זי זיך באַלויכטן דורך אַ זכר און נקבה. און אָט־די חכמה

האָט זיך פאַרשפּרייט און עס איז אַרויסגעקומען פון אים בינה, פאַרשטענדעניש, און עס איז אויסגעפונען געוואָרן, אַז ער איז אַ זכר און נקבה" (קכ"ו).

דער גלויבן, דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין, וואָס איז קודם צום זעלבסט־באַוואוסטזיין, אַנטהאַלט שוין אין זיך אַ מינימאַלע אָנגעבראַכנקייט, אַ מין צעשפּאַלטונג. פון 'יה', פאָטער־מוטער קומט אַרויס דאָס זעלבסטבאַגלויבטזיין, די 'מהימנותא'. און אַלץ אין דעם גאַרן באַשטאַנד האַלט זיך אויף אָט־דער צעשפּאַלטונג, וועלכע איז פונדאַמענטאַל.

און די געשלעכטער־צעטיילונג, די זכר און נקבה דיווערגענץ איז אַ דעריוואַציע פון דער יסודות'דיקער צעטיילונג. און אַלץ איז דעריבער צעטיילט און, צו דער זעלביקער צייט, פאַראייניקט אין דעם גאָר־ערשטן ערשטנטום, אין 'עתיקא קדישא', וועלכער טוטביידע זאַכן: ער שאַפט די צעטיילונג און ער מאַכט די קאָמבינירונג, וועלכע ווערט רעאַליזירט אין 'גלויבן' אין ריינער אמונה, אין זעלבסט־באַגלויבטזיין, וועלכעס אַנטהאַלט ווייניקער צעשפּאַלטנקייט ווי דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין.

דער 'גלויבן', דער 'אמן' ציט די ברכות פון דעם קוואַל צו דעם קעניג און פון דעם קעניג צו דער מטרוניתא" (קכ"ז).

„אַלע נביאים לגבי משה'ן זענען דאָך אויס ווי אַ מאַלפּע לגבי אַ מענטשן, און זיי האָבן אַלע געזאָגט אַ געזאַנג (שיר אין לשון זכר) און משה האָט געזאָגט אַ זינגונג, אַ שירה... און דאָס איז דער מיין פון דעם, וואָס איז געשריבן: 'דעמאָלט האָט משה געזונגען און די קינדער פון ישראל די דאָזיקע זינגונג צו יהוה", די זינגונג פון דער מטרוניתא. צו וועמען? צו יהוה. און דעריבער שטייט געשריבן, 'און משה האָט פאַרשריבן די ווערטער פון דער דאָזיקער זינגונג, און דידאָזיקע זינגונג וועט עדות זאָגן" (קכ"ח).

'שירה' די זינגונג איז די תורה. די תורה איז לשון נקבה. 'משה' איז פיל עלטער פון די איבעריקע נביאים. ער שטייט ביים סאַמע מקור, און ער איז נאָך נאָענט צו דאָס מאַטריאַרכאַטישע.

דער קאַמף צווישן דעם פרויענטום און מענערטום האָט זיך געפירט איבער'ן גאַנצן פראָנט, סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש, סיי ביאָלאָגיש און פּסיכאָלאָגיש. און דער דאָזיקער קאַמף האָט געקראָגן זיין אָפּשפּיגלונג אין פילאָלאָגיע, אין דער שפּראַך־פאָרמירונג, אין לשון־זכר'ס און לשון־נקבה'ס. די שפּראַכן האָבן איבערגעלעבט פילע

פערטורבאַציעס ביז א שלום אין לשון איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. אָבער דאָס ווייבלעכע, — אַ דאַנק דעם, וואָס לשון בכלל איז גע־פלעגט געוואָרן דורך דער פרוי מער ווי דורכ׳ן מאַן, ווייל לשון געהערט צו דער שטוב, צו דער דערציאונג, און די שפּראַכן זיינען דאָך מוטער־שפּראַכן — האָט געזיגט אין דער לינגוויסטיק. און אַלדאָס אַבסטראַקטע, אַלדאָס ראַפינירטע, פאַראַלגעמיינערטע, סוב־לימע איז געבליבן אין לשון נקבה. פון דער מוטער קומען אַרויס די קינדער. דעריבער איז זי דער כלל. און וואו אַ כלל, האָט עס אַ ווייבלעכע ענדונג, אַ לשון־נקבה פאָרם. איבערהויפּט איז עס דייט־לעך קלאָר אין די שפּראַכן, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין ׳דריטן מין׳, דעם ׳נייטראַלן׳ געשלעכט. אין דער העברעאישער מיטלאַלטער־לי־טעראַטור זעט מען אַ טענדענץ צו עלימינירן די לשון־נקבה׳ס. זיי האָבן פאַרזוכט אַנצואווענדן דעם אבן־עזראַ׳ס עצה פון ׳זכרהו ונקבהו׳. דאָס איז געווען אַ דרייסטע אונטערנעמונג אָפּצומעקן די שפּורן פון מוטער־רעכט, מוטער־הערשאַפט אין לינגוויסטיק, אַן אונטערנעמונג, וואָס דער נעאָ־העברעאיזם האָט אָפּגעוואָרפן אַלס שפּראַך־וואַנדאַליזם. העברעאיש איז פול אָנגעפּיקעוועט מיט אָנ־צייגענישן מכח שפּראַכלעכער מאַטריאַרכיע: חכמה, בינה, דעת, אמת, ראשית, תורה, ברית און אַלע פאַראַלגעמיינערונגען און אַב־סטראַהירונג־סופיקסן האָבן ווייבלעכע ענדונגען, און ועל כולם דער שם הויה — יהוה.

„׳שמע ישראל׳... ׳ברוך שם כבוד מלכותו׳... דאָס איז די פאַר־אַלגעמיינערונג פון דער גאַנצער לערע... און דאָס איז די מיסטעריע פון פּערפעקטן מענטשן, פון זכר און נקבה, און דאָס איז די מי־סטעריע פון גלויבן״ (קכ״ט).

דער ׳אחד׳ און די ׳מלכות׳ ריידן פון אייביקן שלום, פון איי־ביקער פאַראייניקונג, פון פולער באַהעפטונג, פון שלום־מאַכונג צווישן די צוויי געשלעכטער, פון אויסקריסטאַליזירן אַ פּערפעקטן מאַנאָעגאָאיזם.

„׳אני׳ איז די שכינה״ (ק״ל).

דער איך אַנטהאַלט ביידע עלעמענטן. דער איך איז דער וועלט־עגאָ, ציבור־עגאָ און יחיד־עגאָ פאַראייניקט צוזאַמען. אָבער דער באַדייטנסטער און פּאַרצייטיקסטער דער אַלערערשטער יסוד אין דעם עגאָ איז דער ווייבלעכער עלעמענט.

„יהוה איז די מיסטעריע פון סאַמע מיטן, די מיסטעריע פון גלויבן פון אַלע צדדים" (קל"א).

יהוה איז דער סינטעז. יהוה איז אי מאַמע'ס צד און אי טאַטע'ס צד. אוןביידע צדדים קעמפן ניט. זיי פאַראייניקן זיך אויף דעם יסוד פון אהבה רבה, פון גליענדיקער ליבשאַפט פון די צוויי קעגנגעזעצטע יסודות.

„אַט דער טעמפּל הייסט ליבע און צוליב דער ליבשאַפט עקזיסטירט אַלץ, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן, 'פילע וואַסערן וועלן ניט קענען פאַרלעשן די ליבע' (שיר השירים ח', ז'). און אַלץ האָט אַ קיום אין פאַרליבטקייט. ווייל אַט־אַזוי געפינט זיך דער היייליקער שם... ה', דער י' שיידט זיך פון אים ניט אָפּ און זיי האַלטן זיך ווי איינער אין האַלט־האַבונג, שיידן זיך ניט איינער פון דער אַנדערער... און ווען זיי באַהעפטן זיך איינער אין דער אַנדערער, באַהעפטן זיי זיך מיט ליבע ווי איין וועזן, ווי אַ חתן מיט אַ כלה, וועמענס שטייגער איז אַלע מאָל אין ליבשאַפט, י' מיט'ן ה', ה' מיט'ן ו', ו' מיט'ן ה', איינס מיט דאָס אַנדערע פאַרבינדט זיך אין האַלט־האַבונג. און דאָס אַלץ הייסט אהבה. און דעריבער ווער עס האָט האַלט דעם קעניג, פאַרקניפּט זיך מיט דער יעניקער ליבע און מחמת דעם שטייט געשריבן, און דו וועסט ליב האָבן יהוה דיין אלהים" (קל"ב).

יהוה־חכמה וואָרצלט אין ליבשאַפט, אין פאַראייניקונג, אין שלום, אין אַ סינטעז. און דאָס גאַנצע וועלט־סיסטעם איז אַ ליבע־סיסטעם, אַ גאַנצקייט געבויט אויף אַ פאַראייניקונג, פאַראייניקונג און באַהעפטונג פון קעגנגעזעצטע עלעמענטן.

דאָס וועלט־סיסטעם, ווי אויך דאָס נשמה־סיסטעם, ווי אויך דאָס געזעלשאַפט־סיסטעם, איז ניט געבויט אויף פּראָסטער אידענטיטעט, נייערט אויף קאָמפּליצירטער אידענטיטעט. ניט איין קלאַס, נייערט צוויי קעגנגעזעצטע קלאַסן, ניט איין געשלעכט, נייערט צוויי געשלעכטער, קעגנגעזעצט און דאָך צוזאַמען, פאַר'שלום'ט. אַ קאָמפּליצירטע איינהייט, אַ סינטעטישע גאַנצקייט הערשט אין מענטשן, אין ציבור און אין דער וועלט. און אָט די שלום־לערע איז דער יסוד פון יהוה־חכמה.

ווייטער, דער ערשטער באַשאַף איז אַ פּועל־יוצא פון אַ 'בראשית', וועלכע איז אַ געבוירעריק, אַ געווינערין, און פון אַ 'מעשה', וועלכע איז אַן אַקציע, וואָס פאַרלאַנגט אַ 'טוער', אַ 'מאַכער'. עס איז אַ 'מעשה בראשית', אי אַ טואונג און אי אַ געבורט.

„דאָס זיינען די געבורטן פון דעם הימל און דער ערד ווען זיי זיינען געבוירן געוואָרן" (קל"ג).

„דורך דער אייגענער מיסטעריע, דורך וועלכער הימל און ערד זיינען געבוירן געוואָרן, איז דער מענטש געבוירן געוואָרן. ווען זיי שטייט געשריבן, 'דאָס זיינען די געבורטן פון הימל און ערד' און ביי דעם מענטשן שטייט געשריבן, 'דאָס איז דער בוך פון אדם'ס געבורטן'..." (קל"ד). „די ערד האָט געבוירן געבורטן, ווייל זי איז שוואַנגערדיק געוואָרן ווי אַ נקבה פון אַ זכר" (קל"ה).

„כאָאָס, דער אָנהויב פון אַלץ, האָט געבוירן צום־אַלעם־ערשטן איר וולד די ברייט־בוזעמדיקע ערד" (51). „און ערעבוס (חשך), דער שוואַרצער זון, וואָס איז אַרויסגעקומען פון כאָאָס, איז גע־בוירן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין שוועסטער, נאַכט" (52). „די נאַכט האָט געבוירן אַ קינד פון איר ליבע־שפּיל מיט ערעבוס, דעם הימל און דעם פּריילעכן טאָג" (53). „די ערד האָט אַרויסגעבראַכט... די שטערנדיקע ראַם, די גערוימיקע הימלען" (54). „די פרוכטבאַרע ערד איז נאָך אַמאָל פון הימל שוואַנגעריק געוואָרן און זי געבוירט דריי קרעפטיקע זין" (55).

צוויי השגות אמפּערן זיך אין די ערשטע קאַפּיטלען פון ספר בראשית. די אַלטע באַנעמונג פון געבורט און די מאָדערנע אויפ־פאַסונג פון 'טאַט'. דער ברא און דער 'ויעש' ראַנגלען זיך, און דער לעצטער זיגט.

„ויכלו השמים והארץ... וישבת ביום השביעי מכל מלאכתו... און ער האָט גערוט... פון זיין אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן" (קל"ו).

„אייער גאָט איז אַ סטאָליער. ווי עס שטייט געשריבן 'ער דעקט צו מיט וואַסער זיינע אויבערשטיבלעך' (תהלים ק"ד, ג')" (קל"ז).

דער מעכאַנישער, טעכנישער מאַנצבילשער אַרבעט־באַגריף איז גובר, און ער פאַרדרענגט דעם שטאַנדפּונקט פון דער געווינעריך, פון דער פרוי־געווינערין. אָבער ער מעקט אים ניט אָפּ אויף אַזוי פיל, אַז קיין געדעכעניש פון דעם עלטערן שטאַנדפּונקט זאָל ניט בלייבן.

פון וואַנענט שטאַמט אָפּ דער ערשטער מענטש, אדם, דער ערדלינג? ער שטאַמט פון דער 'אדמה'. דאָס מיינט, אַז גאָר אָנפאַנגלעך קומט דער מענטש, דאָס מענלעכע פון דאָס ווייבלעכע. 'אדם' קומט אַרויס פון דער 'אדמה', דער זכר פון דער נקבה. די

שפּעטערדיקע איבער׳נוסח׳ונג פון דעם אייגענעם מיטאָס האָט איר־בערגעקערט דעם סדר, און עס ווערט באַהויפּט, אַז „דערפאַר הייסט די פרוי ׳אשה׳, ווייל זי איז גענומען געוואָרן פון ׳איש׳ ” (קל״ח). אָבער עס וואָלט זיך פיל בעסער שיקן צו זאָגן, אַז ער הייסט איש, ווייל ער שטאַמט אָפּ פון דער ׳אשה׳, און זי הייסט ׳אשה׳, ווייל זי גיט אכטונג אויפ׳ן פייער און אויך צוליב דעם, וואָס דער מאַן געהערט צו איר. ׳אשה׳ מיינט אי ׳איר פייער׳, אי ׳איר מאַן׳.

„רבי אבא האָט געזאָגט: אדם הראשון איז געמאַכט געוואָרן פון אַ זכר און אַ נקבה. און אלהים האָט געזאָגט, ׳מיר וועלן מאַכן אַ מענטשן אין אונדזער געשטאַלט און לויט אונדזער גלייכעניש׳, און דאָס מיינט, אַז דער זכר און די נקבה זיינען געמאַכט געוואָרן ווי איינער, און דערנאָך האָבן זיי זיך געשיידט. און אויב דו וועסט פרעגן וואָס מיינט דאָס, וואָס ער זאָגט האדמה אשר לוקח משם. די ערד, פון וועלכער ער איז גענומען געוואָרן. דאָס איז זיכער אַזוי. און זי איז דאָס די נקבה, און דער קדוש־ברוך־הוא האָט זיך באַטייליקט מיט איר, און דאָס איז דער זכר און די נקבה. און דאָס איז איין זאַך” (קל״ט).

די ׳אדמה׳ איז די הויפּט־טוערין און דער אלהים האָט זיך בלויז באַטייליקט מיט איר אין דער געבורט, אָדער באַשאַפונג, פון מענטשן. דערפאַר שטייט ׳נעשה׳, מיר וועלן מאַכן אַ מענטשן, די אדמה און דער קדוש־ברוך־הוא, ביידע צוזאַמען האָבן געמאַכט, אָדער געהאַט דעם מענטשן.

„רבי הונא האָט געזאָגט: זכר דאָס איז דער זאַמד (עפר), אדמה (ערד) דאָס איז די נקבה” (ק״מ). ביידע עלעמענטן באַטייליקן זיך אין דעם אדם׳ס באַשאַף, דער זכר וויל ניט צוגעבן דעם געדאַנק, אַז די נקבה האָט אים געבוירן אָן דעם זכר׳ס באַטייליקונג...

„צו דעם פאַרצייטיקן עברי דאָס אַרויסקומען פון אונדזער גאַטונג פון דעם ערד־שטויב ווערט סוגעסטירט גאַנץ נאַטירלעך מחמת דעם, וואָס אין זיין לשון דער וואָרט ערד איז אדמה, און עס איז אַ לשון נקבה, און פון דעם קומט אַרויס דער וואָרט ׳אדם׳ ” (56).

דער מיטאָס איז מאָדערניזירט, איבערגעפורעמט און צוגעפּאַסט צו פּאַטריאַרכאַטישע השגות. זיין יסוד שטייט אָבער פעסט אויפ׳ן באָדן פון אַ מאַטריאַרכאַט, פון דער פרויענהערשאַפט. ׳בראשית ברא״, אַ פרוי, אַ בראשית געבוירט דעם באַשטאַנד. ענ־

לעכעס צום 'בראשית ברא' איז דער וואָרט 'נאַטור', וועלכע סוגע־סטירט, אַז דער באַשאַף איז אַ פּועל־יוצא פון אַ געבורט פּראָ־צעס.

„די וועלט איז אַ געבורט, אַ תולדה, 'אלה תולדות השמים וארץ" (קמ"א).

'אדם' שטאַמט פון דער 'אדמה', און יהוה, וועלכער באַטיי־ליקט זיך מיט דער אדמה אין באַשאַף פון מענטשן, איז אַליין היפש ווייבלעך, ווי זיינע ה'ען זאָגן עדות. דער מאַטריאַרכאַט איז דער נאַטירלעכער איינשטעל. ער איז נאַטירלעך און טאַקע יושר'דיק אויך. און דער איבערגאַנג פון מאַטריאַרכאַט צום פּאַטריאַרכאַט פאָ־דערט אַ פּאַרענטפער, און דער עץ־הדעת מיטאָס טוט עס, שאַפט אָט־דעם פּאַרענטפער, גרייט צו אַ פּאַרטיקן תירוץ. חוה האָט ניט גוט געפירט. דעריבער איז איר ממשלה אָפּגעשאַפט געוואָרן. מ'האָט פּאַרבראָכן קעגן אַזאַ גרויסאַרטיקער טראַדיציע. אַזוי פיל אַלטער־טימלעכע קולטור איז צו גרונט געגאַנגען. אַ נאַטירלעכער צושטאַנד, אַ גן־עדן צושטאַנד איז אָפּגעווישט געוואָרן. ווען די פּראָדוצירערין האָט געהערשט, איז אַ גליקזעליקייט געווען אויסגעגאָסן אויף דער ערד און אויף דעם מענטשנקינד. ער האָט ניט געוואוסט פון קיין אַרבעט, פון צרות, פון יסורים. אַרבעט אויפ'ן געביט פון ביאָלאָגיע האָט פּאַרנומען די אַוואַנסצענע פון לעבן און עקזיסטענץ און אַלץ איז געווען נאָרמאַל, ווי עס דאַרף זיין. מיט'ן אָפּשאַף פון דעם גן־עדן רעזשים הויבן זיך אָן אַלע אַנאָמאַליעס, אַלע שלעכטע אינבאָ־וואַציעס. פּראַצע קומט אַרויף, האַרעוואַניע פאַר'ן מאַן. ווען ער בלייבט אַ ליידיק־גייער, וואָלט ער דאָך ניט געקענט אַוועקרויבן די ממשלה פון דער פרוי, דער ביאָלאָגישער אַרבעטאָרין.

אָן עוולה ווערט באַגאַנגען קעגן דער פרוי, דאָס מיינט קעגן דער מוטער. די זינד פון פּאַרדרענגען די מוטער פּאַרלאַנגט אַן אַפּאָ־לאָגיע. און דער מיטאָס באַמיט זיך עס אונדז צו געבן ווי־ניט־איז. ער האַנדלט כלומר'שט ווי איינער וואָלט זאָגן „אין איסור חל על איסור"... ער לעשט דעם זינד־געפיל פון באַ'עוולה'ן די מוטער מיט זינד־געפיל פון עסן פון עץ־הדעת, פון 'דעת'.

די פּראָדוצירערין פון דער מענטשהייט ווערט עקספּלואַטירט. זי פּראָדוצירט, אָבער די פּראָדוקטן, די מענטשנקינדער, געהערן ניט צו איר, זיי געהערן גאָר צום פּאָטער. דער מאָנצבילטום הערשט. דער פּראָדוקט איז אַרויס פון רשות פון דער פּראָדוצירערין, ער

ווערט עקספראָפּריאירט... און דער געוויסן פון דער מענטשהייט קען זיך ניט באַרואיקן.

די לעגענדע וועגן משיח׳ן, וועלכן מ׳דערוואַרט, אַז ער דאַרף קומען און אויסלייזן די מענטשהייט, איז ניט צופרידנשטעלנדיק, סיידן דער געשלעכטער־אָפּשאַף ווערט צוגעפּלאַכטן. הגם ׳משיח׳ מיינט דאָך דער ׳געזאַלבטער׳, און די ׳זאַלבונג׳ איז אַ פאַרנייג פאַר דער פרוי, וועלכע געברויכט בוימל צו שמירן איר קערפּער, אָבער דאָס איז ניט גענוג, צו נישטיק איז דער ׳שוחד׳...

אָט־דעם אַ רעכט־ביסל טשיקאַוון רעיון, אַז די אויסלייזונג פון דער מענטשהייט פאָדערט אַ מיטווירקונג, פּאַראַלעל מיט אַן אויסלייזער, פון אַן אויסלייזערקע, פון אַ משיח׳טע, האָט אויסגעדריקט זייער בולט דער סען־סעמאָניזם.

„מיר דערוואַרטן אַלע דעם אָנקום פון אַ פרוי, אַ משיח׳טע פון איר געשלעכט, וועלכע וועט דאַרפן אויסלייזן די וועלט פון פּראָסטיטוציע, ווי קריסטוס האָט זי אויסגעלייזט פון שקלאַפעריי. פון אָט דער משיח׳טע פיל איך, אַז איך בין דער פאַראויסלויפער. פאַר איר בין איך וואָס יוחנן דער טויפער איז געווען פאַר ישו׳ן. דאָס איז מיין גאַנצער לעבן, דאָס איז דער זינען פון אַלע מיינע מעשים" (57).

יעדנפאַלס דער גן־עדן מיטאָס פלייסט זיך צו שאַפן אַ רעכט־פאַרטיקונג פאַר דער דעטראָניזירונג פון דער פרוי און מיט דעם צוועק ציייגט ער אָן, אַז חוה איז געווען די הויפּט־שולדיקע אין דעם אָפּנייג פון נאַטירלעכן וועג... אָבער דאָס באַוואוסטזיין פון שולדיקייט, פון אַ פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן דער פרוי און מוטער פּייניקט די מענטשן־ראַסע. אַזוי ווי אין אונדזער צייט קען דער געוויסן פון דער וועלט ניט שלום־מאַכן מיט דעם פאַקט, וואָס דער אַרבעטער איז פאַרשקלאַפּט, וואָס צו דעם פּראָדוצירער געהערט ניט, צוליב די ספּעציפישע ציוויליזאַציע באַדינגונגען, דער פולער פּראָדוקט, — און אָט די רופונג און מאָנונג וועט אַרויסרופן נאָך ניט איין סאָציאַלע רעוואָלוציע, — אַזוי האָט דער שולד־געפיל געפּייניקט, פּייניקט און וועט פּייניקן דעם געוויסן פון דער מענטשהייט.

איך וואָלט זאָגן, אַז די מידת־הדין איז נאָך עד־היום מקטרג קעגן איבערגאַנג פון מאַטריאַרכאַט צום פּאַטריאַרכאַט. און דערריבער האָט די אידישע רעליגיעזע אידעאָלאָגיע אַזוי פלייסיק און אַזוי

געשיקט אָפּעריִרט מיט די ווייבלעכע עלעמענטן און פּרויען־געשטאַלטן, ווי שכינה, גבורה, מטרוניתא, און גאָר פּאַרצייטנס מיט'ן שדי און יהוה. די לעצטע צוויי געהערן באמת צו דעם מאַטריאַרכאַטישן פּעריאָד אינגאַנצן אָדער טיילווייז. על כּל פּנים שאַפט דער אידנטום אין פאַרשטיין פון איכטום אַ סינטעז, אַ שלום.

עושה שלום במרומיו... אידישקייט פּראָקלאַמירט פרידן אין די אויבנס און די אונטנס, אין די אויסערלעכקייטן און אינערלעכקייטן, אין דער וועלט, אין געזעלשאַפט און אין דער נשמה פון מענטשן.

# II

# אדם הראשונס׳ · חטא

## אבא גאָרדין

## א

# דער עץ־הדעת מיטאָס.

„דער אמת׳ער באַדייט פון מענטשנ׳ס פאַלן איז נאָך קיינמאָל אינגאַנצן קלאָר ניט אויסגעטייטשט געוואָרן. עס איז מעגלעך, אַז עס אַנטהאַלט אַ דירעקטע היסטאָרישע רעפערענץ, אַזאַ וועלכע די אַרכאַאישע לעגענדע מכה דער פאַרניכטונג פון דער מענטשהייט סוגעסטירט, און אַז דאָס איז ניט גלאַט־אַזוי־זיך אַן אַלעגאָריע, ווי פילע פאַרשער וואָלטן האָבן" (1).

מיר וועלן באַהאַנדלען דעם מערקווירדיקן ספור־המעשה, אין וועלכן דער חומש ווייזט אַרויס זיין פאַנטאַזיע־צעשפּיל, דערציילונג מייסטערשאַפט און, איבערהויפּט, זיין אומגעהויערע אַנטיקוויטעט, און ועל כולם, זיין טיף פילאָזאָפישן באַנעם.

„עס האָט מיך געפרעגט אַ געלערנטער מיט עטלעכע יאָר צו־ריק אַ וואונדערלעכע פראַגע... דער פרעגער האָט געזאָגט: עס זעט מיר אויס פון דעם פשט פון פסוק, אַז די לכתחילה׳דיקע כוונה, אין באַשאַפן דעם מענטשן, איז געווען, אַז ער זאָל זיין ווי די איבעריקע באַשעפענישן אָן פאַרשטאַנד און אָן געדאַנק, און ער זאָל ניט קע־נען אונטערשיידן צווישן גוט און שלעכט. און ווען ער האָט גע־זינדיקט, האָט אים זיין זינד געבראַכט די גרעסטע און פולקומענסטע באַגאַבטקייט, וועלכע מ׳קען נאָר געפינען אין מענטשן. ד. ה. ער זאָל קריגן דעם פאַרשטאַנד, וועלכער געפינט זיך אין אונדז און דורך אים וועלן מיר ווערן ווי די גייסטיקע אלהים. און עס איז אַ גרויסער חידוש, אַז זיין שטראָף פאַר זיין זינד זאָל אים בריינגען פערפעק־ציע, וועלכע ער האָט ניט פאַרמאָגט פאַר דעם, און שכל. און עס קוקט אויס, ווי מ׳וואָלט זאָגן, אַז איינער פון די מענטשנקינדער האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט און מ׳האָט אים באַשטראָפט און מ׳האָט גע־ענדערט זיין באַשאַף און מ׳האָט אים דערפאַר איינגעפאַסט ווי אַ שטערן אין הימל...

און איצטער הער אונדזער ענטפער. מיר האָבן אים געזאָגט:... די זאַך איז ניט ווי דיר האָט זיך עס פאַרגעשטעלט אין פלוג, נאָר ווי דאָס ווערט קלאָר צו דעם, וועלכער טראַכט זיך גוט אַריין אין

דעם. דער שכל וואָס דער באַשאַפער האָט ארויפגעשטראַלט אויף דעם אדם־הראשונ׳ען — און דאָס איז זיין העכסטע פּערפעקציע — איז דער פאַרשטאַנד וואָס אדם האָט פאַרמאָגט איידער ער האָט געזינדיקט און צוליב דעם שכל ווערט געזאָגט ׳אין דער געשטאַלט פון אלהים האָט ער אים באַשאַפן. און דעריבער האָט די ג ב ו ר ה גערעדט מיט אים און האָט אים באַפוילן, ווי דער פסוק זאָגט: ׳און עס האָט באַפוילן יהוה אלהים׳ (בראשית ב׳, ט״ז). און מ׳קען דאָך ניט באַפעלן קיין בהמות אָדער איינעם, וואָס האָט גאָר קיין שכל ניט. און מיט׳ן פאַרשטאַנד האָט ער אונטערגעשיידט צווישן דאָס, וואָס איז אמת און דאָס וואָס איז פאַלש. און אָט־דעם שכל האָט ער פאַרמאָגט אין פולער שלימות. אָבער דאָס גוטע און דאָס שלעכטע געפינט זיך בלויז אין די עמאָציאָנאַלן און ניט אין די ראַציאָ־נאַלן. ווײַלע אַ מענטש זאָגט דאָך ניט: דער האָריזאָנט איז אַ קרייז — דאָס איז גוט, די ערד איז פלאַך — דאָס איז שלעכט. נאָר ער זאָגט אויף דעם: דאָס איז אמת, און דאָס איז פאַלש. און מיט׳ן שכל דערקענט דער מענטש דעם אמת און שיידט אָפּ פון ליגן, און דאָס האָט צו טאָן מיט ראַציאָנאַלע פּרינציפּן. און ווען אדם הראשון האָט זיך געפונען אין דער פולקאָמענהייט פון זיינע באַגריפן און אויפריכטונג און אין זיין געהעריקער נאַטור און פאַר־שטענדעניש, צוליב וואָס עס איז געזאָגט וועגן אים: ׳און דו האָסט אים ווייניק געמינדערט פון אלהים׳ (תהילים ח׳, ו׳), דעמאָלט האָט ער ניט באַזעסן קיין שום פייאיקייט, וועלכע זאָל זיך קענען פאַר־נעמען מיט די געפיל־זאַכן, און ער האָט ניט געקענט תופס־זיין אפילו יענע סענסואַליטעטן, וועלכע זיינען דורכאויס שלעכט, ווי די אַנטבלויזונג פון דער שאַנדע, וועלכע איז אויך רעכט געווען אין זיינע אויגן, און ער האָט ניט אויפגעפאַסט זייער פעלער, ניט פאַ־סיקייט. און ווען ער האָט געזינדיקט און האָט נאָכגעגעבן זיינע יצר־הרע׳דיקע תאוות און די תענוגים פון זיינע קערפּערלעכע עמפּ־פינדונגען, ווי דער פסוק זאָגט: ׳וואָרים דער בוים איז גוט צום עסן און ער איז אַ געלוסטעניש פאַר די אויגן׳ (בראשית ג׳, ו׳), איז ער באַשטראָפט געוואָרן, און מ׳האָט צוגענומען פון אים די פאַרשטענדלעכע השגה. און אַז ער האָט עובר געווען אויפ׳ן פאַר־באָט, וועלכן מען האָט אים אָנגעזאָגט צוליב זיין פאַרשטאַנד וועגן, איז אים געבליבן בלויז די פערצעפּציע־השגה און ער איז אָפּגע־שטעמפּלט געוואָרן מיט׳ן וויסן פון גוט און שלעכט. ערשט דעמאָלט

האָט ער פאַרשטאַנען דעם ווערט פון דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאָרן און וואָס מ'האָט פון אים צוגענומען און צו וועלכער דרגא ער איז אַראָפּגעגענידערט געוואָרן. און אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'און איר וועט זיין ווי די אלהים, ווייסער פון גוטס און שלעכטס" (דאָרט ג', ה'). און ער האָט ניט געזאָגט: ווייסער פון ליגן און אמת. אָדער באַגרייפער פון ליגן און אמת. און אַ זאַך, וואָס מוז זיין אַ נויטווענ־דיקייט איז דאָך ניט שייך ביי איר גוט און שלעכט, נאָר ליגן און אמת" (א').

דער רמב"ם, ווי ראַציאָנאַליסטיש ער איז ניט געווען און האָט זיך ניט געפלייסט צו זיין, איז ער פאָרט געווען אַ קינד פון זיין מיטלאַלטערישן סכאָלאַסטיציזם, און ער באַהאַנדלט דעם מיטאָס ווי אַ היסטאָרישן אָדער פּרעהיסטאָרישן פאַקט. ער באַמיט זיך צו פאַרענטפערן די אומלאָגישקייטן פון דער באַשרייבונג, ער לאָזט אָבער איבער נאָך זיך, נאָך זיין אינטערפּרעטאַציע מער אומפאַר־שטענדלעכקייטן, ווי ער האָט געפונען אין טעקסט פון חומש גופא. ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אדם, וועלכער איז געווען פולקומען, לויט דעם רמב"ם, אַ הוילע פאַרקערפּערונג פון לויטער פאַרנונפט, זאָל פלוצלונג נכשל ווערן, זיך אויסגליטשן און פאַלן אַ קרבן פון תאוות. אַן אייז־קעלער פון לאָגיק האָט זיך אָנגעצונדן מיט ליידנ-שאַפט פון פּאָעזיע, און דער קאָלאָס פון זויבערן ראַציאָנאַליזם איז אומגעקומען, האָט אָנגעוואָרן זיין שכל־אומשולד צוליב דער פאַר־גלוסטעניש... וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט און ער, מיט זיין גאַנצן פאַרשטאַנד, האָט איר ניט געקענט גובר זיין, ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון שהחיינו־מאַכן אויף אַ פּרי...

„וואָס איז געווען יענער בוים, פון וועלכן אדם און חוה האָבן געגעסן?"...

„רבי מאיר זאָגט: עס איז געווען ווייץ. רבי יהודה דער זון פון אלעאי האָט געזאָגט: וויינטרויבן זיינען עס געווען, רבי אבא... האָט געזאָגט: אַן אתרוג איז עס געווען. רבי יוסי האָט געזאָגט: פייגן זיינען עס געווען" (ב).

און דער באַרימט־געוואָרענער לעגענדאַרישער עפּל שיינט מיט זיין אַפּוועזנהייט... דאָס וואָס דער מדרש רעכנט אויס, זיינען אַלץ נאַשוואַרג־אַרטיקלען, צו וועלכע עס דאַרף ניט נעמען קיין שטאַרקער יצר־הרע. און אויב אַזאַ ברענענדיקע תאווה זאָל זיך אָנצינדן, וואָלט עס ניט געדאַרפט זיין איבעריק שווער זי אויסצולעשן אָדער איינ־

דעמפן. אזא גלוסטעניש גובר צו זיין וואָלט, דוכט מיר, קענען אפילו אַ פשוט'ער בשר ודם און אַפשיטא שוין אזא חכם ווי אדם הראשון איז געווען לויט דעם רמב"ם'ס השגה. אפילו אַ זולל־וסובא, שיינט מיר, וואָלט זיין לעבן ניט אָוועקגעגעבן פאַר דער מעגלעכ־קייט זיך צו פאַסמאַקעווען מיט אַט־די קנאַפּע גומען־דרייצער...

די פראַגע ווערט פון רמב"ם פאַרמולירט אַ רעכט ביסל טשי־קאַווע. די פראַגע איז דאָ ניט וועגן דער אומפּאַסיקייט פון דער שטראָף, וועלכע איז גאָר קיין שטראָף ניט, נאָר אַ באַלוינונג מיט פאַרשטאַנד. די פאַרשטאַנד־דערוועקונג איז ניט אַריינגערעכנט אין שטראָף, די דערגרייכונג שטייט דאָך אויפ'ן חשבון פון דער זינד. די שטראָף איז דאָך דער טויט, דאָס אַרויסטרייבן פון גן־עדן, די פלוך פון דער ערד א. א. וו. אויב שוין יע פרעגן אַ פראַגע, דאַרף זי גע־שטעלט ווערן מכח דעם עצם מהות פון דער זינד. פאַרוואָס זאָל דער דראַנג נאָך וויסן, נייגעריקייט, ווערן באַטראַכט פון פאַרפאַסער פון דעם פאַרצייטיקן מיטאָס ווי אַן עבירה, וועלכע ברייגנט נאָך זיך אַ שטראָף? וואָס דערציילט אונדז דער גן־עדן מיטאָס?

„לויט דעם ספור המעשה האָט גאָט ניט פאַרגונען דעם מענטשן דאָס באַזיצן פוןביידע סיי פון וויסן און סיי פון אומשטערבלעכ־קייט, ער האָט געוואָלט האַלטן אַט־די גוטע זאַכן פאַר זיך אַליין... דער מאָטיוו איז געווען אַ פאַרדאַרבענער, און דער אויפּפיר אַ פאַראַכטלעכער" (2).

פרייזער פאַרמולירט ריכטיק די פראַגע.

פאַרוואָס זאָל דער וויסן־דאַרשט באַטראַכט ווערן אַלס עפּעס וואָס איז דערווידער דעם ווילן פון דעם יהוה־אלהים? און ער פאַר־באַט צו עסן דעם „עפּל", וועלכער קען עפענען די אויגן פון די אומ־שולדיקע מענטשנקינדער און, ווען אדם און חוה פאָלגן ניט, איז ער אַזוי אויפגעבראַכט און מלא רוגזא, אַז ער שילט זיך, און באַ־שטראָפט אַזוי גרויזאַם דעם כלומר'שטן בעל־עבירה, וועמענס איינ־ציקע זינד באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געגאַרט נאָך קענ־טעניש, נאָך וויסן און האָט ניט געוואָלט בלייבן אומוויסנדיק, הגם אומשולדיק.

דער ענטפער אויף דער פראַגע ליגט אין מיטאָס אַליין, אין זיין עצם סיפור־המעשה. נאָר עס פאָדערט זיך אַ רעכט ביסל גע־דולדיק פאַנאַנדערשיפרירונג־אַרבעט אום זיך כדבעי פאַנאַנדערצו־קלייבן אין די טיף־פאַרבאַרגענע כוונות און ברייט־גייענדיקע און

פולגעוויכטיקע אָנצוהערענישן, וועלכע ער אָנטהאַלט. די שווערי־קייט ליגט דאָ אין דעם, וואָס דער מיטאָס איז, ווי עס דאַרף זיין, אַ מועט מחזיק את המרובה. ער איז, ווי אַלע ביבלישע שילדערונ־גען, קאַרג אויף ווערטער. ער באַגנוגנט זיך מיט אַ צוויי ווערטער־דיקער פראַזע דאָרט, וואו מיר וואָלטן וועלן האָבן אַ גאַנצע באַ־שרייבונג־אָפּהאַנדלונג.

אָט־דער גן־עדן מיטאָס איז, אפשר, דער פונדאַמענטאַלסטער מיטאָס, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך אַ ים טיפקייט פון אידישער חכמה. ער פאַרמאָגט אַ לערע־באַלויכטונג וועגן דעם וועלט און מענטש־פּראָבלעם און, הויפּטזעכלעך, דעם סאָלידן אָוועקשטעל און קלאָרע כאַראַקטעריזירונג, אין די בולט׳סטע שטריכן, פון דעם פּראָ־בלעם פון אַלע פּראָבלעמען, זעלבסט־באַוואוסטזיין.

מיר וועלן זיך אָנשטרענגען פאַנאַנדערצודריבלען אָט־דעם, אפשר פאַרצייטיקסטן אידישן געדאַנקען־קנויל, וועלכער טראָגט אין זיך דעם עצם מהות פון אידישן באַנעם.

אֱלהים איז זיך מתעסק מיט שאַפן צווייאיקייטן פון איינהייטן, אַרויספון אומבאַשטימטקייטן, ווי הימל און ערד, ליכט און פינצ־טערניש, וואַסער און יבשה, זכר און נקבה. די דאָזיקע צווייאיקייטן זעען אויס צו זיין שוואַנגער מיט דעם זוימען פון צוויסטיקייטן, אַנ־טאַגאָניזמען, וועלכע דער אייגענער אלהים פאַראיינט און פאַר־שלום׳ט נאָך דעם אַקט פון סעפּאַראַציע. און די מוסטער־פאָרמולע פאַר אלהים׳ס גאַנצער אקטיוויטעט, פאַר דעם שלום פון זיין צעטיילונג־ארבעט, איז דער „ויהי ערב ויהי בקר — יום אחד״ (ג), און די שפּעטערדיקע דעריוואַציע, „והיו לבשר אחד״ (ד). ליכט איז אָפּגעטיילט פון פינצטערניש, און דאָך ווערט פון אָוונט פון חושך, און פון פרימאָרגן, פון ליכטיקייט, איין זאַך, איין אחד, איין טאָג, איין מעת־לעת. דאָס מענלעכע און דאָס ווייבלעכע איז אַנטאַ־גאָניסטיש, און דאָך ווערט פון דיביידע ענטיטעטן איין לייב.

די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פאַר׳ן מהות פון אלהים־טעטיקייט גיט דער באַלערנדיקער וואָרט ׳ויבדל׳, ׳און ער האָט אָפּגעזונדערט׳. ער שאַפט אַ סעפּאַראַציע. ער האַלט אין אָפּשיידן, אָפּצוימען, דע־פינירן, פאַנאַנדערטיילן, פאַנאַנדערנעמען און, דערנאָך צוריק צו־זאַמענבינדן, שאַפן דעם סינטעז נאָכ׳ן דורכגעזעצטן אַנאַליז. אָבער דער ׳ויבדל׳ איז אַן אַלוויכטיקער פאַקטאָר און אַ דאַנק אים ווערן שייכות׳ן, פאַרהעלטענישן געשאַפן, ווייל אלהים לויט זיין וועזן נאָך

איז אַן אל (על־צו), אַ מאָדוס פון פאַרהעלטעניש, און אַן אָרגאַני־זירנדיקע מאַכט, אַ סינטעטישע גבורה, וועלכע פאַרשליסט די אַנאַ־ליטישע קראַפט.

„ויבדל אלהים בין האור ובין החשך" (ה').

„און אלהים האָט געמאַכט אַן אָפּשייד צווישן דעם ליכט און צווישן דער פינצטערניש; ער שאַפט דעם 'צווישן', די שייכות, די פאַרהעלטעניש, די איצטיקע שיידונג און די באַלדיקע צוריק־באַהעפטונג.

„אין צווייטן טאָג וואָס האָבן זיי געזאָגט? 'גרויס איז יהוה און זייער באַרימט' (תהילים מ"ח). 'צוליב דעם, וואָס ער האָט צע־טיילט זיינע טועכצן און ער האָט געוועלטיקט איבער זיי" (ו').

„ויאמר אלהים: יהי רקיע בתוך המים ויהי מבדיל בין מים למים" (ז).

„...עס זאָל זיין אַן אויסשפּרייט אין דעם וואַסער און ער זאָל מאַכן אַן אָפּזונדער צווישן וואַסער און וואַסער".

„אלהים האָט געמאַכט דעם אויסשפּרייט און ער האָט געמאַכט דעם אָפּזונדער צווישן דעם וואַסער, וואָס אונטער'ן אויסשפּרייט און צווישן דעם וואַסער, וואָס איבער דעם אויסשפּרייט" (ח).

דערנאָך קומט דאָס וואָרט 'למינהו', צו זיין מין, יעדע גאַ־טונג באַזונדער, יעדעס גרעזעלע און זיין אַרט, יעדער בוים און זיין סאָרט, „ועץ עושה פרי... למינה" (ט')... 'ולמינהו' איז דער ביאָלאָ־גישער 'ויבדל', דאָס שטעלט אָוועק די ביאָלאָגישע מחיצה.

„...אונטערצושיידן צווישן טאָג און נאַכט" (י').

„צו הערשן ביי טאָג און ביינאַכט און אונטערשיידן צווישן דעם ליכט און דער פינצטערניש" (י"א).

דערנאָך קומט ווייטער דער 'למינהם' (י"ב), לויט זייער גאַ־טונג, „למינה" (י"ג), „למינה", „למינהו" (יד).

און צום שלוס, נאָך אַלע 'ויבדל'ס, קומט דער פאָלגנדיקער זאַץ: „און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן — א י י ן טאָג, דער אחד באַהויפּטעט זיך, די איינהייט שטייט העכער און איז פיל וויכטיקער פון אַלע אָפּגעזונדערטקייטן. און אין דעם א י י ן טאָג ליגן איינגעוויקלט אַלע טעג ביז'ן סוף פון די טעג, ווייל אַלע טעג אַנטהאַלטן אין זיך בלויז איין טאָג און טאַקע דעם ערשטן טאָג.

„'און עס איז געווען אָוונט' — פון דער פינצטערניש־צד;

'און עס איז געווען פרימאָרגן — פון דער ליכטיקייט־צד. און דער־פאַר וואָס זיי באַטייליקן זיך ווי איינער, שטייט געשריבן, 'איין טאָג'. רבי יהודה האָט געזאָגט: פאַרוואָס ווידערהאָלט זיך ביי יעדן טאָג 'און עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען פרימאָרגן'? בכדי מ'זאָל וויסן, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין טאָג אָן נאַכט, און נאַכט אָן טאָג, און זיי דאַרפן זיך ניט שיידן. האָט רבי יוסי גע־זאָגט: יענער טאָג, פון וועלכן עס איז אַרויס דאָס ערשטע ליכט, האָט זיך פאַרשפרייט אין אַלע טעג, ווייל ביי זיי אַלעמען שטייט געשריבן 'טאָג'. האָט רבי אליעזר געזאָגט: דערפאַר וואָס ביי זיי אַלעמען שטייט געשריבן 'פרימאָרגן', און עס איז ניטאָ קיין פרי־מאָרגן, סיידן ער קומט פון צד פון דער ערשטער ליכטיקייט. רבי שמעון האָט געזאָגט: דער ערשטער טאָג גייט־מיט מיט אַלע טעג, און אַלע טעג זיינען פאַראַן אין אים, בכדי צו ווייזן, אַז עס איז ניטאָ אין זיי קיין פאַנאַנדערשיידונג, און אַלע זיינען זיי איינס" (ט"ו).

יהוה טויכט אַרויף אַביסל שפּעטער. ער רעפּרעזענטירט מער דעם סינטעז, די סינטעטישע טעטיקייט גיכער ווי די אַנאַליטישע טואונג, וועלכע איז אַזוי וועזנטלעך פאַר דער אלהים־השגה.

„'ויבדל אלהים'... ער האָט אָפּגעטיילט די מחלוקת, די צע־טיילונג, בכדי זיי זאָלן אַלע זיין גאַנץ" (ט"ז).

דער 'ויבדל' איז בלויז אַ צוגרייט, דער אַנאַליז מאַכט פאַר־טיק דעם וועג פאַר דעם אָנקום פון סינטעז, פון דער פאַראייני־קונג. דעם 'ויבדל אלהים' טייטשט דער זהר ווי דאָס וואָלט געווען אַ מין 'נעגאַציע' פון אַ 'נעגאַציע', עס איז אַן אָפּזונדער פון דער אָפּגעזונדערטקייט, אַן אָפּטיילונג פון דער אָפּגעטיילטקייט — און ברייניגט גאַנצקייט און באַהעפטונג. אַזוי אַז אויך דער אלהים איז מער סינטעטיש ווי אַנאַליטיש.

אָבער יהוה רעפּרעזענטירט די פולע שלימות'דיקע אייניקייט, די מאָניסטישע אוניווערסאַליזאַציע.

„אין דער מיסטעריע פון שם יהוה, וועלכער פאַראייניקט אַלע צדדים" (י"ז).

„און דעריבער האָט ער געזאָגט: 'זעט איצט, אַז איך בין איך־ער און עס איז ניטאָ קיין אלהים מיט מיר' (דברים ל"ב), אַז ער זאָל זיך באַראַטן מיט אים. וואָרים ער האָט ניט קיין צווייטן און ניט קיין שותף, און ניט קיין רעכענונג. ווייל עס איז דאָ איינער

אין שותפות, ווי דהיינו אַ זכר און נקבה, און עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן זיי: 'וואָרים איינער האָב איך אים גערופן' (ישעיה נ"א) אָבער ער (יהוה) איז איינער אָן חשבון און אָן שותפות, און דעריבער האָט ער געזאָגט: 'און עס איז ניטאָ קיין אלהים מיט מיר' " (י"ח).

צווישן אלהים און יהוה עקזיסטירט כמעט ווי אַ צעטיילונג פון דער אַרבעט. אלהים פאַרנעמט זיך בעיקר אין די 'זעקס ערש־טע טעג' מיט דעם אַנאַליז, מיט דער פאַראויסגייענדיקער סעפּאַ־ראַציע, בשעת יהוה איז דורכאויס סינטעטיש, האָט צו טאָן אויס־שליסלעך מיט דער אידענטיטעט.

אָבער, אין תוך גענומען, זיינען ביידע שטאַנדפּונקטן און ביידע מעטאָדן איין זאַך, אלהים און יהוה דערגאַנצן קעגנזייטיק איינער דעם צווייטן און בילדן דעם אוניווערסאַלן אינ־טעריזם, דעם סינטעטישן מאָנאָטעאיזם.

## ב

## פיר ריסן.

„און איר וועט זיין ווי אלהים, די ווייסער פון גוטס און שלעכטס..." (י"ט). אלהים איז דאָ גענומען אין לשון רבים. און דאָס איז דער אומגליק. דאָ ליגט פאַרבאַהאַלטן די דואַליטעט, די צווייאיקייט. דער אמת'ער שם, דער נאָמען און מהות פון דעם רבונו של עולם איז דער עגאָ, דער איך, דער יהוה, דער איך־ער, די אי־בערהייט־זיכער'קייט אַלס איינקייט און איינציקייט. און ער ווייס ניט פון קיין שלעכטס, מחמת יהוה, דער עגאָ, דער איך־ער, דער זיך־ער איז אַ גאַנצקייט־איינציקייט. עס איז ניט קיין דואַליס־טישע סיסטעם. עס איז אַ לערע מכח אַ שלימות און אחדות, אַ פּערפעקציע און אוניפיקאַציע, וועלכע ווערט פאַרווירקלעכט פון אינעווייניק, אַלס אַן אינערלעכע פולע פולקייט און אַלס אַזעלכע ווערט זי, די שלימות, דער קוואַל, דער אויסגוס און אַריינגוס פון אַלדאָס גוטס, און ווייס ניט פון קיין שלעכטס.

„אַלץ, וואָס דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער טוט איז צום־גוטן" (כ).

„האָט געזאָגט רבי אליעזר: קיינמאָל אידענטיפיצירט ניט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער זיין נאָמען מיט שלעכטס, נאָר מיט גוטס". (כ"א).

„דער וואָס שטעלט זיך לייענען אין דער תורה, דאַרף אָנהויבן מיט אַ גוטער זאַך און אויסלאָזן מיט אַ גוטער זאַך" (כ"ב).

„דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער הייסט גוטס, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: יהוה איז גוט צו אַלעמען" (כ"ג).

„מיט גוטסקייט ווערט די וועלט גע׳משפט" (כ"ד).

„וואָרים אַ גוטסקייט לערע האָב איך אייך געגעבן" (כ"ה).

„ער איז דער קוואַל פון לעבן און גוטס און פאַרגעניגן... באמת קען קיין שלעכטס ניט אראָפּנידערן פון אויבן, און אלץ איז גוט" (כ"ו).

„אַלץ איז אַבסאָלוט גוט" (כ"ז).

„און אלהים האָט געזען אַז עס איז גוט" (כ"ח). און אלהים האָט געזען, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געמאַכט איז זייער גוט" (כ"ט).

דער גאַנצער באַשאַף שטייט אונטערן צייכן פון פולער גוטס־קייט. די וועלט, דאָס זיין, דער גאַרער אַלץ איז אַן אַבסאָלוט־עטי־שע סיסטעם: ׳עס איז גוט׳, עס פונקציאָנירט ווי באַדאַרף צו זיין, עס עקזיסטירט, עס ׳איז׳ לויט דעם גוטן־וואוילן ׳ווי עס באַדאַרף צו זיין׳, די דאָזיקע צוויי קאַטעגאָריעס, פון ׳איז׳ און ׳באַדאַרף זיין׳, פאַלן צוזאַמען.

„גוטסקייט, מיט אַנדערע ווערטער איז ניט אַ צופעליקער עלע־מענט אין דעם אוניווערסום, וועלכער איז דעקרעטירט און אַרויפ־געצוואונגען געוואָרן פון אַן אויסערלעכן געזעצגעבער, ווי אַן על־טערער שטאַנדפּונקט האָט עס אָפּט פאַרגעשטעלט; עס האַלט כסדר אין פּראָדוצירט און אונטערגעהאַלטן ווערן דורך אַן אויטאָמאַטישן און זעלבסט־רעגולירנדיקן פּראָצעס, ווי ער ווערט אין אַ גרעבלעכן אַנטוואורף באַשריבן... עס איז די נשמה פון דער וועלט, וועלכע איז גוט, און גוטסקייט איז די טיפסטע רעאַליטעט אין דעם אוני־ווערסום" (3).

דער „כי־טוב" זאָגט בפירוש, אַז דער יסוד פון דער אידי־שער אמונה איז דער טיפער גלויבן, אַז עס איז דאָ בלויז אַ ׳טוב׳, און אַז אין די טיפענישן פון רעאַליטעט איז ניטאָ קיין ׳רע׳. ווײַלע דער לעצטער איז אַ פועל־יוצא פון דער צעשפּאַלטונג וואָס קומט פאָר אין באַוואוסטזיין, אַ צעשפּאַלטונג, וועלכע איז אייגנטלעך דאָס באַוואוסטזיין, דער עצם מהות פון דערקענטעניש. דער ׳כי

טוב׳ זאָגט, אַז די וועלט און מענטש־מענטשהייט זיינען באמת איין זעלבסטום. ׳גוט׳ מיינט אייניקייט פון אינעווייניק, פולקומענע קאָאָרדינאַציע, פּערפעקטע אָרגאַניזאַציע. פון דעם פאָלגט אָבער, אַז דעם מענטשנ׳ס הנהגה מוז אַרויסרופן אַ קאָרעספּאָנדירנדיקע רעאַקציע מצד פון דער וועלט, וועלכע איז בעצם ובעיקר אַן עטישעס סיסטעם און וועלכע קען, דעריבער, בשום אופן ניט שלום מאַכן מיט דעם מענטשנ׳ס אומעטישן, ד. ה. צעשפּליטערטן, צעקרושלטן דיסהאַרמאָנישן אויפפיר.

דער מיטאָס דערציילט אונדז מכח דער צעשפּאַלטונג אין דער נשמה פון מענטשן, וועלכע כאַראַקטעריזירט דעם איבערגאַנג פון זעלבסט־באַגלויבטזיין צום זעלבסט־באַוואוסטזיין, אַ צעשפּאַלטונג, וועלכע הויבט זיך אָן מיט דערקענטעניש, מיט געוואָרווערן, מיט ׳דעת׳.

„מחמת דער בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס איז אין צעטיילונג״ (ל׳).

עס קען ניט געמאָלט זיין קיין וויסן אָן אַ צווייאיקייט, אָן אַ האַלבירונג, אָן אַן אָפּריס, אָן אַ סעפּאַראַציע, וועלכע זוכט אַ פאַראייניקונג, — ניט אומגלייך דער סעקסועלער ליידנשאַפטלעכער באַהעפטונג. און אָט־די נשמה־צעשפּאַלטונג רופט אַרויס אַ צעשפּאַלטונג איבער דער גאַנצער קאָנטאַקט ליניע פון וועלט און מענטש. ווייל פּסיכאָלאָגיע געפינט זיך, לויט דער אידישער געזינונג, אין אַוואַנגאַרד, האַלט די איניציאַטיווע בנוגע דעם גאַנצן באַשטאַנד.

און דאָ קומט די שטראָף, וועלכע איז גאָר קיין שטראָף ניט, נאָר אַ ׳מידה כנגד מידה׳.

„און דעריבער שטייט געשריבן: ׳כי פועל אדם ישלם לו׳ (איוב ל״ד, י״א), די טואונג פון מענטשן וועט אים באַצאָלן, — יענע טואונג, יענע אַקציע, וועט אים באַצאָלן״ (ל״א).

ספּענסער רופט אַזאַ סאָרט עונש ׳נאַטירלעכע רעאַקציע׳. אָט וואָס ער זאָגט מכח דעם אין זיין ווערק ׳דערציאונג׳:

„שטראָפן רופן מיר זיי אויס מאַנגל אין אַ בעסערן וואָרט, זיי זיינען אָבער ניט קיין שטראָפן אין דעם בוכשטעבלעכן טייטש... זיי זיינען איינפאַך די אומאויסמיידנדיקע קאָנסעקווענצן פון די מעשים, וועלכע זיי פאָלגן נאָך: זיי

זיינען ניט מער ווי **אומפאַרמיידלעכע רעאַקציעס** (4).

און דאָ זעען מיר דאָס אייגענע:

זיי האָבן געגעסן פון עץ הדעת, פון בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, און אַזוי אַרום האָבן זיי באַשאַפן דאָס שלעכטס. און זיי האָבן געליטן פון דעם, פון דעם שלעכטס. זיי האָבן טועם געווען פון דער פרוכט, וואָס אויפ׳ן בוים פון צעטיילונג, פון צעצווייאונג, פון גוטס און שלעכטס. און די שטראָף איז ניט גלאַט אַזוי זיך אַן אַקט פון נקמה־נעמונג, זיך אָפּרעכענען מיט די, וואָס פאַרמעסטן זיך מיט׳ן אויבערשטן ״דעספאָט״ און ווילן ברעכן זיין מאָנאָפּאָליע אויף וויסן, איינגעמען זיין שטאַרקסטע פעסטונג. ניין, ניט דאָס גיט אונדז איבער דער מיטאָס. די שטראָף קומט אַלס אַ פועל־יוצא פון זייער אויפפיר. ווי באַלד די פאָרלעך קומען אַריין, טרעט אַריין די פאָרל פון לעבן און טויט, וועלכע איז אידענטיש מיט דער פאָרל פון גוטס און שלעכטס. גוטס איז לעבן, שלעכטס איז טויט.

„ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב, ואת המות ואת הרע״ (ל״ב).

דער טויט קומט אַריין דורך דער אָפענער, אויפגעבראָכענער טיר פון דער דערשיינונג פון די זיווגים. און דער טויט קומט ניט איינער אַליין. ער ברענגט, ווי דער שטייגער איז, זיין גאַנצע סוויטע מיט זיך, ווייטיקן, חבלי־לדה, געבורטס־ווייען, שוואַנגערשאַפט־שווערענישן, אַרבעט, מאַטערנעש, „אין שוויס פון דיין געזיכט וועסטו עסן דיין ברויט״ (ל״ג), פיינטשאַפט צווישן מענטש און חיה (ל״ד), געשלעכטער־קאַמף, „צו דיין מאַן איז דיין גלוסטעניש, און ער וועט הערשן איבער דיר״ (ל״ה).

די פרוי ווערט געשילדערט אַלס די ״ראשית״־שולדיקע, דער ריכטיקער גרמא־בנזקין, די הויפט־פאַראורזאַכערין פון דער פאַטאַליטעט. מחמת זי מיט׳ן מאַן איר׳ן שטעלן פאָר מיט זיך אַ פּאָר, אַ דואַליזם. אמת, די דאָזיקע דואַליטעט איז ניט די גאָר־אָנפאַנגלעכע. אָבער עס קוקט אויס, ווי דאָ וואָלט אָפּגעהיט געוואָרן דער באַרימטער שפּרונג ״מ׳קייקלט אַריין אַ שולד דורך אַ שולדיקן״. און אָט־דער דואַליזם פון די געשלעכטער ברענגט מיט זיך, — הגם ניט אַלס אומפאַרמיידלעכע פאָלגע, אַלס מוזיקע אַרויסוויקלונג אָדער אומבאַדינגטע אָפּטיילונג, נאָר גיכער אַלס אַסאָציאַציע־

פאַרוואַנדעטע — אַלע איבעריקע שלעכטע צווייענישן, אַלע מיזע־ראַבלע דועטן. די געפערלעכע שניות׳ן: אמת און שקר, גוט און שלעכטס, יאָ און ניין, רעכט און לינק, ליכט און שאָטן, טאָג און נאַכט, פאַרגעניגן און צער און הויפּטזעכלעך די זייער חשוב׳ע פּאָרל לעבן און טויט, און די ווייניקער פּראָמינענטע צווילינגס: אַר־בעט און רו, ליבשאַפט און האַס. זיי אַלע קומען ווי אַן אַוואַלאַנטש, זיי גייען אַלע אין איין רייע מיט דער געשלעכט־דאָפּלקייט.

די אַלע צווייאיקייטן פירן צו צוויסטיקייטן, צאַנקערייען ריי־סערייען, צוזאַמענשטויסן, אַנטאַגאַניזמען, קעגנזאַצן פון ווערלערס, געלוסטונגען, פאַרלאַנגען און האַנדלונגען.

אָבער דער סאַמע אָנהויב פון דער צעצווייאונג, פון דעם פאַ־נאַנדערשייד, פון דעם קאַטאַסטראָפאַלן פירוד, פון דער האַלבירונג, איז די שפּאַלטונג אויף דעם סוביעקט און אָביעקט. און פון אָט־דעם פונדאַמענטאַלן ,ויבדל׳ באַקומט זיך די צעטיילונג אויף ׳איך׳ און ׳ניט־איך׳, גרויס־איך, אני־יהוה, און קליין־איך, מענטשנקינד, אין־סוף־איך און ענדלעכקייט־איך, ציבור־איך און יחיד־איך.

און אפילו די געשלעכטער־צעשפּאַלטונג איז בלויז אַ רעפלעק־סיע פון דער אַנגעשפּאַלטנקייט פון דעם אלהים, וועלכער איז אין זיין איצטיקן צושטאַנד ניט אינגאַנצן מאַנאַליטיש, און אפילו דער יהוה, וואָס איז אַ איבערקייט־זיכערקייט, איז אויך ניט לגמרי אַ פולער איינס, לעת עתה (ל״ו).

,,און מיר האָבן געלערנט אין דער פרשה פון ׳שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד׳. וואָס מיינט ׳אחד׳? דאָס איז כנסת־ישראל, וועלכע פאַראייניקט זיך אין הייליקן־געבענטשט־איז־ער. ווי רבי שמעון האָט געזאָגט: דער זיווג פון אַ זכר און אַ נקבה הייסט אַ האַלבער גוף, און אַ העלפט הייסט ניט איינער. און בשעת זיי פאַראייניקן זיך ווי איינער, ווערן ביידע טיילן ווי איין קערפּער, און דעריבער רופן זיי זיך אחד, איינער. און איצט הייסט ניט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער איינער, און די מיסטעריע פון דעם איז דאָס, וואָס די כנסת־ישראל איז אין גלות, און דער הייליקער־גע־בענטשט־איז־ער איז אַרויף אויבן־אויבן, און די פּאָר האָט זיך גע־שיידט, און דער הייליקער נאָמען ווערט ניט געפונען גאַנץ און ער הייסט ניט א ח ד. און ווען וועט ער הייסן אחד, איינער, בשעת די האַרנטע וועט זיך געפינען ביי דעם קעניג, און זיי וועלן זיך באַ־העפטן ווי איינער. אויף דעם זאָגט דער פסוק ׳און צו יהוה׳ן וועט

זיין די קעניגרייך'. וואָס איז די קעניגרייך? דאָס איז די כנסת־ישראל, מיט וועלכער דער מלכות וועט זיך פאַרבינדן ווי געהעריק, 'אין יענעם טאָג וועט זיין יהוה איינער און זיין נאָמען איינער'. און צו דעם ווערט געזאָגט, 'ווי גוט און ווי אַנגענעם עס איז דאָס זיצן פון ברידער צוזאַמען' " (ל"ז).

אין איצטיקן מאָמענט איז אפילו דער יהוה ניט גאַנץ. ער איז דער סוביעקט און די אידנשאַפט איז דער אָביעקט, און צווישן דעם סוביעקט און אָביעקט איז דאָ אַ שיידוואַנט אין דער פאָרם פון 'זינד'. די 'זינד' באַשטייט אין דער סאַמע צעשיידונג. אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ פאַר'כישופ'טער קרייז. די צעשפאַלטונג איז די 'זינד' און אַט־די 'זינד' האַלט אויף, נערט און האָדעוועט די צעשפּאַלטונג.

„'און אַ מאַן, אַז ער וועט נעמען זיין שוועסטער'... און אין דעם ספר פון דעם אַלטן רבי אבא (שטייט געשריבן): 'און אַ מאַן' דאָס איז דער קדוש־ברוך־הוא, 'וואָס וועט נעמען זיין שוועסטער' — דאָס איז די כנסת־ישראל. און דאָס אַלץ צוליב וואָס? דאָס איז אַ גנאָד, זיכער אַ גנאָד... אויף אויף דעם שטייט געשריבן, 'אָה, ווי גוט און ווי אַנגענעם איז דאָס זיצן פון ברידער צוזאַמען', דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער און די 'אידישע זאַמלונג' (לח).

'ער וועט נעמען' אין דער צוקונפט. דערווייל באַהויפּט זיך דער פירוד, די צעשיידונג, דער אָפּריס.

פיר אָפּשיידונגען קענען מיר קאָנסטאַטירן, פיר קריעה־רייסונגען זיינען פאָרגעקומען אין דעם גוף־און־נשמה־מלבוש פון מענטשן. און די אָפּשיידונגען זיינען די טרעפּלעך און דרגות פון שולד־באַוואוסטזיין.

דער ערשטער ריס איז דאָס אָפּזונדערן זיך פון דער וועלט און ווערן, דורך דער אַקציע פון פּרישות, אַ וועזן, וועלכער איז כלומר'שט אומאָפּהייִנגיק, אויטאָנאָמיש, עפּעס אַ מין מלוכה'לע פאַר זיך, אַן אָרגאַניזם מיט אַ „אייגענער" לעגיסלאַטיווער און עקזעקוטיווער מאַכט, פאַרשטאַנד, חושים און ווילן. די דאָזיקע פּרישות, אַט־די אָפּגעטיילטקייט איז אַן אויסדוכטעניש, אַ פיקציע, וועלכע דינט אָבער אַלס סאָלידער פונדאַמענט פאַר דעם גראַנדיעזן בניק, וועלכער ווערט אָנגערופן אינדיוויד, סיי ביאָלאָגיש און סיי פּסיכאָלאָגיש.

„דער מאַנגל פון אַ שאַרפן דואַליזם... דאָס איז דער סימן־

מובהק פון פרימיטיוון דיינקען. עס איז שווער פאַר אַן אַנגלאַזאַקס'ן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט צו באַגרייפן און רעאַליזירן דעם פרימיטיוון מאַניזם מיט זיין גאַנצער פאַרשטעגדלעכקייט און מטושטש'דיקייט. אפשר וואָלט איך עס קענען אַמבעסטן אילוסטרירן מיט אַ סימפאָנישן קאָנצערט. אויב איך קען זיך אויפפאַסן אַלס צו־הערער, מוזיק, אָרקעסטער און דיריגענט, אַלץ אינאיינעם, אָדער זיך איבערבייטנדיק, לויט'ן אייגענעם פאַרלאַנג, דעמאָלט וואָלט איך געווינען, לכל־הפחות, אַ בליאַסק פון יענער פאַזע פון פרימיטיוון פאַרשטאַנד. צו אַ געוויסער מאָס איז ער אַזוי ווייט פון אַ שטרענגן דואַליזם ווי אַ יונג־קינד'ס שכל וועגן וועלכן באַלדווין האָט אָנ־געמערקט:

אַזאַ באַוואוסטזיין שיינט ניט צו פאַרמאָגן קיינע דואַליזמען. עס האָט ניט קיין טיפקייט און ניט קיין פּאָלאַריטעט. עס ווייס ניט פון דעם חילוק צווישן דאָס, וואָס איז אינעווייניק אין באַוואוסט־זיין, און וואָס עס געפינט זיך מחוץ פון דעם (דער דואַליזם פון 'אינערלעך און אויסערלעך'), פון דער דיסטינקציע צווישן סוביעקט וועלכער טראַכט און דעם קעגנשטאַנד, וועגן וועלכן ער טראַכט (דער דואַליזם פון 'סוביעקט און אָביעקט') פון דער נפקא־מינה צווישן איין דיינקער און אַ צווייטן (דער דואַליזם פון אייגן זעלבסט און אַן אַנדער זעלבסט — דער עגאָ און ניט־עגאָ" (5).

דאָס איז געווען דער גאָר פרימיטיווער צושטאַנד פון מענטשן, דער מצב, וועלכער אַנטעדאַטירט אדם־הראשונ'ס חטא... און וועל־כער פאַרלויפט נאָך טיפער צוריק, אזש קודם צו די 'ויבדל'ס, וועל־כע האָבן זיך גענומען אַקטיוויזירן אין באַשאַף און אידענטיפיצירן זיך, צו אַ געוויסער מאָס, מיט 'דעת'.

דער צווייטער ריס איז דאָס שיידן זיך פון די געשלעכטער, אַ סעפּאַראַציע, וועלכע האָט געלאָזן נאָך זיך אַן אייביקע בענקעניש, די מעכטיקסטע ליידנשאַפט, די שטאַרקסטע געלוסטעניש זיך צו־נויפצוקומען איבעראַנייס, זיך צוריק באַהעפטן און ווערן איינס, איין לייב ווי גאָר פאַרצייטנס. אָט־די תאווה האָט זייער טיפע וואָרצלען, וועלכע גרונטעווען אין דעם סאַמע אָפּרייס, אין דער ווייטאָגדיקער צעצווייאונג, אויף וועלכער די מענטשלעכע מין־גאַנצ־קייט איז צעשפּאָלטן געוואָרן.

„און אלהים האָט געבוירן דעם מענטשן אין זיין בילד, אין

דעם בילד פון אלהים האָט ער אים געבוירן, אַ זכר און אַ נקבה האָט ער זיי געבוירן" (ל"ט).

„עס איז גרײַלעך מעגלעך, אַז אַ ווײַטערע אונטערזוכונג וועט צייגן, אַז די פּובעריטעט־דריזן זײַנען הערמאַפראָדיטיש, אין אַזאַ פאַל וואָלט די לערע מכח די צוויי־סעקסואַליטעט פון די העכערע אַנימאַלן קענען ווערן אַנאַטאָמיש באַגרינדעט" (6).

„די ראשית'דיקע שטופע איז געווען בלי־ספק אַ ביסעקסועלע, אַזאַ וועלכע עד־היום עקזיסטירט אין די נידעריקע קלאַסן פון אַני־מאַל־לעבן און אין משך פון די ערשטע מאָנאַטן פון עובר־עקזיס־טענץ אויך אין דער מענטשלעכער ראַסע" (7).

און די צעשיידונג איז פאָרגעקומען מיט דעם פּראָצעס פון ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג און ביאָלאָגישער פונקציעס־צעטיילונג. אָבער די דאָזיקע געשלעכטער־צעשפּאַלטונג איז ניט די אַלערערשטע שפּאַלטונג. זי פאָלגט נאָך די סוביעקט־אָביעקט־האַלבירונג, די איך און ניט־איך צעטיילונג. אייגנטלעך דאָס איז אַ צעטיילונג, וועלכע ווערט געשילדערט אין דעם חומש ווי אַ באַשאַף־אַקציע, אַלס אַ גע־בורט־פּראָצעס אָדער אַן אינוועניטיווע אונטערנעמונג.

„בעובדא דבראשית הוה מחלוקת" (מ'). „אין דער אַקציע פון בראשית איז געווען אַ צעטיילונג", אַ מחלוקת. אָבער די צעטיילונג איז פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז זי איז גורר נאָך זיך אַ צוריק־פאַר־אייניקונג.

„און דאָס איז די מיסטעריע פון 'יהי רקיע בתוך המים ויהי מבדיל', (זאָל זײַן אַן אויסשפּרייט אין דעם וואַסער און ער זאָל צעשיידן) דאָ איז די ערשטע צעשיידונג" (מ"א).

אין דער ראשית אַקציע, אין באַשאַף ליגט שוין די צעשפּאַל־טונג פון אלהים, פון 'איך' און 'ניט־איך', פון 'גאָט' און 'וועלט'.

אָט די מחלוקת, אָ־די צעשיידונג שטרעבט צו אַ צוריק־באַ־העפטונג און גאַנץ־ווערן, די דאָזיקע צעטיילונג איז לויט דעם זהר'ס לשון, מעטאַפאָריש אויסגעדריקט, די מחלוקת פון בית שמאי און בית הלל, אַ מחלוקת לשם שמים, וועלכע מוז צום סוף בטל־ווערן, ווײַל זי ענדיקט זיך אַלע מאָל אין נאָך אַ שטייפערער פאַרבינדונג, און נאָך פעסטערער אידענטיטעט.

און לויט דער אידישער געזינונג איז ראשית'דיקע ליבידא אַן עגאָ ליבידא. און די דאָזיקע אחדות־לײַדנשאַפט, די אהבה רבה און אהבת־עולם, איז פאַראַנקערט אין דעם סאַמע שרש פון דער נשמה מהות. זי איז פיל האַפטיקער און טיפער איידער די גע־

שלעכטער־ליבע, די סעקסועלע תאווה און הזדווגות־הונגער.

„מיר געפינען, אַז זייער אָפט אין פרימיטיווע מיטאָסן און קונסט ווערט גאָט... באַוויזן אָדער דערמאָנט אַלס אַן אנדראגענאָס, דאָס מיינט צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי געשלעכטער אויף־איין־מאָל. ער ווערט אַדרעסירט אַלס 'פאָטער־מוטער' אָדער 'מוטער־פאָטער', — ער איז אין זיין נאַטור גיכער צוויי־געשלעכטלעך ווי ניט־גע־שלעכטלעך" (8).

יה, זכר פון צד פון בוכשטאַב י', נקבה פון צד פון בוכשטאַב ה' (מ"ב).

„'און יהוה אלהים' — דאָס איז פאָטער און מוטער" (מ"ג).

„'און יהוה אלהים האָט געפלאַנצט' — פאָטער און מו־טער" (מ"ד).

דער שם ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון ביידע עלעמענטן, סיי דאָס מענלעכע און סיי דאָס ווייבלעכע זיינען רעפּרעזענטירט אין יה, אין יהוה־אלהים.

דאָס צייגט, אַז א י ד ע א ָ ל אָ ג י ש איז שלום געשלאָסן געוואָרן צווישן די צוויי געשלעכטער, און אַלס אַ פאָלגע פון דעם האָט אויך סאָציאָלאָגיש געהערשט פרידן, און עס איז געשאָפן גע־וואָרן אַ רעזשים פון אַ פאַטריאַרכאַט, וועלכער איז פאָרווייכט גע־וואָרן דורך מאַטריאַרכאַטישע קאָנצעסיעס.

אָבער פון דער אַנדער זייט ווייזט עס, אַז אין יה אַליין איז שוין דאָ די שפּאַלטונג פון סוביעקט און אָביעקט, וועלכע ווערן פאַר־טראָטן דורך די מענלעכע און ווייבלעכע יסודות. אָבער די שפּאַל־טונג לייזט זיך אויף אין איין אחד, ווייל לכתחילה זיינען דאָך ביידע געשלעכטער אויך געווען איין צווייגעשלעכט, אַ הערמאַפראַדיטישע פאָרם. אויך יה און יהוה־אלהים זיינען דאָך צוויי־געשלעכטער אין איין איינהייט.

פאָטער און מוטער, דאָס זיינען דער יה... זון און טאָכטער, דאָס זיינען וה" (מ"ה). ה' דאָס איז די מוטער... דער יוד באַ־העפט זיך מיט דער מוטער" (מ"ו). י' איז דער סימן פון זכר, ה' איז דער סימן נקבה, ו' איז דער צייכן פון זכר אין דער דריטער פערזאָן, ה' איז דער סימן נקבה.

„דער י' וועלכער פאַראייניקט זיך מיט זיין מוטער..." (מ"ז).

„י' אַליין איז זכר, ה' איז נקבה" (מ"ח).

דער מדבר־בעדו, די ערשטע פערזאָן פאָרם איז אַ צווייאיקע,

סיי זכר און סיי נקבה. און דער אני שטעלט פאַר מיט זיך פּילאָ־לאָגיש און סימבאָליש אַ פאַראייניקונג פוןביידע געשלעכטער (מ״ט).

„׳יהי׳ לויט דער מיסטעריע פון פאָטער און מוטער, וואָס עס איז יה״ (נ׳). געשלעכטער־שלום, געשלעכטער־פאַראייניקונג ווערט דורכגעפירט אין דער סאַמע אנכי־יה פאַרשטענדעניש, אין דעם העכסטן פּרינציפּ.

„דער פאַרגעפּיל פון דער דאָזיקער ביסעקסואַליטעט פון אַלע באַשעפענישן... איז אוראַלט. קען זיין, אַז ער איז אויך ניט פרעמד געווען אפילו די כינעזישע מיטאָסן; יעדנפאַלס איז דער דאָזיקער פאַרגעפּיל געווען אין גריכנלאַנד זייער לעבהאַפטיק, דערויף זאָגט עדות די פערסאָניפיקאַציע פון הערמאַפראָדיטאָס, אַלס מיטאָלאָגיש געשטאַלט; די דערציילונג פון אַריסטאָפאַנעס אין דער פּלאַטאָני־שער ׳סעודה׳, און אפילו נאָך אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט די גנאָסטישע סעקטע פון די אָפיטן זיך פאַרגעשטעלט דעם אורמענטש אַלס אנדרוגינוס״ (נ״א).

„׳די געטער׳, זאָגט ער (פּלאַטאָן אין באַנקעט), האָבן געמאַכט דעם מענטשן פון אָנהויב מיט אַ רונדער פיגור, מיט צוויי קער־פּערס, צוויי צורות, פיר פיס און ביידע געשלעכטער׳ ״ (9).

יופּיטער פון כעס און קנאה־שנאה, מחמת דעם, וואָס דער דאָפּלטער מענטש איז געווען אומגעווײנטלעך שטאַרק, האָט דעם גאַר־פאַרצייטיקן מענטשן צעשפּאָלטן, צעטיילט אויף צוויי גע־שלעכטער.

„אָט די צוויי חלקים פון איין קערפּער, אַזוי פאַנאַנדערגע־טיילט האָבן זיך געפּלייסט צו פאַראייניקן, און דאָס איז דער אָנהויב פון ליבע״ (10).

„האָט געזאָגט רבי ירמיה, דער זון פון אליעזר: בשעת דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט באַשאַפן אדם־הראשונ׳ען, האָט ער אים באַשאַפן אַן אַנדרוגינוס, דעריבער שטייט געשריבן, ׳א זכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפן׳. האָט געזאָגט רשב״ג: בשעת דער הקב״ה האָט באַשאַפן אדם־הראשונ׳ען, האָט ער אים באַשאַפן מיט צוויי פּנימער און ער האָט געמאַכט אים מיט צוויי רוקנס, אַ רוקן אַהער, און אַ רוקן אַהין״ (נ״ב).

רבי יצחק האָט געזאָגט: אדם איז באַשאַפן געוואָרן מיט צוויי געזיכטער און דאָס וואָס שטייט געשריבן, ׳און ער האָט גענומען איינע פון זיינע ריפּן׳, איז די דערקלערונג אַזוי, אַז דער קדוש־

ברוך־הוא האָט פאַנאַנדערגעזעגט אדם׳ען און ער איז געוואָרן צוויי, פון מזרח און פון מערב, ווי עס שטייט געשריבן, ׳הינטן און פאָרנט האָסטו מיך געפורעמט׳, ׳הינטן׳ איז מערב און ׳פאָרנט׳ דאָס איז מזרח. רבי חייא האָט געזאָגט: וואָס האָט דער הייליקער געבענטשט־איז ער געטאָן? ער האָט אויפגעריכט די יעניקע נקבה און האָט זי אויסגעצירט מיט שיינקייט איבער אַלץ און האָט זי געבראַכט צו אדם׳ען, ווי עס שטייט ׳און יהוה אלהים האָט אויס־געבויט די ריפּ, וואָס ער האָט גענומען פון אדם׳ען צו א פרוי׳... וואָס שטייט פאר דעם? ׳און ער האָט גענומען איינע פון זיינע ריפּן׳. פאַרוואָס א י י נ ע? אַזוי ווי ער זאָגט: ׳א י י נ ע איז מיין טייבעלע, מיין גאַנצע, איינע איז זי צו איר מוטער׳. פון זיינע ריפּן׳ (מצלעותיו) — מיינט פון זיין זייט, אַזוי ווי ער זאָגט ׳לצלע המשכן׳ (שמות כ״ו) און צום זייט פון משכן׳ ״ (נ״ג).

דער זהר טייטשט ׳ויקח אחת מצלעותיו׳ ניט אַז ער האָט גע־נומען איינע פון זיינע ריפּן, נאָר ער האָט אַרויסגענומען די א י י־נ ע, די איינציקע פון זיין זייט.

„ביידע ווי איינער אין פולקומענהייט האָבן זיי זיך געפונען זכר און נקבה, און די נקבה איז געווען באַהעפט אין זיין זייט, ביז ער (אלהים) האָט אַנגעוואָרפן אויף אים, אדם׳ען, אַ שלאָף און ער איז איינגעשלאָפן... און דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט אים פאַנאַנדערגעזעגט״ (נ״ד).

„און זיי האָבן עקזיסטירט אין איין מוסטער־טיפּ, זכר און נקבה האָט ער זיי געבוירן, איינער איז געווען איינגעשלאָסן אין צווייטן״ (נ׳ה).

„וואָס האָט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער געטאָן? ער האָט אים צעזעגט און האָט אַרויסגענומען די נקבה פון אים״ (נ״ו).

„ווען אדם איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געהאַט אַ נקבה אריינ־געשטעקט אין זיין זייט... דערנאָך האָט דער־הייליקער־געבענטשט־איז־ער פאַנאַנדערגעזעגט...״ (נ״ז).

און די געשלעכטער האָבן זיך דערנאָך צוריק באַהעפט, מקיים־זיינענדיק דעם ׳והיו לבשר אחד׳, זיי ווערן צוריק איין לייב. און אין יהוה ליגט די פאַראייניקונג אַלס אַ צוזאָג פון אַ פאַראייניק־טער געזעלשאַפט, וועלכע וועט רעאַליזירן איר איכהייט־איינהייט, איר גאַנצקייט און פרידלעכקייט, אין דער צוקונפט.

דער דריטער ריס איז די צעשפּאַלטונג פון דעם סאָציאַלן אַר־

גאַניזם, די אַטאָמיזירונג פון דעם געזעלשאַפט־עגאָ אויף אינדיווידן. און אָט־דער איבערגאַנג, וועלכער איז זייער ווייט פון צו זיין שוין פאַרענדיקט, פון דער סטאַדיע פון דאָס סאָציאַלע צו דאָס אינטער־אינדיווידועלע, ווערט פאַרמעגלעכט דורך דעם ריס, אָפּריס. די דאָזיקע שפּאַלטונג האָט געלאָזן נאָך זיך טיפע שפּורן־וואונדן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק. און די וואונדן בלוטיקן און גייען אָפּ מיט אייטער.

אָט די פאַזע איז אידענטיפיצירט מיט׳ן אויפטויכן פון אינ־דיווידועלן עגאָ, אינדיווידועלן זעלבסט־באַוואוסטזיין. דער יחיד, אויף דער דאָזיקער שטופע, איז עפּעס ווי באַשאַנקען געוואָרן מיט בחירה, מיט אַ ׳פרייען ווילן׳ דאָס הייסט אַ ווועלער, וועלכער איז כלומר׳שט פריי און אומאָפּהייגיק פון די דיקטאַטן און איינפלוסן פון דער גע־זעלשאַפט. ביי דעם מאָמענט האָט „פאַרברעכן״, די סאָציאַלע זינד, אַרויפגעטויכט און איז מעגלעך, און אויך טאַטזאַכלעך, געוואָרן.

און אין אַ געוויסן פּשט מיינט דער ׳פרייער ווילן׳, ווען וועלכן מ׳האָט זיך אַזוי געשמאַק געאַמפּערט אין דער טעאָלאָגישער און פילאָזאָפישער ליטעראַטור, ניט מער און ניט ווייניקער ווי די פריי־הייט צו באַגיין אַ פאַרברעכן, אַראָפּגיין פון די פאָלקס־וועגן, פאַר־לעצן אַ דין אָדער אַ מנהג. דער ווילן איז פריי באַדייט, אַז ער, דער יחיד־ווילן איז בכח זיך צו באַהויפּטן קעגן דעם ציבור־ווילן, זיך שטעלן אַנטקעגן אים און אים אָפּרעגן, אָפּלייקענען זיין אוי־טאָריטעט און השפּעה.

„אַ קאַפּער פּילט אַז ׳די ראַם וועלכע פּאַסט אים איין׳ ציט זיך אויס ביז׳ן קלאַן... די זכיות פון קלאַן מעקן אינגאַנצן אָפּ די רעכט פון דעם אינדיוויד... ווען איין מיטגליד פון קלאַן ליידט, ליידן אַלע מיטגלידער, ניט אין סענטימענטאַלער פּראַזעאָלאָגיע, נייערט אין רעאַלן פאַקט. די קערפּערשאַפט־אייניקייט איז ניט געווען אַ רעליגיעזע פאַנטאַזיע, מיט וועלכער מ׳האָט צוליב־געטאָן דעם שכל, נאָר אַ זאַך וואָס מ׳האָט אַזוי ווירקלעך געפילט, אַז זי האָט געשאַפן אַן אויסגעצייכנטן באַזיס, פון וועלכער דער אַלטרואיסטי־שער סענטימענט האָט זיך גענומען״ (11).

„ביי די פּרימיטיווע ראַסן... איז קרימינאַליטעט אַ זעלטנהייט, און בלויז מיט דעם ראַשיקן פאָרטשריט פון ציוויליזאַציע ווערן שלעכט־באַלאַנסירטע נאַטורן אַן אָפטער ענין״ (12).

די ווילדע זיינען ניט קיין פאַרברעכער, ווייל זיי פאַרמאָגן

ניט קיין פּריוואַטן ווילן, ד. ה. אַ פרייען ווילן, אַ ווילן וועלכער קען גיין כנגד דעם אייגענעם ציבור־עגאָ. זיי ווערן ניט משוגע אויך צוליב דער זעלבער סיבה. זיי זיינען ניט אָפּגעשפּאָלטן, זיי זיינען איין מאַנאַליט, פּסיכאָלאָגיש גענומען. און קיין פּסיכאָלאָגי־שער בירגער־קריג קען ניט פאָרקומען דאָרטן, וואו עס זיינען ניטאָ קיינע ב י ר ג ע ר, קיינע יחידים, וועלכע באַטראַכטן זיך אַלס אומאָפּהענגיק. זיי זיינען ניט אָפּגעריסן פון דער געזעלשאַפט. זיי עקזיסטירן כמעט ניט אַלס יחידים, און זיי קענען ניט זיין אַנטי־סאָציאַל אויסערלעך אָדער אינערלעך.

„דאָס וואָס איז ניט גוט פאַר דעם בינשטאָק, איז ניט גוט פאַר דער בין" (13).

אַזאַ אַבסאָלוטער צוזאַמענטרעף פון אינטערעסן איז מעגלעך בלויז פאַר'ן דריטן ריס, פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן פּאַנאַנדערפאַל. נאָכ'ן ריס ווערט דער מענטש 'עגאָאיסטיש' אין גראָבן פשט פון וואָרט. אָבער דאָס שטרעבן צו דאָס גאַנצע, צום ציבור לאָזט ניט אָפּ דעם איינצעלנעם. און אָט־דער באַגער טאַמעוועט זיין יחיד'ישן יצר־הרע, זויגט אַרויס און שפּייט אַרויס זיין ווילדן אייגננוץ־חיות. און זייענדיק צעריסן אויף צווייען, ווערנדיק אַן אָביעקט פון שטרייט פאַר צוויי קעגנגעזעצטע כחות פאַרלאַנגען, פילט זיך דער יחיד צעבראָכן, אָפּגעבראָכן פון שטאַם אָבער דאָך באַהעפט.

דער פערטער ריס איז די צעשפּאָלטונג פון דעם מענטשנ'ס נשמה פון אינעווייניק אויף באַזונדערע צושטאַנדן, אויף אַ סומע פון סוביעקטן און אָביעקטן. דאָס איז אַ צושטאַנד ווען דער סוביעקט אַליין נעמט זיך שפּאַלטן און מערן און דער אָביעקט טוט אים נאָך. דאָס איז די סטאַדיע פון הויכער אַנטוויקלונג, ווען די אינדיווידו־עלע פּסיכיק ווערט אַן אינטער־אינדיווידועלע, און דער יחיד אַליין, נעמט ווערן פּסיכאָלאָגיש אַ ציבור, אַ גאַנצער קהל פאַר זיך. יעדער זעלנצושטאַנד שטרעבט זיך אָפּצוזונדערן, זיך זעלבסט־דעטערמי־נירן, כלומר'שט, ווערן אַ זעלבסט אין זיין אייגענעם רעכט.

אָט די פיר ריסן זיינען פיר טרעפּלעך אין לייטער פון זינד־באַוואוסטזיין. אַ שולדיקייט־געפיל, געוויסן־מאַטערניש, האַרצעסע־ניש און געמיט־באַטריבטקייט פּייניקן די נשמה פון מענטשן.

די פיר ריסן זיינען באמת איין ריס, איין קריעה־רייסונג, נאָר פאַרטיפט. מחמת אַלע ווייטערדיקע ריסן זיינען בלויז אַ ווייטערע אַנטוויקלונג, אַ המשך און קאָמפּליצירונג פון דעם גאָר ערשטן ריס,

ווען דער איך האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיך אַליין און האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן און ער איז געוואָרן זעלבסט־באַוואוסטזיניק.

„דער ווירקלעכער קורס פון עוואָלוציע, פון וועלכן די אידייען פון זינד און געוויסן האָבן זיך אַרויסגעוויקלט... איז, זיכער, געווען ניט אַזוי איינפאַך... אָבער צום־סוף איז די ,גרויסע אויפגאַבע דער־פילט געוואָרן און מאָראַליטעט איז פּרעזערווירט" (14).

אַ מין חרטה־געפיל נאָגט און נאַיעט דעם מענטשן, זעגט זיין באַוואוסטזיין. דאָס איז די אומאויפהערלעכע בענקעניש נאָך זיין גאָר־אַמאָליקער אורשפּרינגלעכער גאַנצקייט, ווען ער און די וועלט זיינען געווען איין זאַך, ווען זכר און נקבה איז געווען אַ טאָפּלטער מין, ווען יחיד און רבים זיינען געווען איין גאַנצע קערפּערשאַפט. אים גייט אויס דער חיות נאָך יענער צייט, ווען דער אינדיוויד און דער סאָציאָס זיינען געווען איין פולגלידערדיקער אָרגאַניזם, און ווען ער, דער איינצעלנער, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך איין מאָנאָלי־טישע פּסיכאָ־פאָרמאַציע.

לפתח חטאת רובץ" (נ"ח) ביים סאַמע טיר, ביים סאַמע אָנ־הויב, ביי דער ערשטער עפענונג ליגט די זינד, טשאַטעוועט דער פעלער, און צו דיר איז זיין געלוסטעניש.

„אַ געפיל פון צעשיידנדיקער מאַכט פון זינד, פון איר פאַר־דאַרבנדער גבורה און יכולת אָנצופילן די נשמה מיט עלנט און וואַרלאָזיקייט — וואָס איז עס אַלץ, אויב ניט דער אויפוואַכנדיקער געוויסן" (15).

און וואָס איז געוויסן? דאָס איז דער טאָפּלטער וויסן, וועל־כער איז אַ רעזולטאַט פון האָלבירונג, אַ פּועל־יוצא פון אינערלעכן נשמה־ריס, פון דער אָפּגעריסנקייט פון זיך אַליין.

„די לאַנג אָפּגענוצטע פראַזע 'זינד־איבערצייגונג' באַצייכנט ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ געפיל פון אינערלעכן קאָנפליקט... מיט דעם וואוקס פון אַ פיינערער קולטור און א ראַפינירונג פון זיינע הצטרכות'ן, ווערט דער מענטש געוואָר פון אַן אינערלעכן צו־זאַמענשטויס. זיינע אינדיווידועלע פאָדערונגען קאָנפליקטירן מיט די פאָדערונגען פון דעם גרופּע־לעבן, אַ דרוק וועלכער ווערט אויס־געאיבט פון קאָנטיגואיטעט" (16).

די דאָזיקע קאָנפליקטן זיינען, באמת, ניט קיין קאָנפליקטן, נאָר ריסן, וועלכע מאָנען, פאָדערן אַ פאַראייניקונג, און לאָזן ניט אָפּ דאָס מענטשלעכע באוואוסטזיין. און כל זמן די גאַנצמאַכונג,

די פאַרהיילונג און צוזאַמענוואַקסונג איז ניט פאַרגעקומען, פילט זיך דער מענטש דערשלאָגן, שולדיק, זינדיק. ווי גוט און פרום ער זאָל זיך ניט אויפפירן, באַטראַכט ער זיך אַלץ אַלס פושע, ווײַלע ׳עס איז דאָך ניטאָ אַזאַ צדיק אין דער וועלט, וועלכער זאָל טאָן גוטעס און ניט זינדיקן׳.

„און ווען אפילו די גאַנצע וועלט וואָלט דיר זאָגן, אַז דו ביסט אַ צדיק, זאָלסטו זיך האַלטן פאַר אַ רשע״ (נ״ט).

דער מענטש מוז אַזוי מרה־שחורה׳דיק קוקן אויף זיך, ווײַל ער פילט זיך אומהיימיש, אָפּגעריסן פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט, פון זײַן שטאַם, און פון זײַן אייגענעם איכטום. ער איז עלנט, יתום׳דיק.

דער זינד־געפיל איז דער ווייטיק פון ריס פאַרטייטשט אויף אַ רעליגיעזן שטייגער. עס איז אַ לייד, אַ ריס, וואָס גאַרט נאָך אַ רפואה שלמה, אָדער, לכל־הפחות, אַ לינדערונג פון יסורים, אַ ווייטיק-איינשטילונג, דערווײַל לפי שעה. און מיט דער צײַט וועט קומען די פולקומענע אויסהיילונג. „אין יענעם טאָג וועט יהוה זײַן איינס און זײַן נאָמען איינס״ (ס׳). דער אינערלעכער ריס וועט גאַנץ ווערן, דער ׳ויבדל׳ וועט אָפּגעשאַפן ווערן. און וועלכער איז דער ערשטער ׳ויבדל׳? דאָס איז דער אָפּזונדער פון ליכט פון פינצטערניש. און אין יענעם טאָג וועט די דאָזיקע צעשפּאַלטונג, דער דאָזיקער בראָך פאַרהיילט ווערן. „און עס וועט זײַן איין טאָג... ניט קיין טאָג און נאַכט, און צו פאַרנאַכט־צו וועט זײַן ליכטיק״ (ס״א)..

„׳שמע ישראל, יהוה אלהינו׳ — איז איצט, ׳יהוה אחד׳ — לעתיד לבוא״ (ס״ב), ווען דער אחד וועט זיך פאַרווירקלעכן און דער ׳ניט־איך׳ וועט ווערן אבזאָרבירט אין איך, און די וועלט וועט ווערן פאַרטוקט אין אני־יהוה....

ג

## פּרויד און די מדרשים.

זאָגט פרויד:

„מיר דערלאָזן, קודם־כל, אַז אַ שולד־באַוואוסטזײַן וועגן אַ טאַט זאָל דורכלעבן און איבערלעבן יאָרטויזנטער און בלײַבן ווירק-

זאַם אין דורות, וועלכע האָבן פון דער דאָזיקער מעשה גאָרניט גע־
קענט וויסן'' (17).

שרייבט דער זהר:

,,'און זיי ווי אדם האָבן איבערגעטראָטן דעם בונד' (הושע ו, ז).
אדם האָט עובר־געווען אויף איין פאַרבאָט פון דער תורה און ער
האָט געבראַכט דעם טויט צו זיך און צו דער גאַנצער וועלט. ער
האָט פוגם־געווען אויבן, ער האָט פוגם־געווען אונטן. און יענע שולד
הענגט ביז דער קדוש־ברוך־הוא וועט אויפריכטן די וועלט ווי גאָר
פאַרצייטנס. און יענע פגימה וועט זיך אָפּטאָן פון דער וועלט. און
אויף דעם שטייט געשריבן, 'און ער וועט פאַרדאַרבן דעם טויט
אויף אייביק און יהוה וועט אָפּמעקן די טרערן פון יעדן געזיכט'
(ישעיה, מ"ה, מ"ט)'' (ס"ג).

דאָס איז די לערע מכח דער ערשטער זינד, אַ שולדיקייט,
וועלכע הענגט ווי אַ שווערער קאָשמאַר איבער דעם באַוואוסטזיין
פון דער מענטשהייט, הן ביודעים און הן בלא־יודעים. איינמאָל
און בלויז איינער געזינדיקט, אַלע און אַלע מאָל שולדיק, אַלץ איינס
צי די ראָסע ווייס פון דער שולד, צי זי הויבט גאָר ניט אָן
צו וויסן.

דאָס איז בקיצור'דיק איבערגעגעבן די אידישע אויפפאַסונג
פון אדם הראשונ'ס חטא. פרויד האָט די דאָזיקע לערע מאָדערני־
זירט, אָפּגעפרישט, פאַרטיפט און גוט באַלויכטן.

עפּעס ענלעכעס צו פרויד'ס לערע מכח דער שולדיקייט־שפּי־
רונג, וועלכע פייניקט אונטערבאַוואוסטזיניק אויך די, וועלכע האָבן
צו דער עבירה קיין דירעקטע שייכות ניט, געפינען מיר אין דעם
מדרש וועגן די עשרה הרוגי מלכות. לויט דעם מדרש זיינען זיי גע־
ווען קרבנות, זינד־פאַרגעבונגען פאַר דעם פאַרברעכן, וואָס יוסף'ס
צען ברידער זיינען באַגאַנגען קעגן זייער אינגערן ברודער, פאַר־
קויפנדיק אים פאַר אַ קנעכט. מידת־הדין האָט די גאַנצע צייט
מקטרג געווען. זי האָט אָבער ניט געפונען צען צדיקי־הדור מיט
וועמען זיך אָפּצורעכענען. ד. ה. דער זינד־באַוואוסטזיין האָט זיך
באַהויפּטעט אין דער אידישער געמיינזאַמקייט און האָט זי געפּיי־
ניקט, ביז צען פאַרשטייער פון דעם אידישן ציבור זיינען פאַרפּייניקט
געוואָרן צום טויט און די שטראָף איז דורכגעפירט געוואָרן.
ערשט דעמאָלט האָט זיך די מידת־הדין באַרואיקט. אין אָט־דער
אגדתא רעדט אַ שולד־באַוואוסטזיין און אַ שטראָף־דערוואַרטונג,

לויט דעם געזעץ פון 'ווער עס גנב'עט. אַ מענטשן און פאַרקויפט אים — ער זאָל געטויט ווערן'.

אין דעם פונקט פון שולד־שפּירונג, וועלכע גייט דורך די דורות גייט איבער בירושה אין אונטערבאַוואוסטזיין, איז פרויד אייניק מיט די מדרשים, וועלכע האָבן אַנטיציפּירט זיין לערע מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר. אָבער בלויז אין דעם איין פונקט גייען זיי זיך צוזאַמען, ווייטער הויבט זיך אָן דאָס פאַנאַנדערגיין צו אַ מאָס פון זיין דיאַמעטראַל קעגנגעזעצט..

פרויד'ס אויסטייטש פון ענין קרבנות:

„דער אָריגינעלער אַנימאַלער קרבן איז שוין געווען אַ במקום פאַר אַ מענטשלעכן קרבן, פאַר דאָס פייערלעכע הרג'ענען פון דעם פאָטער, און ווען דער פאָטער־ערזאַץ האָט צוריק אָנגענומען זיין מענטשלעכע פאָרם, האָט דער אַנימאַלער סוראָגאַט אויך געקענט ווערן איבעראַנייס טראַנספאָרמירט אין אַ מענטשלעכן קרבן" (18).

דער ענין קרבנות איז ניט ריכטיק אויפגעפאַסט און ניט ווי געהעריק אויסגעטייטשט. דאָס הרג'ענען פון טאַטן צו דערקלערן אַלס דעם אָריגינאַטאָר פון דער קרבנות אינסטיטוציע — קען מען בשום אופן ניט. פאַרוואָס האָט מען דער'הרג'עט דעם פאָטער? דערפאַר, וואָס ער האָט מאָנאָפּאָליזירט אַלע פרויען פון דער פרי־מיטיוועער הארדע. ווער האָט אים דער'הרג'עט? דער זון, די זין, אַזוי באַהויפּטעט פרויד, ווי די ווייטער געבראַכטע ציטאַטן זאָגן בפה מלא.

פרעגט זיך די פראַגע: מה נפשך, איז די מוטער געווען די הערשערין, האָט דאָך דער זון ניט באַדאַרפט באַגיין דעם פאַר־ברעכן, בכדי צו קריגן די מוטער, די מוטער אַליין, פון איר איי־גענעם ווילן וואָלט דאָך אים פרעפערירן, נעמען דעם אינגערן זכר און אָוועקוואַרפן דעם אַלטן־קאַלטן מאַן, איבערהויפּט נאָך וואָס דער 'אַלטער' איז דאָך אַ דערוואַקסענער, אַ דערפאַרענער און אַ פרעמ־דער, בשעת דער זון איז אָן אינגערער פון איר גע־מאַכטער מאַן. די מוטער־הערשאַפט, דער אוראַלטער מאַטריאַרכאַט, ווי דער אוראַלטער פאַטריאַרכאַט האָבן דאָך געקראָגן זייער גאַנצן אונטערשטיץ אין דעם פאַקט, וואָס די הערשערין־מוטער־ווייב איז געווען איין פערזאָן און דריי וויכטיקע פונקציעס זיינען צוזאַמענ־געפאַלן. די מוטער האָט געוועלטיקט איבער אירע 'פּראָדוקטן'. זי האָט געהאַט אַ רעכט זיי צו געברויכן און מיסברויכן. אויב אַזוי,

פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט אומברענגען פיזיש דעם אַלטן תרח? אַלאַ וואָס דען, מיר האָבן צו טאָן מיט׳ן פּאַטריאַרכאַט און דער פּאָטער איז דער הערשער און אוזורפּאַטאָר מאָנאָפּאָליזאַטאָר פון אַלע נקבות. אָבער אונטער׳ן פּאַטריאַרכאַט דאַרפן מיר דאָך ניט אָנקומען צו פּאָטער־מאָרד אום צו שאַפן די גאָט־אידייע, וועלכע קען שטאַמען דירעקט פון טיראַניזירנדיקן פּאָטער. נאָך מער, בנוגע דער קרבנות־אינסטיטוציע איז דאָך נאָך מער קשה: אויף וואָס דאַרפן מיר אָנקומען צו פּאָטער־מאָרד, ווען זון־מאָרד איז פריער און פשוט׳ער און קען לייכטער דינען אַלס דערקלערונג פאַר דער קרבנות־אַנשטאַלט. דער פּאָטער הרג׳עט דעם זון. דאָס איז דער אָנהויב פון דעם קרבן־איינפיר. און דער בעל־חי קרבן איז אַ שטעלפאַרטרעטער.

פאַרוואָס הרג׳עט דער פּאָטער דעם זון? פאַרוואָס אָפּערט דער פּאָטער אויף דעם זון? דער זון־קרבן איז אַן אויסקויף פאַר דער זינד פון משפחה־פאַנאַנדערפאַל. די פּלוראַליטעט פון די זין און טעכטער שטעלט אין סכנה די משפחה־גאַנצקייט. און, אַז מ׳פלעגט מקריב זיין זין און טעכטער, זיי אומברענגען אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, צו די געטער איז דאָך באַקאַנט. וועגן דעם זאָגן עדות פילע דאָקומענטן, טעקסטן און מנהגים באַשרייבונגען. פרויד באַווייזט דעם לינקן עווער מיט דער רעכטער האַנט אַרום דער פּאָטילניצע, בשעת מ׳קען אים ווייזן דירעקט מיט דער לינקער האַנט, וואָס איז גרינגער און נענטער.

„די צערעמאָניע פון מענטשלעכע קרבנות אין פאַרשיידענע טיילן פון דער באַזעצטער ערד מאַכט עס קלאָר, אַז די דאָזיקע מענטשלעכע קרבנות האָבן געענדיקט זייערע לעבנס אַלס רעפּרעזענטאַנטן פון דער גאָטהייט” (19).

דאָס איז ריכטיק. זיי זיינען טאַקע רעפּרעזענטאַנטן פון דער גאָטהייט, פון דער זיכערקייט־איכערקייט, ד. ה. פון סאָציאַ־עגאָ. זיי העלפן מאַכן גאַנץ דעם ריס דורך דעם, וואָס זיי צעמענטירן דעם רבים, אָנצייגנדיק, אַז דער יחיד, אַלס אַ זעלבסט, ווערט בטל־במציאות לגבי דעם אַלגעמיינעם ווילן פון ציבור.

צו דעם אַלס צוגאָב, איז דער קרבן נאָך אויך אַ זינד־אָפּער און אַ בראַנד־אָפּער. ער טוט אויף אַ קינסטלעכן אופן דאָס, וואָס די נאַטור זעצט אָדורך אויף איר אייגענעם נאַטירלעכן שטייגער. וואָס טוט די נאַטור? זי פאַראייניקט דעם ריס, זי הענגט אויף אַ

בריק איבער דעם אַפּגרונט, וועלכער גרעניצט צווישן ביאָלאָגישער און פיזישער נאַטור דורך דעם, וואָס זי הרג׳עט אַוועק, טויט די יחידים. מיט דעם טויט דערגרייכט זי צוויי צוועקן, די גאַטונג־דאַ־מינירונג און די פיזיק־הערשאַפט. דאָס אייגענע, אימיטירנדיק דעם נאַטירלעכן פּראָצעס פון דעקאָמפּאָזיציע פון מענטשלעכן קערפּער, פון יחידישן אָרגאַניזם, האָבן געטאָן די פּרימיטיווע מענטשן, און אַזוי אַרום דערגרייכט דעם זעלביקן תכלית.

דער קרבן איז געבראַכט געוואָרן מיט דער כוונה אַרויסצובאַ־קומען אַ פאַרגעבונג פאַר די זינד פון אָפּגעזונדערטקייט איןביידע פּשטים, סיי יחידיש אינדיווידועלער פּאַרטיקולאַריזם און סיי גאַטונג־יחידיש־ביאָלאָגישער סעפּאַראַטיזם.

אייגנטלעך דער קרבן איז דאָך ניט אַנטדעקט געוואָרן פון מענטשן, די נאַטור בכבודה ובעצמה האָט געמאַכט די גרויסע אַנט־דעקונג. דער מענטש איז דאָ בלויז אַן אימיטאַטאָר. ער טוט נאָך די נאַטור. און נאָכטוענדיק די נאַטור, ווייל דער מענטש אויף אַ געקינסטלטן אופן, אויף אַן עקספּערימענטאַל־טעכנישן שטייגער פאַר־שטאַרקן די פּעולה, פאַרפעסטיקן דעם עפעקט, וועלכן די נאַטור אַליין דערגרייכט, נאָר אויף אַ ווייניקער פּלאַנמעסיקער, ווייניקער אויסגערעכנטער, לייכגער־דויערנדיקער ווערסיע.

דער שולד־געפיל מאַטערנדיק דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף דעם נאַטירלעכן קרבן־פּראָ־צעס. דער מענטש האָט דעם טעמפּאָ פאַרשנעלערט. ער האָט פאַר־קירצט דעם וועג, וועלכער פירט דורך לאַנגע יאָרן צום טויט, צום שלום־מאַכן מיט דער וועלט, צו דעם צונויפגוס און אויפלייז פון די ווידערשפּרוכן. ער האָט פּרובירט ווערן די אַקושערקע פון דער טויט־אַקציע, פון טויט־געבורט, וועלכע איז דער זיכערסטער מיטל פון אחדות־שאַפונג, פון אייניקייט־פאַרווירקלעכונג, פון אידענטיטעט־עטאַבלירונג.

„׳ביי דער טיר ליגט די זינד׳... דאָס איז דער מלאך המות, ׳און צו אים איז דיין גלוסטונג׳ ביז דו וועסט פאַרשניטן ווערן׳ ״ (ס״ה).

דאָ זעט מען דעם דאַרשט נאָכ׳ן טויט, דאָס לעכצן נאָך דער איי־ביקער רו און פרידן, שלום מיט׳ן קאָסמאָס.

„דו ביסט זאַמד, און צו זאַמד וועסטו זיך אומקערן״ (ס״ו) — מיט גרויס פאַרגעניגן, מיט גרויס ליידנשאַפט, מיט אַ ברענענדיקער

תאווה, וועלכע פלאַקערט און שרפ'עט אין יעדן צעל, אין יעדן געוועב, וועלכע זידט און קאָכט אין יעדן טראָפּן בלוט ביז זי פאַרצערט דעם גאַנצן אָרגאַניזם.

אונדזער זעלבסט־באַוואוסטזיין האָט מיט דעם ניט וואָס צו טאָן. פאַרקערט, ער איז קעגן דער דאָזיקער ליידנשאַפט. אָבער ער איז אַ קנאַפּער בעל־הבית אין דעם הויז פון גוף. באמת האָט ער גאָר אַ קליינע דעה אין די אָנגעלעגנהייטן פון אונדזער קערפּער.

„איבערגוואַלט לעבסטו און איבערגוואַלט שטאַרבסטו" (ס"ז).

דער לעבן איז אַ געוואַלדטאַט קעגן דער וועלט און אירע טויטקייטן, קעגן דעם אונטערבאַוואוסטזיין, קעגן דער פיזישער נאַטור פון מענטשן אַליין, וועלכע ווילט דאָס לעבן ניט קענען און ניט וויסן. 'איבערגוואַלט שטאַרבסטו', ווייל דער באַוואוסטזיין מישט זיך אַריין, און דעם יחיד'ס באַוואוסטזיין, זיין קליין־עגאָ־אינטואיציע ווילט ניט שטאַרבן. הגם זיין גאַנצער אָרגאַניזם חלש'ט אַוועק נאָך דעם טויט, גייט אויס, גאַרט, לעכצט נאָך שלוה און מנוחה.

„פאַרוואָס איז דער טויט נגזר־געוואָרן אויף די צדיקים? אַלא אַזוי, כל־זמן די צדיקים לעבן, האַלטן זיי דאָך כסדר מלחמה מיט זייער יצר־הרע, און ווען זיי שטאַרבן, רוען זיי זיך אָפּ. און דערייבער שטייט געשריבן, 'דאָרט וועלן רוען די קראַפט אויסגעשעפּטע' (איוב, ג., י"ז). עס איז גענוג וויפל מיר האָבן זיך אָנגעמאַטערט" (סח).

דער קאַמף קעגן יצר־הרע איז אַ קאַמף קעגן דער געלוסטונג פון טויט אין אַלע אירע וואַריאַציעס און פאַרשטעלונגען. יעדע זינד, יעדער עבירה־נסיון איז אַ דערנענטער צום טויט, צו דער צעשפּאַלטונג און צעפאַלונג פון דער גאַנצקייט, וועלכע הייסט דער מענטשלעכער גוף און מענטשלעכע נשמה, און ווען מיר ווערן מיד צו 'וואַיעווען' זיך אַרומצוקריגן מיט'ן טויט — נעמען מיר און שטאַרבן אַוועק. מיר גיבן נאָך דעם גרעסטן יצר־הרע, דער גרעסטער תאווה, דעם יצר־ פון טויט, דעם מלאך־המות...

„מיר ווערן געוואָר, אַז אין אונדז עקזיסטירט אַן אמת'ער און שטענדיקער פאַרלאַנג צום שטאַרבן, דורך דעם אָנגענומענעם צושטאַנד, וועלכן עס רופט אַרויס, אין געוויסע פאַלן, דער דערנענטער צום טויט" (20).

אָט־די תאווה איז אַ פונדאַמענטאַלע. די תשוקה באַהערשט דעם גאַנצן אָרגאַניזם. זי דרינגט אַדורך אַלע פאָרן און צעלן פון דעם

קערפּער, וועלכער גייט אויס, חלש'ט צום שטאַרבן במיתת־נשיקה, אויסצוהויכן דעם לעצטן אָטעם־צוג. אַלע טויטן זיינען אַ מיתת־נשיקה, אַ קוש, אַ צונויפגאָס פון אַ טייל, אַ פאַרוואָגלט, פאַרטריבן חלק'ל, מיט דאָס גאַנצע, מיט דער מוטער־וועלט, פאַטער באַשטאַנד.

„און עס איז זייער גוט — דאָס איז דער טויט". גרויס און פיל זיינען די פאַרכטן פאַר'ן קעניג, מחמת דעם רימען וועלכן ער האַלט אויפגעהאַנגען פאַר זיי. און ווי גוט איז דער רימען פאַר די מענטשנקינדער, עס מאַכט זיי גוט און אמת'דיק און אויפריכטיק אין זייערע וועגן, ווי באַדאַרף־צו־זיין" (ס"ט).

דער טויט שטעלט אַפּ דעם ריס. ער דינט אויך אַלס אַנשרעקער, אַלס טעראָר־מיטל צו האַלטן דעם מענטשנס אויפפיר, נאָך בשעת'ן לעבן, אין איינקלאַנג מיט דעם גאַנצקייט־סיסטעם.

„דעם עפעקט פון טויט האָבן זיי זעלטן צוגעשריבן צו נאַטירלעכע סיבות". (21).

דעריבער איז די מענטשן נאָך גרינגער אָנגעקומען דאָס נאָכטאָן די נאַטור, פּראַקטיצירן טויט אַלס אַ מעטאָד, ווייל זיי זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז טויט בדרך כלל איז ניט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג, נייערט עס קומט אַלס אַ פּועל־יוצא פון אַ באַשטימטער נעגאַטיווער אַקציע.

זייער קלאָר ווערט דער דאָזיקער געדאַנק אַרויסגעבראַכט אין מדרש רבה.

„אין דער תורה פון רבי מאיר'ן האָט מען געפונען אָנגעשריבן, והנה טוב מאד, און עס איז גוט — דאָס איז דער טויט" (ע').

אָדם האָט ניט געדאַרפט פאַרזוכן דעם געשמאַק פון טויט. און פאַרוואָס האָט מען אים גע'קנס'ט מיט טויט? אַלא וואָס דען דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט געזען אַז נבוכדנצר און חירם, דער קעניג פון צור, וועלן זיך מאַכן פאַר געטער, דעריבער האָט ער אים באַשטראָפט מיט טויט" (ע"א).

דער טויט קומט בכדי אָפּצושטעלן דאָס אָפּרייסן זיך סיי פון דער וועלט, אַלס עפּעס גאַנצעס, און סיי פון ציבור, פון דער גאַטונג אַלס עפּעס איבער־אָרגאַניש גאַנצעס. אָט־דער אָפּריס קען ברענגען צו אַ קעגנווירקונג, צו דעם אַז דער יחיד אין זיין יחיד'ישן אויפפיר זאָל אַרויסטרעטן קעגן דער וועלט, קעגן דער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער געהערט. און אָט־די מיסברויכונג שטעלט אָפּ דער

טויט, ער מאַכט אַ סוף צו דעם. מיט אַנדערע ווערטער, אַן אומעט־ישע פערזענלעכקייט טאָר ניט לעבן אייביק, ווייל זי וואָלט בידים, מיט׳ן בייזן ווילן פאַרניכטן איר אייגענע גאָטונג.

מיר וועלן זיך אומקערן צו פרוידן, אים געבן דאָס וואָרט:

„די געזעלשאַפט איז איצטער באַזירט אויף אַן איינטיילנע־מונג אין אַן אַלגעמיינעם פאַרברעכן, רעליגיע האַלט זיך אויף דעם שולדיקייט־געפיל און דער קאָנסעקווענטער חרטה, בשעת מאָראַלי־טעט האַלט זיך טיילווייז אויף די נויט־באַדערפענישן פון דעם ציבור און טיילווייז אויף דער עקספּיאַציע, וועלכע דער שולדיקייט־געפיל פאָדערט״ (22).

דאָס וואָס פרויד זאָגט איז כמעט ווי ריכטיק, אָבער ווייט ניט פּינקטלעך. עס איז אמת, אַז רעליגיע, צו אַ געוויסן גראַד האַלט זיך אויף דעם שולד־געפיל, אָבער אָט־דער געפיל ווערט דערגאַנצט מיט אַ ליכטיקער און זיכערער האָפענונג פון דערגרייכונג צו אַ פאַר־געבונג און אָפּמעקונג פון דער שולד. דאָס מיינט, אייגנטלעך, אַז די שולד ווערט באַיאַט און תוך כדי דיבור ווערט זי פאַרניינט. רעליגיע באַזירט זיך אויף אָט־ דער פאַרניינונג צוזאַמען מיט דער באַיאָונג, וועלכער איז אונטער געוואָרפן אונטער דער רשות פון דער פאַרניינונג.

וואָס איז אייגנטלעך דער שולד־געפיל, אין וואָס באַשטייט די שולד? דאָס איז די אָפּגעריסנקייט, צעשפּאָלטנקייט פון דער איכהייט, פון דער זיכערקייט־איכערקייט. און די הכרח׳דיקע באַ־דערפענישט צו פאַרנייען און גאַנץ מאַכן אָט־דעם נשמה־ריס, די ריסן, מכפר צו זיין אויף די עבירות און, איבערהויפּט, אויסקויפן די אַלערשטע עבירה, וועלכע אדם הראשון איז באַגאַנגען — דאָס איז די אויפגאַבע און יסוד פון רעליגיע. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס צוריקבאַהעפטן זיך, איבעראַנייס זיך מזדווג־זיין און ווערן איינס, איין אחד פון סוביעקט און אָביעקט, פאַרווירקלעכן דעם איחוד און יחוד פון דער איכערקייט־זיכערקייט — דאָס איז די זעל וועלכע באַלעבט און וועט באַלעבן רעליגיע און דעם רעליגיעזן קולט דורך אַלע דורות און אין אַלע פעלקער. אין אַנדערע עפּאָכן, און ביי אַנדערע פעלקער, מיט מער פאַרשטענדעניש, אין אַנדערע, מיט ווייניקער.

רעליגיע באַצוועקט די דערגרייכונג פון איחוד און ייחוד סיי בנוגע דער אייגענער, אינערלעך־אינערלעכער ריין פּסיכאָלאָגישער

איכערקייט־זיכערקייט און סיי בנוגע דער אינערלעך־אויסערלעכער איכערקייט־זיכערקייט, דעם בין אדם לחברו און בין אדם למקום, פון דעם ציבור און דער וועלט. אט־די צוריקפאראייניקונג פון די דאזיקע דריי פארהעלטענישן־סיסטעמען און דאס מאכן פון זיי איינס, אט־די באהעפטונג און גאנץ־מאכונג פון די דריי אויפפאסונגען פון די ריסן, וועלכע פייניקן די נשמה פון מענטשן — איז דער איינציקער אויסשליסלעכער תכלית פון רעליגיע און עטיק.

די צוויי, רעליגיע און מאראל, זיינען כמעט איין דיסציפלין. עס איז אבער פארט פאראן אן אונטערשייד צווישן זיי, אויב מ׳וויל דווקא אנצייגן אויף אן עקזיסטירנדיקער דיווערגענץ. און דאס אייגנטלעך איז דער חילוק: עטיק־מאראל, אין ענגן פשט פון ווארט, האט צו טאן בלויז מיט מעשים־טובים בנוגע דעם מענטשן. בשעת רעליגיע האט צו טאן מיט גוטע טואונגען, מיט מעשים טובים אויך בנוגע דעם פאר און נאך-מענטשן, ד.ה. די אייגענע איכן. אויף דעם זאגט עדות דער „ושמרתם לנפשותיכם". רעליגיע גיט זיך אפ אויך מיט דער פאראייניקונג פון דעם איך און דעם כלומר׳שטן נ י ט ־ א י ך, וועלכער הייסט וועלט. בכדי צו דערגרייכן אט־דעם צוועק מוז מען גאנץ אפט אנקומען ניט בלויז צו ענג־עטישע פראקטיקעס, נאר אויך צו צערעמאניאלן און סימבאלן, איבערהויפט פייערלעכקייטן, יום־טוב׳ונגען, וועלכע רופן ארויס התלהבות, באגייסטערונג, אויפרודערונג און ממילא, צונויפהאלטונג און קאנצענטרירונג פון די פארשיידענע זעלבשטאנדן און זייער צונויפשמעלצונג. דער אמת איז, אז אט־די מעטאדאלאגיע, ריטואליסטיק אריינגערעכנט, איז אן עטישע אין ברייטן טייטש פון ווארט. ווייל עטיק איז אן אחדות און שלום־שאפנדיקע דיסציפלין און צוליב אט־דעם תכלית, וועלכן מיר האבן אנגעדייט, ווערט איינגעפירט די קרבנות אינסטיטוציע, ווי מיר האבן אביסל פריער אויסגעטייטשט און עס געגעבן צו פארשטיין אויף א גאנץ פאפולערן שטייגער.

מיר וועלן איצט נאך אמאל געבן דאס ווארט פרויד׳ן:

„אין דעם קריסטלעכן מיטאס איז דעם מענטשנס ערשטע זינד, אן צווייפל, א באליידיקונג פון פאטער, און אויב קריסטוס לייזט אויס די מענטשהייט פון דער לאסט פון דעם ערשטן חטא דורך דעם, וואס ער אפערט אויף זיין אייגן לעבן, צווינגט ער אונדז צו קומען צום שלוס, אז די זינד איז געווען א מארד.

לויט די געזעצן פון רעטאַליאַציע, וועלכע זיינען טיף איינגע־וואָרצלט אין מענטשנ׳ס וועזן, קען אַ מאָרד פאַרגעבן ווערן בלויז דורך דער אויפאָפּפערונג פון אַן אַנדערנ׳ס לעבן. דער זעלבסט־קרבן צייגט אָן אויף אַ בלוט־שולד. און אויב אַט־דער אָפּפער פון אייגע־נעם לעבן ברייגנט צו אַ פאַרגיטיגונג מיט גאָט, דעם פאָטער, דעמאָלט האָט דער פאַרברעכן, וועלכער דאַרף אויסגעקויפט ווערן, געמוזט זיין אַ פאָטער־מאָרד״ (23).

„און אויב דער ערשטער חטא איז געווען קעגן גאָט דעם פאָ־טער, האָט די עלטסטע עבירה פון דער מענטשהייט געמוזט זיין אַ פאָטער־מאָרד, דאָס הרג׳ענען פון דעם פאַרצייטיקן פאָטער פון דער פרימיטיווער מענטשלעכער הארדע, וועמענס געדעכעניש־בילד איז שפּעטער־צו טראַנספיגורירט געוואָרן אין אַ גאָטהייט״ (24).

דער קריסטלעכער מיטאָס איז פון פרויד׳ן ניט ריכטיק אויפ־געפאַסט און, ממילא, ניט ריכטיק אויסגעטייטשט. בכלל האָט פרויד דעם באַקאַנטן מיטאָס אינגאַנצן ווילקירלעך אומגעשטאַלטעט און דעפאָרמירט. ער האָט אים צעשעדיקט, בכדי ער זאָל זיך אַריינפּאַסן אין פרויד׳ס דערקלערונג.

דער זון ווערט געבראַכט פאַר אַ קרבן, בכדי אָפּצומעקן, אָדער איבערצונעמען, און אָפּוואַשן מיט בלוט די זינד פון דער מענטש־הייט. די בלוט פון דעם הייליקן אומשולדיקן ׳שעפּס׳ איז אַ כפּרה פאַר די עבירות פון דער מענטשלעכער ראַסע — דאָס איז ריכטיק. אָבער דאָ פרעגט זיך: ווער ברענגט דעם קרבן? ברענגען מיר, מענטשן־קינדער, דעם קרבן, בכדי זיך איבערצובעטן מיט׳ן פאָטער? ניין, דער מיטאָס זאָגט דאָך פאַרקערט: דער פאָטער ברענגט דעם קרבן.

„מחמת גאָט האָט אזוי ליב די וועלט, אַז ער האָט אַוועקגעגע־געבן זיין איין־איינציקן זון, בכדי, אַז יעדער איינער, וואָס גלויבט אין אים, זאָל ניט פאַרטיליקט ווערן, נייערט זאָל האָבן אַ תמיד־דויערהאַפטן לעבן״ (ע״ב).

און וואָס איז שייך ׳דעם ערשטן חטא׳, דעם חטא פון אדם הראשון, האָט דאָך דער קריסטנטום קיין שום ספּעציעלן, פון אים אַליין געשאַפענעם, מיטאָס קיינמאָל ניט געהאַט. פאַר׳ן קריסטנטום איז גילטיק דער זעלביקער מיטאָס, וועלכער איז גילטיק פאַר׳ן אידנטום, און וועלכער געפינט זיך אין דעם ספר־בראשית. און דאָס

איז דער חטא פון עסן פון עץ הדעת. דער ביבלישער מיטאָס איז גענוג קלאָר און אַרטיקולירט. און ער זאָגט דאָך בפירוש, אַז די זינד איז ניט באַשטאַנען אין אַ מאָרד, נאָר אין אַ צווייאיקייט, צוויי־פאַלטיקייט פון „וויסן דאָס גוטע און דאָס שלעכטע".

„אַזוי אַרום אין דער קריסטלעכער דאָקטרינע האָט די מענטשהייט ניט־איינגעהאַלטענערהייט צוגעגעבן די זינדיקע אַקציע פון גאַר פאַרצייטנס, ווייל איצט האָט זי געפונען די העכסט שלימות'דיקע עקספּיאַציע פון דער טואונג אין דעם אויפאָפּפער — טויט פון דעם זון. דאָס איבערבעטן זיך מיט'ן פאָטער ווערט נאָך מער פול דורך דעם, וואָס אויף אַמאָל מיט אָט־דעם קרבן פאָלגט דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער פרוי, צוליב וועמען די מענטשהייט האָט רעוואָלטירט קעגן פאָטער" (25).

דאָס וואָס פרויד זאָגט וועגן דער קריסטלעכער רענונציאַציע פון דער פרוי, פון דער זינדיקער אשה, איז ער ווידער ניט גערעכט. דער קריסטנטום האָט פאַרדאַמט געשלעכט, די צעשיידונג, אָבער לאו דווקא די פרוי. און אויך וויפיל זיי האָבן געטאָדלט די פרוי, האָבן זיי עס געטאָן אויפ'ן סמך פון דעם עץ־הדעת מיטאָס און חוה'ס ראָלע אין ברענגען טויט צו דער וועלט. — די אינסטיטוציע פון מאַנאַנכטום האָט עקזיסטירט פאַר ביידע געשלעכטער. עס זיינען געווען אי מאַנאַכן און אי מאַנאַשקעס. צעליבאַט האָט צו טאָן מיט מאַנצביל בלויז דערפאַר, וואָס דער פּריסטערטום איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון מענער. פרויען זיינען געווען אויסגעשלאָסן. עס זיינען ניט געווען קיין גלח'טעס. און אויב די מאַנאַכן פאַרדאַמען די פרוי, רענונציאירן די אשה, איז וועמען רענונציאירן די מאַנאַשקעס? קריסטנטום האָט באַטראַכט געשלעכט אַלס אַ שלעכטס, ווייל עס איז האַלבירונג, אַ צעברעכונג פון עפּעס גאַנצעס אין צוויי העלפן.

פרויד אָבער זעט אין דעם קריסטוס־בילד עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז לחלוטין ניט צונויפגעקניפּט מיט'ן אידישן מיטאָס. אין קריסטוס'ן קען מען זען די פאַרטזעצונג פון דער אידייע מכח דעם זון קרבן, וועלכער איז דער אָריגינאַל פון דער קרבנות־אינסטיטוציע, און ניט, ווי פרויד וויל האָבן, אַז עס איז אַן אויסקויף פון אַ פאָטער־מאָרד. דער זון־קרבן איז איניציאַליש. דער זון־קרבן איז ניט אויסגעוואַקסן אַלס אַ כפרה און פאַרגעבונג־מיטל פאַר אַ פאָטער־קרבן.

דער זון־קרבן שטייט אויף זיינע אייגענע פיס. דער פּראָטאָטיפּ

פון קריסטוס'ן אַלס קרבן איז דאָך יצחק אין דער עקידה, וועלכע פאַרנעמט אַזאַ פראָמינענטן פּלאַץ אין דער אידישער ליטורגיע.

„אלהים יראה לו השה לעולה בני (ע"ג). די פּאַטערס פון דער קירכע זעען אין דעם פּסוק אַ נבואה אַרויסגעזאָגט פון אברהם'ען, וועלכער זאָגט פאָראויס, אַז גאָט וועט נעמען דעם 'לאַם' פאַר אַ קרבן־עולה (26). גאָט טוט נאָך אברהם'ען.

אין קרבן ליגט, ווי געזאָגט, די אידייע פון דער גאַנצקייט פון דער משפחה, שבט, הארדע. און לויט אַלע כּללים האָט דער קרבן געמוזט זיין לכתחילה אַ זון־קרבן, אַ גאַנצקייט־אויפהאַלט־מעטאָד.

„און ער האָט געוואוסט, אַז אויף דעם קרבן האַלט זיך די וועלט. און ווען ניט דער קרבן, וואָלטן קיין קיום ניט געהאַט ניט די אויבערשטע און ניט די אונטערשטע" (ע"ד).

ווער איז מקריב וועמען? ניט יצחק אברהם'ען, נאָר אברהם וויל מקריב זיין יצחק'ן, דעם זון, דעם בכור, דעם איין־איינציקן זון. און דער קריסטוס־קרבן איז בלויז אַן איבערניצעוואונג, אַ וואַריאַציע פון דעם יצחק־קרבן.

דער צוועק פון קרבן, בכלל, איז דאָס בייקומען פון סעפּאַראַטיזם. און דער צוועק פון קריסטוס־קרבן, לויט דער קריסט־לעכער טעאָלאָגיע, איז צו רעאַליזירן די גאַנצקייט פון דער מענטשן־ראַסע, צעמענטירן זי מיט דער בלוט פון דעם שעפּס.

אין דער בכור אידייע איז לייכט איינצוזען דעם פאַרלאַנג אויפצוהאַלטן די משפחה אַלס אַן אייניקייט, און ניט דערלאָזן, אַז די צענטריפוגאַלע כחות פון דעם אויפקומענדיקן דור, וועלכער גייט נאַטירלעכערווייז פון אַ זיווג צו אַ רבים פון זין און טעכטער, צו אַ פּלוראַליטעט פון אַ דואַליטעט — זאָל צערייסן די איינהייט־אויסגעבונדנקייט פון דער משפחה. די בכור־אינסטיטוציע איז געשאַפן געוואָרן בכדי אַנטקעגן צו ווירקן אָט־די סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן. דערפאַר האָט מען דעם בכור מקריב געווען פאַר אַ קרבן אויף דעם מזבח פון גאַנצקייט. דערנאָך, האָבנדיק דורכגעמאַכט אַ לאַנגע רייע פון טראַנסמוטאַציעס, האָט מען אים געמאַכט פאַר'ן איינציקן, אָדער צוויי טיילן נעמענדיקן יורש. גאַר אַמאָל האָט מען געהאַנדלט אין אַ קעגנגעזעצטער ריכטונג. מ'האָט פּריווילעגירט דעם אינגסטן, דעם מוזשינעק. דער צוועק איז אָבער געווען דער אייגע־נער. דער קאַמף פון עשו'ן קעגן יעקב'ן איז אַ קריג פון פּרימאָגע־ניטור קעגן אולטימאָגעניטור. וואָס איז שייך טיטול, איז די בכור

אינסטיטוציע עד־היום אין פולער קראַפט. די משפחה האָט זיך גע־דאַרפט קאָנצענטרירן אין איין פערזאָן. די דינאַסטיע־ליניעס צייגן באַשיינפערלעך, אַז די גרופּע, דער שבט, דער קלאַן שטרעבן צו אַן אָרגאַניזם־גאַנצקייט, צו איין איינהייט, צו איין ווילן, איין פאַרלאַנג, איין פּערזענלעכקייט.

דער בכור־קרבן, וועלכן דער פאָטער האָט מקריב־געווען, האָט געדאַרפט דערפילן אָט־די אויפגאַבע פון איינהייט־גאַנצקייט־פאַר־מירונג.

ווייטער, ווען האָט געקענט אויפקומען דאָס פאַרברעכן פון הרג'ענען דעם פאָטער, לויט פרויד'ן ? זיכער ניט פאַר דעם, ווי דער פאַטריאַרכאַט־רעזשים איז שוין געווען פול עטאַבלירט. דער טאַטע בכדי דער'הרג'עט צו ווערן, האָט דאָך געדאַרפט, ווי דער הונט 'פאַרדינען דעם שטעקן', זיין דער אויטאָקראַטישער הערשער, דער דיקטאַטאָר אין זיין משפחה־קרייז אָדער הארדע.

„דער עלטסטער זכר פון די עלטערן... איז דער אבסאָלוטער הערשער אין דער פאַמיליע... ער משפט דיני נפשות, זיין הערשאַפט איבער די קינדער און זייערע ווייבער איז אומקוואַליפיצירט, פונקט ווי איבער שקלאַפן" (27).

און אויב ער האָט שוין יע אויסגעאיבט זיין טיראַניי, האָט זיך עס דאָך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט אָפּגעהיט, קודם־כל, די מאַמען, זיין פרוי, אַז זי זאָל ניט האָבן קיין געשלעכט־פאַר־קער מיט איר זון, אַז א י ר זון זאָל ניט ווערן א י ר מ אַ ן. מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט אָנגענומען דראַסטישע מיטלען צו באַזייטיקן זיין ק אָ נ ק ו ר ע נ ט, דעם זון, דעם בכור. און אין דער באַזייטיקונג דורך אויפאָפּפערונג, איז געלעגן דער פאַרבאַהאַל־טענער תכלית פון משפחה־גאַנצקייט אויפהאַלטונג אונטער דער אייזערנער דיסציפּלין געשמידט פון איין ווילן און איין פאַרשטאַנד.

און אויך דער בעל־חי ערזאַץ ווערט דאָך געמאָלן טאַקע אין דעם ביבלישן מיטאָס מכח עקידת יצחק. אַנשטאָט דעם זון אָפּערט מען אַ באַראַן, וועלכער פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון מענטשלעכן קרבן. דער בעל־חי קרבן, דער בכור־קרבן איז אַ פּאַראַלעל־ליניע פון קרבנות־אינסטיטוציע, פון דער אומברענגונג־אַקציע, וועלכע מ'האָט פּראַקטיצירט צוליב געשלעכט־צוועקן. און צום סוף פאַלן זיי צו־זאַמען און דער בעל־חי פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון זון־קרבן, פון בכור־קרבן.

ווען דער מאַן האָט געהאַט צו טאָן מיט נקבות פון זיין סטאַדע האָט ער ניט געוואָלט האָבן צופיל זכרים בהמות אַלס קאָנקורענטן אַרום זיך. נאָך מער, וואָס באמת זיינען זיי ניט געווען אומבאַדינגט נויטווענדיק פאַר דעם פאַנאַנדערוואוקס פון דער טשערעדע. די באַפרוכפערונג פונקציע האָט געקענט צופרידנשטעלנדיק דערפילן אַ מינימום פון זכרים בעלי־חיים.

און די צווייט ליניעס פון קרבנות־ברייגנגען זיינען געלאָפן פּאַראַלעל. סיי דעם בכור פון די בהמות און סיי דעם בכור פון די מענטשנקינדער האָט מען גע׳הרג׳עט, דאָס הייסט אויפגעאָפּערט. און ביידע כמעט צוליב דעם אייגענעם מאָטיוו פון געשלעכט, און אונטער־מאָטיוו, טיפערער מאָטיוו, וועלכער איז די באַצוועקונג פון קעגנווירקונג דער צעשפּליטערונג־טענדענץ.

„פאַר די זכרים־בכורות־קרבנות — די נקבות פלעגט מען איבערלאָזן פאַר פאַרמערונג־צוועקן — איז ניטאָ קיין שום היסטאָרישער מאָטיוו. דאָס ווערט דערקלערט אויף אַ זייער איינפאַכן שטייגער: עס איז געווען אַ דאַנקבאַרקייט־צייכן צו יהוה פון די פיהאָדעוער. די פאָדערונג האָט זיך פאַרשפּרייט אויך אויף די קינדער־בכורים. לויט דעם טעקסט פון שמות (כ״ב, כח־כ״ט) קומט אויס, אַז מ׳האָט די קינדער אויפגעאָפּפערט. ׳דעם בכור פון דיינע זין וועסטו מיר אָוועקגעבן. און אַזוי זאָלסטו טאָן צו דיין אָקס, צו דיין שאָף, זיבן טעג וועט ער זיין מיט זיין מוטער, אויפ׳ן אַכטן טאָג וועסטו אים מיר אָוועקגעבן׳. ווי עס ווייזט אויס, איז דער דאָזיקער מנהג פון ערשט־געבוירענע קינדער־קרבנות אָפּגעשאַפט געוואָרן אין דעם אַכטן יאָרהונדערט (פאַר אונדזער ערא). אין די טעג פון קעניג מנשה האָט מען צוריק איינגעפירט דעם מנהג פון קינדער־קרבנות, ניט ווי אַ פרעמדן געצנדינערישן מנהג, נאָר ווי אַ פאַרצייטיקן שטייגער פון ישראל, לויט דעם געבאָט פון יהוה. (ירמיה ז׳, לא; י״ט, ה׳; יחזקאל, כ׳, כ״ו)״ (ע׳׳ה).

פאַר׳ן בעל, וועלכער איז געווען אַ מאַן־הערשאַפט געץ פלעגט מען מקריב־זיין זין, ערשט־געבוירענע. פאַרן תפת, מלך — אויך מיידלעך. דער צוועק פון די קרבנות איז געווען דער אויפהאַלט פון דער משפחה־גאַנצקייט.

ווען די פרוי האָט געהערשט אונטער׳ן מאַטריאַרכאַט, פלעגט זי אוברייגנגען די מיידלעך, וועלכע זי האָט ניט געוואָלט דולדן, בכדי איר מאַן זאָל איר ניט פאַרוואַרפן און בעסער נעמען איר טאָכטער.

אַזוי אַרום האָבן אויך בכור'טעס גאָר פאַרציייטנס געטיילט דעם שיקזאַל פון די שפּעטערדיקע בכורים. אַנדערש איז געווען די לאַגע פון די בהמות־בכור'טעס. פּיצוכט בכלל איז געווען אַ מאַנצביל־שער אויפטו, אַ זכר'שע אינסטיטוציע. און דעריבער פלעגט מען אומברייגגען די זכרים. ערשטנס האָט מען פאַר פּרייה ורבייה צוועקן זיי ניט געדאַרפט האָבן אין אַזעלכע קוואַנטיטעטן ווי זיי האָבן זיך באַוויזן אין די טשערעדעס, און צווייטנס, זיי זיינען געווען אביסל אַ שטער דעם מאַנצביל אין זיין פּראַקטיק פון פאַרקערן געשלעכטלעך מיט דער בהמה־נקבה.

פילע ראַסן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, ווערט באַריכטעט, האָבן אָפּגעהיט דעם מנהג פון דער'הרג'ענען אַלע זייערע זכרים בכורים (28).

„אין פילע קלאַנען (פון די באַגאַנדאַ) האָט מען דערוואַרט די געבורט פון בכור צו אַ הויפּט פון שבט מיט גרויס אומרו און עגמת־נפש, מחמת דעם, וואָס זיי האָבן געדענקט, אַז די געבורט פון אַ אינגל צייגט אָן, אַז זיין טאַטע וועט שטאַרבן; דעריבער, ווען אַ זכר איז געבוירן געוואָרן, פלעגט די הייבאַם אים דערשטיקן, און דערקלערן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ טויטער; אויף אַזאַ אופן איז דאָס לעבן פון ראש השבט געראַטעוועט געוואָרן, ווייל אויב אַנדערש, האָט מען געגלויבט, וואָלט ער שטאַרבן" (29).

„אין איינקלאַנג מיט דעם געפינט זיך דער מנהג פון אויסבאַהאַלטן דעם זון פון אַ הויפּט. דאָס איז אַ וואַריאַציע פון דעם טויטן מנהג. ביי די קאַפיר־שבטים אין דרום־אַפריקע דערלויבט מען בלויז איין זון פון ראש־השבט צו בלייבן לעבן. די איבעריקע ברייגגט מען אום" (30).

זייער באַלערנד אין דעם פרט איז דער מיטאָס מכח צעאוס'ן. זיין פאָטער קראָנאָס האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ זון וועט ביי אים צונעמען זיין הימלשע מלוכה. האָט ער זיך מיישב געווען פּטור צו ווערן פון זיינע קאָנקורענטן אויף אַ פּשוט'ן אופן. ווי נאָר זיינע קינדער פלעגן געבוירן ווערן, פלעגט ער זיי איינשלינגען. צעאוס איז געראַטעוועט געוואָרן פון דעם טרויעריקן סוף דורך דער כיטרעקייט פון זיין מוטער רהעא, וועלכע האָט אונטערגערוקט דעם אכזר־טאַטן אַ שטיין איינגעוויקלט אין ווינדעלעך, קראָנאָס האָט עס אַראָפּגעשלונגען אַנשטאָט דעם קינד צעאוס (31).

דאָ זעט מען כסדר ווי די טאַטעס הרג'ענען די זין, ניט פאַר־

קערט. דער מאַן האָט ניט געוואָלט האָבן קיין זון, בכדי זיין יונגע ווייבל זאָל ניט דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט׳ן זויגן אים, מיט לאַק־טאַציע, אַ פעריאָד, וועלכער האָט זיך געצויגן היפש לענגלעך אין די פרימיטיווע צייטן. נאָך דער לאַקטאַציע, ווען דער זונדל איז רייף געוואָרן, האָט דער טאַטע מורא געהאַט ער זאָל ביי אים ניט גנב׳ענען די עפעקציעס פון דער ווייב. דעריבער פלעגן זיי הרג׳ענען די זין. שפעטער־צו פלעגט מען זיי הרג׳ענען סעקסועל, קאַ־סטרירן.

לאָמיר ווייטער געבן דאָס וואָרט פרויד׳ן.

„ויהי היום און די אויסגעשלאָסענע האָבן געמאַכט יד־אחת, זיי האָבן דער׳הרג׳עט און אויפגעגעסן דעם טאַטן, און אויף אַזאַ שטייגער האָבן זיי געמאַכט אַ סוף צו דער פאָטער־הארדע... פאַר־שטייט זיך, אַז די דאָזיקע קאַניבאַלן האָבן אויפגעגעסן זייער קרבן... איצט האָבן זיי דורכגעפירט זייער אידענטיפיקאַציע מיט אים דורך דעם אַקט פון פאַרצערן אים, און יעדער איינער פון זיי האָט זיך דערוואָרבן אַ טייל פון זיין כח. די טאָטעם־סעודה, וועלכע איז אפשר די ערשטע פייערונג פון דער מענטשהייט, וואָלט זיין אַ ווידערהאָלונג און אַ קאָמעמאָראַציע פון דעם איך־זכרון איינ־געקריצטן קרימינעלן אַקט, פון וועלכן אַזויפיל זאַכן האָבן זיך אָנ־געהויבן, סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, מאָראַלע איינצוימונגען און רע־ליגיע" (32).

„אָט די הנחה, וועלכע זעט אויס צו זיין מאָנסטעריעז, אַז דעם טיראַנישן פאָטער האָבן בייגעקומען און דער׳הרג׳עט אַ קאָמ־בינאַציע פון אויסגעלאָסענע זין, האָט אויך אָנגענומען אטקינזאָן... ׳אַ יוגנטלעכער בונד פון ברידער, וועלכע האָבן געלעבט אין אַרויפ־געצוואונגענעם צעליבאַט, אָדער אָם־בעסטן אין אַ פאָליאַנדרישער פאַרהעלטעניש מיט עפעס אַן איינציקער געפאַנגענער נקבה. זיי שטעלן פאַר מיט זיך לעת־עתה אַ הארדע, וועלכע איז שוואַך און אומרייף, אָבער מיט דער צייט וועלן זיי ווערן שטאַרק און דע־מאָלט וועלן זיי צונעמען מיט געוואַלט, דורך קאָמבינירטע אָנפאַלן, וועלכע ווערן דורכגעפירט מאָל נאָך מאָל, אי דאָס לעבן און אי די ווייב פון דעם פאָטערלעכן טיראַן׳.

ער איז ווייטער משער, אַז די דיסאינטעגראַציע פון דער האר־דע האָט זיך אָנגעהויבן, נאָך דעם, ווי דער פאָטער איז באַזייטיקט געוואָרן, דורך דעם פאַרביסענעם קאַמף, וועלכער איז אויסגעבראָכן

צווישן די זיגרייכע זין, אַ קאַמף וועלכער האָט אין־פאַראויס אויס־געשלאָסן דעם אורשפּרונג פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט״ (33).

„לויט פרויד׳ס לערע האָט עקזיסטירט פאַר׳ן אויפהויב פון דעם געשיכטע־פאַרהאַנג אַ ציקלאָפּישע פאַמיליע, אין וועלכער דער מאַנצביל האָט געהערשט אַלס סואווערען, באַזיצנדיק אַלצדינג, די פרויען אַריינגערעכנט. זיינע זין, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין שעבוד דורך מורא, האָבן זיך צום סוף צעבונטעוועט און האָבן אין זייער רוגזא דער׳הרג׳עט דעם טאַטן און אים אויפגעגעסן. געבליבן אַליין און הילפלאָזע האָט זיי פאַרצערט אַ חרטה־געפיל אין דער זעלביקער צייט, ווען אַן אומגעצוימטע קריגעריי איבער די נקבות האָט זיך אָנגעפאַנגען. בכדי צו דערלייכטערן און קאָנטראָלירן די סיטואַציע, האָבן זיי איינגעפירט טאַבוס״ (34)..

אָט־די דערקלערונג, וועלכע פרויד גיט מכח דעם אַרויסשפּראָץ פון זינד־באַגריף און שולד־געפיל, איז זייער שאַרפזיניק און חריפות׳דיק. זי אַנטהאַלט אָבער ניט דעם סאַמע ערשטן זוימען, דעם עצם עמבריאָן פון אָט־דער שולדיקייט שפּירונג. פרויד רירט ניט אָן די סאַמע פּרימיטיווע, אונטערזעלישע שפּירונגען, רופונגען, וועלכע זיינען פיל עלטער פון די געשעענישן, וועלכע, ווי מיטאָלאָגיש זיי זאָלן ניט אויסזען, האָבן ערטערווייז געקענט פּאַסירן. זיי זיינען אָבער זיכער ניט קיין אוניווערסאַלע פּאַרקומענישן, און זיי זיינען, נאָך זיכערער, ניט דער סאַמע אויפעפן פון דער שולדיקייט־חרטה־פּייניקונג, וועלכע האָט פיל טיפערע וואָרצלען און דאָס איז דער ריס אויף דעם סוביעקט און אָביעקט, די צעשפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט, דער אָפּריס, די אָפּ׳גט׳ונג פון דער מוטער־וועלט פון דעם פאָטער־באַשטאַנד.

אויסער דעם רעכנט זיך פרויד אינגאַנצן ניט מיט דעם ביבלישן מיטאָס, ווי ער איז אויפבאוואָרט געוואָרן און דערגרייכט צו אונדז, הגם בלויז אין זיינע פראַגמענטן.

אָבער אַלס אַ פּאַרצייטיקער, גאָר־פּאַרצייטיקער מיטאָס, — פון וועלכן דער ביבלישער נוסח איז, מסתמא, אַ מאָדערניזירונג און אַ פאַרגלעטונג און פאַרהוילונג פון די אומפּאַסיקע, לויט די נייערע השגות, איינצלהייטן — קען ער אונדז לערנען זייער פיל. על־כל־פּנים איז ער פיל האַפּטיקער און פיל זאַפטיקער, מחמת פיל עלטער און פיל פּרימיטיווער, — און דאָך ראַפינירטער, איידעלער,

— נעענטער צו דער קדמונים־ווירקלעכקייט, ווי דער מיטאָס פון עדיפּוס׳ן, וועלכן פרויד געברויכט מיט אַזאַ חשק.

דער ביבלישער גן־עדן מיטאָס וואַרפט אויסשליסלעך ליכט אויף דעם שולדיקייט־געפיל־אויפקום, ער פאַרנעמט זיך דאָך ספּעציעל, אין דעם עץ־הדעת טייל, מיט אָט־דעם פּראָבלעם.

בנוגע דער פּאַבלהאַפטער פּאַרצייטיקער פאַמיליע און די שייכות׳ן פון דעם פאָטער און די זין בנוגע דער צעטיילונג פון די נקבות, איז אינטערעסאַנט אויסצוהערן דעם תלמוד. וואָס האָט ער צו זאָגן וועגן דעם ?

דער תלמוד שילדערט דאָס לעבן פון דער אוראַלטער מיטאָלאָגישער משפחה מיט אַ רעכט ביסל מער הומאַניטאַרישע פאַרבן, ווי פרויד.

„רב הונא האָט געזאָגט : אַ בן־נח מעג לעבן מיט זיין טאָכטער. און אויב דו וועסט פרעגן, פאַרוואָס האָט אדם־הראשון ניט גענומען זיין טאָכטער ? (איז דער ענטפער) כדי קין זאָל נעמען זיין שוועסטער, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, ׳די וועלט וועט געבויט ווערן אויף גנאָד׳״ (תהלים פ״ט, ב׳). (ע״ו).

„דער אָנהויב פון דער וועלט איז באַזירט אויף גנאָד, ווייל ער האָט אָנגעזאָגט אדם הראשון׳ען צו טאָן חסד מיט זיין זון, און ער האָט זי פאַרבאָטן צו אים און האָט זי דערלויבט צו קינ׳ען, בכדי די וועלט זאָל אויפגעריכט ווערן״ (ע״ז).

„ווי עס שטייט געשריבן, ׳און אַ מאַן, וואָס וועט נעמען זיין שוועסטער, זיין פאָטער׳ס טאָכטער אָדער זיין מוטער׳ס טאָכטער... איז עס אַ גנאָד׳. זיכער איז עס אַ גנאָד. אַזוי איז געווען פאַרצייטנס אין דער פאַרהוילנקייט פון דער וועלט, ווייל עס שטייט געשריבן, ׳איך האָב געזאָגט, די וועלט איז געבויט אויף גנאָד״ (ע״ח).

דער תלמוד און מדרש גיבן דעם בילד פון דעם לעגענדאַרן משפחה־לעבן און באַגייען זיך אָן פאָטער־מאָרד. דער טאַטע, לויטן תלמוד, האָט געהאַט איינזעעניש מיט זיינע זין און זיי ניט אַרויסגעבראַכט פון געדולד דורך זיין מאָנאָפּאָל אויף די נקבות, אַ מאָנאָפּאָל, וועלכע נעמט אריין אויך די טעכטער אויסער דער ווייב.

דער חומש האָט אָבער ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו שילדערן דעם יחיד׳ס אָוועקפּאָל פון דער געזעלשאַפט, וועלכער הויבט זיך אָן מיט אַ מאָרד־פאַל, אָבער דאָס איז אַ ברודער־מאָרד.

און דער מערדער איז דער יעניקער, וועלכער קומט אַרויס מיט'ן וואָרט 'איך', אין זיין זאָג, 'צי בין איך דער היטער פון מיין ברודער?' (ע"ט) אָבער ער, דער מערדער, דער פאַרברעכער, וועלכער גייט אַוועק פון זיין ציבור, איז ניט דער ערשטער, וועלכער געברויכט דעם פיל־צוזאָגנדיקן און נאָך־מער־פאָדערנדיקן און פיל־נאָך־מער־אויפטועגדיקן וואָרט 'איך'. אדם קומט אַרויס מיט דעם כי עירום אנכי ואחבא' (פ'), „כ'האָב מורא געהאַט, ווייל איך בין נאַקעט, האָב איך זיך פאַרבאַהאַלטן". דאָ מיט דער שפּאַלטונג, וועלכע ווערט געשאַפן פון ווויסן, קומט דער שולד־געפיל, וועלכער דריקט זיך אויס אין מורא און באַהאַלטן זיך, זיך אויסבאַהאַלטן פון דער שולד און שטראָף... חרטה באַווייזט זיך, שולד־באַוואוסטזיין איז שוין געבוירן געוואָרן, אָבער ניט קיין תשובה...

אָבער די דאָזיקע שפּאַלטונג, פאַראורזאַכט פון זעלבסט־באַוואוסטזיין, פון 'עץ־הדעת' עסן, קען מען נאָכשפּירן נאָך פיל טיפער און ראשית'דיקער. זי געפינט זיך אין אלהים, אין דעם מאָמענט, ווען ער געברויכט דעם ערשטן 'ויבדל' און ער טיילט זיך, טיילט זיך אָפּ פון זיך אַליין, שפּאַלט זיך אויף אַ 'איך' און 'ניט־איך' און אַזוי אַרום מאַכט ער, אַז אַ וועלט זאָל אַנטשטיין דורך אמירה, דורך דעם שפּרוך, וועלכער איז אַ סאָציאַלע סוגעסטיע, און וועלכער איז אין תוך גענומען, אַ פּועל־יוצא פון אַ האַלבירונג־אַקציע. אָן האַלבירונג קאָן ניט זיין קיין זאָגונג, קיין אמירה, קיין 'ויאמר'.

די שפּאַלטונג פון אלהים, מיינט די שפּאַלטונג פון קאָסמאָס־עגאָ, פון סאָציאָ־עגאָ. און מיט דער שפּאַלטונג קומט די שולד, דער שולדיקייט־געפיל. און די שולד פון אלהים איז די שולד פון סאָציאָ־עגאָ, פון דעם קאָסמאָס־עגאָ, פון אין־סוף־עגאָ, פון דעם 'אין־עוד'.

און אָט־דעם געדאַנק, אַז דעם שולדיקייט־געפיל דאַרף מען זוכן אין דער גאָר־ערשטער צעטיילונג, דריקן אויס די אידישע פאַרצייטיקע חכמים מיט זייער דרייסטער באַהויפּטונג, אַז דער הייליקער געבענטשט־איז־ער איז זינדיק און ער טוט תשובה... דאָס הייסט ער איז צעעסן פון אַ שולדיקייט־שפּירונג.

„אויף פיר זאַכן האָט דער קדוש־ברוך־הוא חרטה וואָס ער האָט זיי באַשאַפן... און איינע פון זיי איז דער יצר־הרע... ווי עס שטייט

געשריבן, 'און איך וועל אַרויסנעמען דאָס שטיינערנע האַרץ פון אייער לייב און איך וועל אַריינגעבן אַ פליישענע האַרץ'" (יחזקאל ל"ו, כ"ו). (פ"א).

געשאַפן דעם יצר־הרע — מיינט געשאַפן די צעשפּאַלטונג, די צעצווייאונג, וועלכע ביינקט נאָך אַ פאַראייניקונג, און אַט־די ביינקעניש, ווען סובלימירט, געמאַכט באַוואוסטזיניק, ווערט פאַר־וואַנדלט אין תשובה...

III

# די דריי דרייעקן אין ספר בראשית

## א

## דער חומש רעדט און שווייגט.

עס איז אָנגענומען, אַז דער חומש אין זיינע פּאַרציילונגען, ווען זיי קלינגען אפילו אַ רעכט ביסל סקאַנדאַליעז אין אונדזערע היינטיקע אויערן, איז אָפן, רעדט קלאָרע דיבורים, שעמט זיך ניט. אָבער די דאָזיקע אָפנהאַרציקייט און נאַאיוויטעטישע אומשולדיקייט אין זיינע נאַראַטיוון ווייזט דער חומש אַרויס בלויז צו אַ געוויסער ליניע פון ׳אומאַנשטענדיקייט׳, און אויך בלויז בנוגע אַ געוויסער קאַטעגאָריע פון אַקטן.

דער חומש פאַרהוילט אונטער זיבן וואָאַלן די יעניקע מעשים, וועלכע זיינען געווען אַ חשוב׳ער טייל פון פּאַרצייטיקן שטייגער, אַ געוויסער הויפּט־שטריך פון מאַטריאַרכאַט־רעזשים און דאָס איז דער מוטער־זון פאַרקער. דעם פאַקט וויל דער חומש ניט דולדן. ער וויל עס פשוט ניט אַנטבלויזן. ער שווייגט וועגן דעם ווי ער וואָלט אַ נדר געטאָן ניט אויסצוזאָגן ׳פון חדר׳...

אפילו די מעשה מיט ראובן׳ען ווערט דערמאָנט אומגערן. זי ווערט אָפּגעבראָכן גלייך ביים סאמע אָנהויב. אָט ווי דער צעקאַליע־טשעטער טעקסט זעט אויס:

„און עס איז געווען, ווען ישראל האָט גערוט אין יענעם לאַנד, איז ראובן אַוועק און איז געלעגן מיט בלהה׳ן, זיין פאָטערס קעבס־ווייב. און ישראל האָט עס געהערט" (א).

און וואָס האָט ישראל געטאָן, אַז ער האָט געהערט וועגן דעם סקאַנדאַל? דאָס ווערט ניט דערציילט.

אין אַ צווייטן פּלאַץ ווערט ווייטער דערמאָנט ראובנ׳ס טואונג, אָבער דאָרט ווערט עס געבראַכט צווישן אַנדערע זאַכן און כמעט איבּ־גאַנצן קריפּטיש.

„וואָרים דו ביסט אויפגעגאַנגען אויף די געלעגערן פון דיין פאָטער, דעמאָלסט האָסטו פאַרשוועכט מיין אויסבעטעכץ" (ב).

דער תלמוד און די מדרשים ווילן אינגאַנצן ניט האָבן דעם ׳סקאַנדאַל׳. זיי דערלאָזן אפילו דעם געדאַנק ניט מכח אַזאַ ׳שענד־לעכקייט׳. הגם דאָ איז דאָך ניט קיין פאַל פון מוטער־זון פאַר־קער, ווייל בלהה איז דאָך ניט ראובנ׳ס מוטער, און בלויז אַ קעבס־

ווייב פון זיין פאָטער. אָט וואָס די גמרא זאָגט מכח דעם:

„צי איז עס גאָר מעגלעך? זיינע קינדער וועלן שטיין אויפ'ן באַרג עיבל און זאָגן, פאַרשאָלטן איז דער, ווער עס שלאָפט מיט זיין פאָטערס ווייב, און ער וועט קומען צו אַזאַ עבירה?!" (ג).

דער בעל־אגדה גיט זיך אַן עצה מיט'ן פסוק, וועלכער איז ניט איבעריק אויספירלעך. ער זאָגט, אַז ראובן האָט געשטערט די שכינה, וועלכע רעפּרעזענטירט דאָס אייביק ווייבלעכע.

„צי קען גאָר אַרויף אויפ'ן געדאַנק, אַז ער וועט גיין און ליגן מיט בלהה'ן!... ער איז געלעגן מיט בלהה'ן — חס ושלום, אַז ער זאָל ליגן מיט איר... ראובן איז געקומען, ווייל ער האָט געזען, אַז בלהה גייט ירשנ'ען דעם פּלאַץ פון זיין מוטער, האָט ער צעמישט דאָס בעטל... רבי אסא האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך געלייגט אויף יענער בעטל און האָט ניט אַכטונג געגעבן אויף דער שכינה, דעריבער האָט מען אים ניט אויסגעשלאָסן פון דעם חשבון פון די שבטים... ער האָט בלויז געשטערט יעקב'ן און האָט גורם געווען, אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן פון דער וועלט..." (ד).

אויך קיינע בעסטיאַליטעט־פאַלן ווערן ניט פאַררעגיסטרירט פון חומש. הגם די מדרשים און אגדתא טוען עס יאָ, און דאָס בלויז בנוגע חוה'ן, אָדער בלעמ'ען, אָדער דעם דור המבול, אויף וועלכן דער מדרש און אגדתא זאָגן 'וואָס אין קאָרט שטייט'.

שבא על אתונו... (ה').

אויך אַ פאַל פון אַ מוטער־זון פאַרקער ווערט אַנגעדייט. אָבער ווער איז דער זון? איינער פון די ערגסטע צווישן די שלעכטע, איינער פון די זינדיקסטע פערסאָנאַזשן. אין די 'הויכע פענצטער' פון אידישן יחוס לאָזט מען אַזאַ 'זינד' ניט אַריין, סיידן דורך טונקעלע אָנצוהערענישן.

„מנשה האָט פאַרקערט מיט זיין שוועסטער, אָמון האָט פאַרקערט מיט זיין מוטער, ווי עס שטייט געשריבן, 'וואָרים ער, אמון, האָט געמערט שולדיקייט'. האָט געזאָגט צו אים די מוטער: צי דען האָסטו הנאה פון דעם פלאַץ, פון וועלכן דו ביסט אַרויסגעקומען? האָט ער געענטפערט, אַז ער טוט עס בלויז בכדי צו דערצאָרענען יהוה'ן" (ו').

מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט עס געטאָן ניט פון אויסגע־

לאסנקייט, נאָר לשם־מצוה פון דער עבודה־זרה, אַלס אַ טייל פון אַ קולט־פּראַקטיק.

דערפאַר קען מען ניט דערוואַרטן, אַז דער פּאַרצייטיקער אי־דישער מיטאָס, וועלכער איז דורכגעגאַנגען אַ שטרייִנגע צענזור, זאָל ריידן קלאָרע דיבורים מכח די באַציאונגען פון דעם ערשטן זון מיט דער ערשטער מוטער. בלויז דאָ און דאָרטן שטעקט אַרויס אַ פאַרגעסענער פּסוק, וועלכער רעדט אויף וואונק־לשון. אַט אַזאַ אָנ־צוהרעניש־פּסוק איז דער „דעריבער פאַרלאָזט אַ מאַן זיין פאָטער און זיין מוטער און ער באַהעפט זיך אין זיין ווייב" (ז'). עס פאַר־שטייט זיך דאָך, אַז דאָס פאַרלאָזן מיינט, אין דעם אָרט, איבער־רייסן געשלעכטלעכע פאַרהעלטענישן, אַניט וואָלט דאָך דער סוף־פּסוק קיין זינען ניט געהאַט. דאָס 'פאַרלאָזן' און 'באַהעפטן' האָבן דאָך מסתמא צו טאָן מיט'ן זעלביקן קעגנשטאַנד. ער באַהעפט זיך מיט זיין ווייב און ער פאַרלאָזט זיין מוטער, מיט וועלכער ער איז געווען פאַר דעם באַהעפט. דער פּסוק רעדט וועגן אַריבערוואַקסן דעם מוטער־זון פאַרקער און אַריבערגיין צו פאַרהעלטנישמעסיקער עקזאָגאַמיע, און חתונה־האָבן מיט אַ ווילד־פרעמדער פרוי. אַן אָנ־וואונק אויף דעם, אַז די דאָזיקע פרעמדקייט האָט לכתחילה שאָ־קירט, און דער מאַנצביל האָט זיך ווי געשעמט צו האָבן צו טאָן מיט פרעמדע פרויען, ליגט אין אידישן פאָלקסטימלעכן ווערטל: 'דער טאַטע האָט חתונה געהאַט מיט דער מאַמען, און איך דאַרף נעמען אַ ווילד־פרעמדע...'.

דער מדרש פּילט, אַז דער פּסוק 'על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו'... איז ניט אינגאַנצן 'כשר', און ער גיט צו 'סמוך לאביו ולאמו' (ח'), ער פאַרלאָזט די, וואָס זיינען נאָענט צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער, דעם פאָטער'ס און מוטער'ס קרובים... „' און ער באַהעפט זיך מיט זיין ווייב' — און ניט מיט קיין זכר און ניט מיט קיין בהמה" (ט'). דער פּסוק מיינט אָבער פּשוט, ער באַ־העפט זיך מיט אַ ווייב, וועלכע איז ניט קיין מוטער. דער פאָטער, וועלכער ווערט דאָ דערמאָנט, איז אַ צושטעל פון אַ פיל שפּעטער־דיקער צייט. הגם ווען דער מדרש זאָגט 'ולא בזכר' נעמט עס אריין אויך דעם פאָטער. אָבער אַנשטאָט 'ולא בבהמה', האָט דער מדרש געדאַרפט זאָגן 'ולא באמו'...

## ב

# חוה, קין און הבל.

„און זי איז שוואַנגעריק געוואָרן און האָט געבוירן קין׳ען און זי האָט געזאָגט, קניתי איש **את** יהוה״ (י׳).

דער פסוק מיינט פשוט, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט זי האָבן אַן אייגענעם מאַן, אַ יונג־קינד אירן, איבער וועלכן זי וועט אויסאיבן איר הערשאַפט אומבאַגרעניצט. ווייל אויב דער פּאַטרי־אַרכאַט האָט געהאַט זיין באַרעכטיקונג בנוגע די ז י ן, האָט דאָך דער מאַטריאַראַט געהאַט פיל מער רשות און רעכט צו באהערשן און צוואייגענען די געבוירענע און דערצויגענע זין. די פרוי איז גע־ווען אי ווייב, אי מוטער, אי זויגערין, אי דערציערין, אויפהאַדע־ווערין. און דער ׳מענטשלעכער פּראָדוקט׳ האָט זיכער געדאַרפט גע־הערן אינגאַנצן צו דער ׳פּראָדוצירערין׳.

חוה זאָגט, ׳קניתי איש את יהוה׳... ׳קונה׳ אויף העברעאיש מיינט מאַכן, פּראָדוצירן, ווי עס שטייט „קונה שמים וארץ״ (י״א). „און איך האָב דערקלערט דאָס וואָרט ׳קנני׳, אַז דאָס באַדייט באַ־שאַפן״ (י״ב). ׳קניתי איש את יהוה׳ מיינט, אַז זי וועט האָבן אַן אמת׳ן, אַן אייגן געמאַכטן מאַן. אַ מאַן וועלכער וועט געהערן צו איר אויסשליסלעך. דער מדרש שטעלט זיך אָפּ אויפ׳ן פסוק, וועל־כער זעט אויס צו פאָדערן אַ דערקלערונג. „אדם איז באַשאַפן גע־וואָרן פון דער ערד, חוה איז באַשאַפן געוואָרן פון אדם׳ען, פון איצט אָן און ווייטער וועט ניט זיין, אַז אַ מאַן זאָל געבוירן ווערן אָן אַ פרוי״ (י״ג). דאָס וואָס דער מדרש דרשנ׳ט דאָ, האָט אַ שוואַכע שייכות צו דעם מיין פון פסוק, וועלכער איז דייטלעך דווקא אין זיין פשט, ׳קניתי איש׳, איך האָב זיך געמאַכט אַ מאַן...

חוה איז קין׳ס מוטער. אָבער קין איז ניט קיין בן־יחיד. זי האָט געהאַט נאָך אַ זון. ווען קין ווערט רייף, ווען ער ווערט פולקום ׳געמאַכט׳, האָט די מוטער חוה אים געברויכט ווי איר אייגענעם פּראָדוקט. זי פאַרקערט מיט אים. אדם׳ען וויל זי ניט מער... דער חומש דערמאָנט ניט,אַז אדם מיט חוה׳ן זאָלן האָבן פאַרבינדונגען, סיידן עס האַלט נאָך הבל׳ס טויט און קין׳ס גלות־אַפריכטן. הבל האָט גענומען אונטערוואַקסן. קין ווערט אייפערזיכטיק. קינדער זיינען

אַלעמאָל אין כעס, ווען אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער ווערט געבוירן. די ריוואַליטעט שנאה לויפט איבער די דאָזיקע ליניעס פון ברידער אַנטאַגאָניזם. קינדער זיינען שטענדיק אויסער זיך, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז די מוטער איז געלייגט געוואָרן אין קימפעט און אַ ׳קאָנקורענט׳, אַ בעלן אויף אויפמערקזאַמקייט, אויף מוטער־ליבע איז אָנגעקומען מיט׳ן לעצטן געבורט־צוג.

קין איז אַן ערד־אַרבעטער. ערד־אַרבעטעריי איז געווען אַ ווייבערישע ׳מלאכה׳, אַ באַשעפטיקונג פאַר פרויען. און דער ערד־אַרבעטער האָט זיך געפונען לגמרי אין רשות און אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אשה. ווייל די ערד אַליין איז דאָך אַ מין פרוי, אַ מוטער־ערד. קין׳ס פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט זאָגט, אַז ער איז אַן אונטערטעניקער געהאָרכער פון דער מוטער, אַן אָנהענגער פון מוטערערכט־רעזשים. ווייטער, סימבאָליש מיינט עס, אַז ער פאַרקערט מיט דער מוטער, וועלכע ווערט פאַרגעשטעלט אין דער גלייכעניש פון דער ערד, די געווינערין פון אַלע באַשעפענישן, פלאַנצן אַריינגערעכנט. וויבאַלד דער ערשטער מענטש הייסט ׳אדם׳, מעג דאָך די ערשטע פרוי הייסן סימבאָליש ׳אדמה׳, אנשטאָט חוה.

קין׳ס קרבן, וועלכער איז באַשטאַנען ׳מפרי האדמה׳, פון ערד־פּרוכט, איז ניט אויפגענומען געוואָרן. סאָציאָלאָגיש אויסגעטייטשט מיינט עס, אז דעם אלהים, וועלכער איז געווען געשטימט פּאַטריאַרכאַטיש, איז ניט געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס אַ מאַנצביל פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ ווייבערישער באַשעפטיקונג ווי ערד־אַרבעט, און די אַגריקולטור פּראָדוקטן וואָלטן גערן אויפגענומען געוואָרן אַלס אַ געשאַנק צו אַ גאָטיכע. אלהים וויל עס ניט האָבן און אַזוי דריקט ער אויס זיין פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס קין איז אַרונטערגעפאַלן אינגאַנצן אונטער דער השפּעה פון דער מוטער. סעקסאָלאָגיש אויסגעטייטשט מיינט עס, אַז קין האָט געבראַכט פאַר אַ קרבן געשלעכט־זריעה, ספּערמאַטאַזאָאידן, אַן אַרטיקל, וועלכן מ׳האָט זיך פאַרצייטנס, אַפילו גאַנץ שפּעטלעך, נוהג געווען צו ברייַנגען אַלס קרבן צו די געטער. עס קאָן אויך מיינען, אַז די קינדער, וועלכע חוה געבוירט פון איר פאַרבינדונג מיט קין׳ען שטאַרבן, אָדער ווערן דער׳הרג׳עט אַלס קרבנות. הבל׳ס קרבן, שאָף, ווערט באַוויליקט. הבל׳ס באַשעפטיקונג איז אַ מאַנצבילשע. הבל ווייזט שוין אָן, מיט זיין באַשעפטיקונג, אויף אַ פאַרזוך זיך צו באַפרייען פון דער פרויענהערשאַפט. קין׳ס ׳עקאָנאָמיק׳ ווערט פאַרדאַמט, הבל׳ס

ווערט סאַנקציאָנירט. אָבער דאָס איז אַ פּיל־שפּעטערדיקע צושטעלונג און האָט מיט'ן עצם ספור המעשה גאָרניט צו טאָן. דער קריג צווישן די ברידער ברעכט ניט אויס צוליב דעם פאַרשיידענעם אויפ־נאָם פון זייערע קרבנות. דער גאַנצער ענין, דער צוזאַמענשטויס פון ערד־אַרבעט און פי־צוכט, וועלן מיר קלאָר מאַכן, ווען מיר וועלן אַריבער צו די סאָציאָלאָגישע אימפּליקאַציעס פון דעם מי־טאָס, אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

צוליב וואָס צעקריגן זיך די ברידער אַזוי, אַז איינער דער־הרג'עט דעם צווייטן?

דער קריג קומט פאָר צוליב חוה'ן, צוליב דער מוטער־ווייב. קין ווערט אייפערזיכטיק. ער נעמט מורא האָבן, אַז די מוטער זיינע, ווי אַ פרוי, וועלכע האָט אַלעמאָל העלטער דעם אינגערן זכר, וועט אים פאַרוואַרפן, ווי זי האָט פאַרוואָרפן דעם אַלטן אדם'ען, און נעמען זיין אינגערן ברודער, הבל'ען. און צוליב אייפערזוכט דערמאָרדעט ער זיין ברודער. און דער ערשטער אייפערזוכט־מאָרד ווערט דאָ געשילדערט. דער קאַמף קומט פאָר צווישן די ברידער, ניט צווישן פאָטער און די זין. דער פאָטער איז שוין לאַנג אַ פאַר־שטויסענער. חוה פאַרקערט מיט איר א י י ג ע נ ע ם מאַן, ד. ה. מיט איר זון. און אויף דעם באָדן פון געשלעכט קומט פאָר אַ גע־שלעג צווישן די ברידער, און דער עלטערער הרג'עט דעם אינגערן. און ניט ווי פרויד מאָלט, אַז דער אינגערער, דער זון, הרג'עט דעם עלטערן, דעם פאָטער. דער אינגערער האָט ניט קיין מאָטיוו צוליב וואָס צו הרג'ענען דעם עלטערן, קין'ען. מחמת ער איז זיכער, אַז די נקבה, די מוטער און ווייב, וועט אים פרעפערירן און אָפּזאָגן, אָפּ'גט'ן דעם עלטערן. כל־זמן די פרוי האָט די דעה, קען מען זיך פאַרלאָזן אויף איר ביאָלאָגישן געשמאַק, איר אויסקלייב וועט אַלעמאָל, אָן טעות, פאַלן אויף דעם אינגערן. דעריבער שילדערט זיך אין מי־טאָס, אַז דער עלטערער באַגייט דעם מאָרד־אַקט. דער אינגערער דאַרף עס ניט טאָן. ער האָט די סימפּאַטיע פון דער פרוי אויף זיין זייט און ער קען איר קריגן אָן אַ רציחה־אַקט, אָן פיזישער פאַר־ניכטונג פון זיין קאָנקורענט, וועלכן די פרוי אַליין וואָלט באַ־זייטיקן.

„און קין האָט געזאָגט צו הבל'ען זיין ברודער״ (י״ד)... „אין אייניקע מסורת־מאַנוסקריפּטן איז דאָ פאַראַן א סימן פון א חסר״ (1). דער חומש זאָגט ניט וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, וועגן וואָס

האָט זיך קין אויסגע׳טענה׳ט מיט זיין ברודער, הבל׳ען. מ׳זעט קלאָר, אַז דאָ האָט געאַרבעט די האַנט פון מאַראַל־צענזאָר, צי דורך דער אינסטרומענטאַליטעט פון געוויינטלעכער שכחה, פשוט׳ן פאַר־געסן־אָפּמעקן דעם עפּיזאָד אין דעם גרופּן־זיכרון, אָדער דורך דער אָנווענדונג פון אומקלאָרקייט, וועלכע זאָגט און דערזאָגט ניט, אַזוי, אַז די טראַדיציע ווערט אויפבאַוואָרט, אָבער בלויז פאַר יודעי־חן, פאַר די, וועלכע קענען הערן צווישן די ווערטער און לייענען צווישן די שורות.

„ויהי, ׳און עס איז געווען, ווען זיי זיינען געווען אין פעלד׳, אין פעלד דאָס מיינט אַ ווייב, ווי ער זאָגט ׳וואָרים אין פעלד האָט ער זי געפונען׳. און קין איז געווען אייפערזיכטיק צוליב דער נקבה״ (ט״ו).

„אין פילע שפּראַכן ווערן געברויכט די זעלביקע ווערטער צו באַצייכענען מיט זיי באַפרוכפּערן און זייען און אַקערן, מענלעכע זריעה און זוימען וואָס מ׳לייגט אין דער ערד, אַ פרוי, די ווייבלע־כע גענעראַטיווע אָרגאַנען און דאָס פעלד, אַ מעזשע; אַן אַקער־אייזן און דעם מענלעכן גליד. אָדער זיי ווערן געברויכט מעטאַ־פאָריש איינס פאַר דאָס אַנדערע״ (2).

„סימבאָלישע סעקסועלע אַקטן אַזוי גוט ווי סעקסועלע פאַר־אייניקונג, וועלכע מ׳האָט דורכגעפירט אין די פעלדער, האָט מען געהאַלטן פאַר אַ סגולה צו פערטיליטעט״ (3).

אַזוי אַז דער זהר האָט זיכער ניט איבערגעצויגן די סטרונעס פון דרש ווען ער פאַרטייטשט דאָס וואָרט ,פעלד, אַ ׳פרוי׳, און דאָס זיין אין פעלד אַלס אַ געשלעכטער־פאַרבינדונג־אַקט.

ויהי בהיותם בשדה מיינט, מיט אַנדערע ווערטער, ווען הבל איז געווען מיט זיין מוטער חוה׳ן אין פעלד, האָט זיך קין׳ס איי־פערזוכט פאַנאַנדערגעפלאַקערט און ער האָט אים דער׳הרג׳עט, ווען ער האָט אים געכאַפּט, און ער האָט זיך ניט געקענט ווערן...

אָבער אויך דער זהר וויל ניט ארויסקומען מיט קלאָרע דיבורים און זאָגן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן מוטער־זון פאַרקער. ער טראַכט צו אַ שוועסטער, ער נעמט אָן די צווייטע ווערסיע, אַז די מחלוקת איז טאַקע פאַרגעקומען צוליב אַ פרוי, אָבער די פרוי איז גאָר גע־ווען אַ שוועסטער. די געבורט פון אַ שוועסטער ווערט אין די פסוקים לחלוטין ניט דערמאָנט. די מדרשים האָבן עס צוגעטראַכט בכדי צו פאַרווירן דעם ריכטיקן מיין פון מיטאָס.

האָט געזאָגט רבי יהודה: וואָס מיינט עס וואָס שטייט געשריבן: ׳און עס איז געווען אין זייער זיין אין פעלד, וואָס מיינט אין פעלד? דאָס איז אַ פרוי, און צוליב א י ר איז ער אויפגעשטאַנען און האָט אים דער׳הרג׳עט... און קין איז געווען אייפערזיכטיק צוליב דער נקבה״ (ט״ז).

„און צוליב דעם ׳איז קין אויפגעשטאַנען אויף הבל׳ען זיין ברודער׳... רבי יהודה... זאָגט: זיי האָבן זיך געאַמפּערט וועגן דער ערשטער חוה׳ן. האָט רבי איבו געזאָגט: די ערשטע חוה האָט זיך אומגעקערט צו איר ערד, איז וועגן וואָס האָבן זיי זיך געאַמפּערט? האָט רבי הונא געזאָגט: אַ צווילינג מיידל איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט הבל׳ען. דער (קין) זאָגט: איך נעם זי, ווייל איך בין דער בכור; און דער (הבל) זאָגט: איך נעם זי, ווייל זי איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט מיר. און אַזוי קריגנדיק זיך, איז קין אויפגעשטאַנען״ (י״ז).

רבי הונא׳ס אויסטראַכט איז אַ רעכט ביסל צו פאַנטאַסטיש, ליגט אויסערהאַלב די אויסערונגען פון מיטאָס. דער ספור המעשה איז קלאָר און פשוט, הגם ניט אָפן, מיט אַלע דעטאַלן, פאַרציילט. רבי יהודה עפנט אים פאַנאַנדער ווי געהעריק. זיי האָבן זיך אַרומגעריסן צוליב חוה׳ן, צוליב זייער מוטער. דער מיטאָס באַלאַנגט צו יענער צייט, ווען דער זון איז געווען ׳דער מאַן פון דער מוטער׳... ער האָט געקראָגן אַלע רעכט בנוגע דער גאָטעכע פון דער טריאַדע״ (4), דער מיטאָס געהערט צו דעם אָנפאַנג פון מאַטריאַרכאַטישן רעזשים.

נאָר אַזוי ווי דאָ איז פאָרגעקומען אַ מאָרד צוליב אייפערזוכט, ווערט ער ניט פאַררעכנט פאַר אַזאַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן עס קומט, אַלס רעטאַליאַציע, טויט־שטראָף. „רבי נחמיה האָט געזאָגט: ניט ווי אַ געוויינלעכער מערדער איז גע׳משפט געוואָרן קין״ (י״ח). אויף היינטיקן לשון וואָלט מען זאָגן, אַז אין דעם געגעבענעם מאָרד־פאַל זיינען דאָ ווירקנדיק „עקסטענואירנדיקע אומשטענדן״. זיין שטראָף איז לייכט, און דאָס איז דער צעשייד מיט זיין מוטער. „און איצט פאַרשאָלטן ביסטו פון דער אדמה (פון דער ערד), וואָס האָט געעפנט איר מויל אויפצונעמען די בלוט פון דיין ברודער פון דיין האַנט״ (י״ט). ער איז פאַרשאָלטן פון דער ׳אדמה׳, פון אדם׳ס ווייב, פון זיין מוטער, דערפאַר, וואָס זי האָט אויפגענומען די בלוט פון הרוג בשעת׳ן קאָאיטוס־אַקט. מיט אַנדערע ווערטער. מער טאָר ער ניט האָבן קיין געשלעכטלעכע פאַרבינדונגען מיט זיין

מוטער, זי ווערט פאַר אים ט אַ ב ו. דער מיטאָס וועלנדיק פאַר־הוילן די געשיכטע, אָבער ניט אויף אַזוי פיל, אַז מ׳זאָל עס ניט קענען אויפדעקן מיט אַביסל אָנשטרענג, רופט זי ניט חוה, נאָר ׳אדמה׳...

דער מיטאָס דערציילט אונדז ווי אַזוי דער מוטער־טאַבו איז איינגעפירט געוואָרן. דער פאַרבאָט פון מוטער־פאַרקער שטאַמט פון אַ מאָרד־אַקט וואָס אַ ברודער איז באַגאַנגען קעגן אַ ברודער צוליב זייער מוטער...

דער מדרש מאַכט אַ טריט ווייטער און דערקלערט אונז איינע פון די פאַרפלאָנטערטסטע פּראָבלעמען אין סעקסאָלאָגיע, און דאָס איז די אַנטשטייאונג פון בלוטשאַנדע, אַ פאַרבאָט, וועלכער עקזיס־טירט ביי אַלע שבטים, אַפילו די פּרימיטיווסטע.

די פאָרשער ברעכן זיך די קעפּ איבער דער פראַגע פון אָט־דעם טאַבו. מ׳קען עס ניט דערקלערן ריין־ביאָלאָגיש, ד. ה. אַז צו נאָענטע חתונות, ענדאָגאַמיע, וואָלטן שעדיקן דעם געזונט פון די געבוירענע קינדער און פירן צו דעגענעראַציע, ווייל מ׳זעט דאָך אַז אָט־דער בלוט־געמיש ווערט פּראַקטיצירט אין דעם בעלי־חיים קע־ניגרייך אָן קיינע אַנטאַרטונג־קאָנסעקווענצן. משפחה־עריות איבט ניט אויס קיין שלעכטע ווירקונג אויף זייערע וולדות. און די פראַגע איז געבליבן כמעט ווי ניט געלייזט אין דער וויסנשאַפט. פאַרוואָס האָט מען פאַרבאָטן בלוט־געמיש?

דער חומש מיטאָס גיט דעם ענטפער דערויף. נאָך קלערער ווערט דער ענטפער אין דער אינטערפּרעטאַציע פון מדרש, אַ דאַנק דעם וואָס ער פירט דאָ אַריין אַ שוועסטער. הגם לכתחילה זעט אויס, אַז די שוועסטער־מעשה איז אַ פוסטע פאַנטאַזיע, גלאַט אַזוי זיך צו־געטראַכט.

דער פאַרבאָט פון בלוטשאַנדע ווערט דערקלערט סאָציאָלאָגיש:

דער מוטער־זון אָדער שוועסטער־ברודער פאַרקער האָט געמוזט פירן צו הריגות און רציחות אין די משפחות. די ברידער וואָלטן זיך הרגענען צוליב דער מוטער אָדער צוליב דער שוועסטער. ניט אַלע מאָל איז דאָ אַ גלייכע צאָל ברידער און שוועסטער אַזוי אַז זיי זאָלן זיך קענען לייכט איינטיילן מיט די ווייבער און מענער אין איין פאַמיליע. און דער מדרש שטעלט אַוועק איין שוועסטער צווישן צוויי ברידער, קין און הבל, און איינער דער׳הרג׳ט דעם צווייטן צו־ליב דעם פאַרלאַנג צו באַהערשן די שוועסטער.

בלוטשאַנדע, אַט־דעם גאַר פאַרצייטיקן טאַבו, האָבן די פּרי־מיטיוועסטע שבטים געמוזט איינפירן צוליב שלום־בית וועגן, אַניט וואָלטן זייערע משפחות דערטרונקען געוואָרן אין בלוט.

דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון חומש און די מדרשים. סיי די מוטער און סיי די שוועסטער איז פאַרבאָטן געוואָרן בכדי אויסצו־מיידן די ווידערהאָלונג פון דעם מאָרד וועלכער איז באַגאַנגען גע־וואָרן אין דער ערשטער מיטאָלאָגישער פאַמיליע.

אָבער דער דאָזיקער מאָרד איז ניט דער אָנהויב פון זינד און ניט די התחלה פון זינד־שולד־געפיל, וועלכער האָט פיל טיפערע וואָרצלען. ער האָט זיין אָנפאַנג אין דער אור־ערשטער שפּאַלטונג פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, וועלכע רעליגיע איז באַרופן רעכט צו מאַכן, פאַראייניקן. די געשלעכט־שפּאַלטונג איז ניט דער פונדאַמענטאַלער פּירוד. דער מאָרד קומט פאָר לאַנג נאָכ׳ן אַרויס־געטריבן ווערן פון גן־עדן. און אפילו דער וואָרט ׳חטאת׳ ווערט געברויכט פריער, איידער דער מאָרד קומט פאָר.

„לפתח חטאת רובץ״ (כ), ביי דער סאָמע טיר, ביי דער סאָמע ערשטער עפענונג, צעשפּאַלטונג, ׳דאיהו פתחא דכלא (כ), וועלכע איז די גאָר ערשטע טיר, דער פּירוד פון אַלץ. „און צו דיר איז זיין געלוסטונג״, אַט־דער פעלער, אַט־דער חסרון געלוסט גאַנץ צו זיין, דערפילט צו ווערן, און דו וועסט אים באַהערשן.

ווען קין ווערט פאַרטריבן און הבל ווערט באַזייטיקט, בלייבט חוה אַליין. און איצט ווענדט זי זיך צוריק צו אדם׳ען. זי קערט זיך אום צו איר אַלטן מאַן.

„ און אדם האָט ווידער געוואוסט זיין ווייב און זי איז שוואַנ־גער געוואָרן און האָט געבוירן אַ זון, און זי האָט אים גערופן שת״ (כ״א).

דער מדרש מיט זיין שאַרפן חוש פאַר ביבל־קריטיק פילט, אַז דאָ פעלט עפּעס אַ דעטאַל, אַ שטריך אָדער צוויי אין סיפור־המעשה, וועלכער ווערט ניט קלאָר אַרויסגעבראַכט. וואָס האָט זיך פלוצלונג אדם דערמאָנט וועגן זיין ווייב? וואו איז ער געווען אַלע די דאָזיקע יאָרן, ווען קין איז אויסגעוואַקסן און הבל איז אים נאָכ־געוואַקסן? פאַרוואָס קומט ער ערשט נאָך אַזאַ לאַנגן אינטערוואַל? זאָגט דער מדרש: „אַ ליידנשאַפט איז צוגעקומען צו זיין ליידנ־שאַפט, פאַר דעם, ווען ער האָט זי ניט געזען, האָט ער זי ניט געגלוסט, איצטער סיי ווען ער האָט זי געזען און סיי ווען ער האָט

זי ניט געזען" (כ"ב). דער נעבעך אדם, 'אים האָט זיך ניט גע־גלוסט'... דער אמת איז, אַז חוה האָט אים באַזייטיקט, זי האָט אים ניט באַדאַרפט. זי האָט געהאַט קין'ען און דערנאָך הבל'ען. זי האָט געהאַט אירע צוויי זין. און אויף וואָס האָט זי באַדאַרפט האָבן דעם אַלטן טאַטן?! „נאָך הונדערט און דרייסיק יאָר האָט זיך אדם אָנ־געקליידט אין אייפערזוכט און האָט זיך פאַראייניקט מיט זיין ווייב, און ער האָט געמאַכט געבוירן־צו־ווערן אַ זון" (כ"ג).

ג

## למך מיט זיינע ווייבער.

אַ וואַריאַציע פון דעם ערשטן דרייעק, וועלכער איז באַשטאַנען פון חוה'ן, קין'ען און הבל'ען, געפינען מיר אַביסל ווייטער אין חומש בראַשית, אין דער צווייטער דערציילונג, וועגן למך'ן.

„און למך האָט געזאָגט צו זיינע ווייבער, עדה און צילה, הערט מיין שטים, איר ווייבער פון למך, געהאָרכט מיין זאָ־געכץ" (כ"ג).

אָט ווי דער מדרש אינטערפּרעטירט דעם פּסוק: „תבען לתשמיש" (כ"ד). זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אים, זיי האָבן פאַר־קערט מיט זייערע זין, ווי דער שטייגער איז געווען. דעם מאַן האָט מען געהאַלטן ביז דער ערשטער זון איז אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן. למך האָט זיך אָבער ווייניקער גערעכנט מיט זיינע פרויען, דאָס הייסט, זיינע ווייבער האָבן שוין געהאַט ווייניקער פּריווילע־גיעס ווי חוה, די אורמוטער האָט זיך גענומען. זיי זיינען געווען צוויי, און צוויי זיינען שוואַכער ווי איינע, ווייל וואו צוויי איז פאַ־ראַן אַ מעגלעכקייט פאַר ריוואַליטעט, פאַר קנאה־שנאה פון איינער צו דער אַנדערער.

למך רופט זיינע ווייבער צוריק. „ער לאַדט זיי איין צו האָבן מיט אים פאַרקער". ווייל דעם זון אָדער די זין זיינע און זייערע האָט ער דער'הרג'עט אנשטאָט צו וואַרטן, אַז זיי זאָלן איינע די אַנדערע אומברייינגען, אין פאַל אייפערזוכט געפילן אַנטוויקלען זיך און מאַכן פון די ברידער דם־שונאים. למך האָט דער'הרג'עט צוויי, איינעם אַ „מאַן" און איינעם אַ „קינד", ד. ה. מסתמא עדה'ס מאַן און צלה'ס אַ קינד, דער אינגערער'ס ווייב'ס קינד. ער האָט ניט געוואַרט ביז ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ קאָנקורענט, און אַוועקנעמען פון אים זיין ווייב. און דאָס זאָגט ער גענוג דייטלעך:

„כי איש הרגתי לפצעי וילד — לחבורתי" (כ"ה). 'אַ מאַן האָב איך דער'הרג'עט צו מיין וואונד", מחמת מיין אייפערזוכט, מחמת מיין זכר־געפיל, וואָס איז פאַרלעצט געוואָרן, און אַ 'קינד' האָב איך דער'הרג'עט צו מיין בייל, מחמת דער אייגענער סיבה, נאָר אין פּראָספּעקט. דערווייל איז עס אַ ב י י ל, קיין פאַרוואונדונג איז נאָך ניטאָ. דער מאָרד איז אַרויסגערופן געוואָרן פון פאַראויס־זיכט, עס איז אַן אונטערנעמונג פון אַ פּרעווענטיוון כאַראַקטער.

למך פאַרענטפערט זיין מאָרד און ער איז זיכער, אַז זיין שולד איז פיל וויניקער האַרב, ווי די שולדיקייט פון קין'ען. ווייל אויב מ'וואָלט הרג'ענען קין'ען, וואָלט מען זיך אָפּרעכענען מיט'ן רוצח זיבן מאָל, און אַן דעם וואָס ווער אים מאָרדן, באַשטראָפן מיט טויט פאַר זיין אייפערזוכט־מאָרד, וואָלט מען זיך דאַרפן נוקם זיין זיבן און זיבעציק מאָל.

„כי שבעתים יוקם קין ולמך — שבעים ושבעה" (כ"ו).

מיט פּשוט'ע ווערטער, ער טענה'ט אַז זיין 'פאַרברעכן' איז גאָרניט לגבי דעם 'פאַרברעכן', וועלכער איז אויך ניט געווען גרויס, וואָס קין איז באַגאַנגען. אין דעם למך מיטאָס ליגט שוין אַן אָפּ־שפּיגלונג פון דעם קין־מיטאָס. למך'ס מיטאָס איז אַ דערציילונג אין אַ דערציילונג. דאָס הייסט, אַז אָן דעם קין־מאָרד קען מען ניט פאַרשטיין וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ווייל דער למך סיפור־המעשה שטיצט זיך אויף די פאַרדעמדיקע געשעענישן. דאָס איז דער ער־שטער פאָטער, וואָס דער'הרג'עט זיין זון אויפ'ן באָדן פון אייפער־זוכט צו דער מוטער. די קין־טראַדיציע, — דאָס הרג'ענען פון איי־גערן ברודער, אַ רציחה, וועלכע ווערט אויסגעפירט פון עלטערן ברודער, — ווערט דאָ מאָדיפיצירט. דער פאָטער דער'הרג'עט זיין זון. עס איז ווידער אַמאָל אַ צוזאַמענשטויס פון אַן עלטערן מיט אַן אינגערן און דער עלטערער ברייגט אום דעם אינגערן, און ניט פאַרקערט.

דער וואָרט 'איש' און 'ילד', וואָס למך געברויכט אין זיין זיך־מודה־זיין און אויף אַמאָל זיך דערקלערן כמעט ווי אומשול־דיק, אינטריגירט דעם מדרש און ער פאַרענטפערט עס „איש" לאיברים וילד לשנים"; ער איז געווען אַ גאַנצער מאַן, וואָס איז שייך דער רייפקייט פון זיין קערפּער, פון זיינע גלידער, פון זיין גליד, ער איז אָבער נאָך אַלץ געווען אַ קינד לויט זיינע יאָרן נאָך.

פּשוט'ער, דאָ זיינען פאַראַן צוויי הרוגים, אָדער בלויז, טאַקע

איינער, נאָר דער וואָרט 'מאַן' מיינט אַ מאַן פאַר זיין ווייב און אַ 'קינד' פאַר אים, פאַר אים איז דער דער'הרג'עטער יונגערמאַן בלויז געווען אַ קינד זיינער. פאַרוואָס ווערט ניט געברויכט די באַציי־כענונג 'זון', ווייל די אָנגעהעריקייט פון זון צום פאָטער איז דאָ נאָך ניט דייטלעך אַרויסגעבראַכט. דאָס וואָרט „ויולד", ער האָט געמאַכט געבוירן צו ווערן, וואָס ווערט געברויכט אין חומש אום צו באַשרייבן די פונקציע פון פאָטער אין געבורט־פּראָצעס, — ווערט דאָ נאָך, דערווייל, ניט גענוצט.

פון דעם, וואָס דער למך־מיטאָס ווערט אַוועקגעשטעלט פונקט פאַר די ווערטער „וידע אדם עוד את אשתו" איז צו זען, אַז די דאָזי־פּאָסירונג איבט אויס אַ ווירקונג אויף אדם'ס באַציאונגען צו חוה'ן, אויף זייער שלום־מאַכן.

עדה און צילה ווערן גערופן, ווערן איינגעלאַדן צו קומען צו־ריק צו זייער מאַן, צו למך'ן. ווער רופט זיי? למך אַליין. פאַרוואָס רופט ער זיי דווקא איצט? ווייל ער האָט זיי אָנצוזאָגן די נאָכ־ריכט, אַז זייערע זין האָט ער באַזייטיקט, און וויבאַלד זיי זיינען געבליבן אַליין, דאַרפן זיי קומען צוריק צו זייער ערשטן אַלטן מאַן. און צוליב דעם אייגענעם טעם, צולים דעם זעלביקן רעזאָן דאַרף חוה קומען צוריק צו אדם'ען. ווייל אויך זיינע קאָנקורענטן זיינען באַזייטיקט געוואָרן, הגם אין דער עלימינאַציע־אַקציע האָט ער זיך ניט באַטייליקט. זיי זיינען אָבער סיי ווי סיי אומגעקומען ביידע אויף איין מאָל. „'אַנשטאָט הבל'ען, וועלכער האָט דער'הרג'עט קין'ען' פון דער הבל־זינד איז קין דער'הרג'עט געוואָרן" (כ"ז). און חוה איז צוריק געווען 'צום האָבן', און אדם נוצט אויס די געלעגנהייט.

דער מדרש באַמערקט די סמיכות פון די פּסוקים און שטרייכט אונטער דעם פּאַראַלעל פון די צוויי עפּיזאָדן, וועלכע דרייען זיך אַרום דעם זעלביקן פונקט, פון שלום־מאַכן צווישן מאַן און ווייב נאָך דער באַזייטיקונג פון די זין, וועלכע שטייען אין וועג. דער מדרש גייט אָבער בכיון אַוועק אָן אַ זייט און שיקט זיך אויף דעם מבול־קאַטאַקליזם, וועלכער איז נאָך דערווייל אַן ענין פון דער צו־קונפט, און געהערט אַהערצו ניט, לחלוטין ניט. אָבער וויכטיק איז אין דעם פּלאַץ דאָס וואָס דער מדרש פירט דאָ אַריין אַ שמועס מיט אדם'ען.

די ווייבער האָבן געזאָגט, מיר וועלן גיין זען וואָס האָט פּאַ־

סירט מיט אדם׳ען, ער האָט געהאַט אַן ענלעכן פֿאַל. זיינען זיי אַוועק צו אדם׳ען.

האָט אדם צו זיי געזאָגט: ׳טוט איר דאָס אייעריקע׳, ד. ה. דערפֿילט אייער פֿליכט אַלס ווייבער. „האָבן זיי צו אים געזאָגט: היילער. הייל אויס דיין אייגענע הינקעדיקייט״. ער האָט דאָך געהאַט די אייגענע צרה מיט חוה׳ן, וועלכע האָט פֿון אים ניט געוואָלט וויסן כּל־זמן זי האָט געהאַט אירע זין... „צו דען ביסטו ניט געווען אָפּגעשיידט פֿון חוה׳ן אָט די הונדערט און דרייסיק יאָר?״. אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער אַוועק צו חוה׳ן. וידע אדם עוד את חוה אשתו״ (כ״ח).

למך מיט זיינע ווייבער קומט צו אדם׳ען, ווייל דאָ און דאָרטן האָט דאָך פּאַסירט דער אייגענער ׳אומגליק׳. די למך־מעשה איז אַ מאָדיפֿיקאַציע פֿון קין־געשעעניש. די ענדערונג איז דאָ אין דער ריכטונג פֿון פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער פֿאָטער־פּאָזיציע און אָפּשוואַכונג פֿון דער ווייב־מוטער שטעלונג.

אָבער אויך אָט־דער למך מיטאָס פֿאַרפֿאָלגט דעם אייגענעם צוועק וואָס דער קין־הבל מיטאָס, און דאָס איז צו געבן אַ דערקלערונג פֿאַר דער עקזאָגאַמיע.

ד

## נח דער צדיק

די דריטע וואַריאַציע פֿון דעם דרייעק־פּלאָנטער קריגן מיר אין דער נח־דערציילונג, וועלכע איז שוין דייטלעך פּאַטריאַרכאַטיש קאָלירט.

חוה־קין־הבל מיטאָס איז ריין מאַטריאַרכאַטיש. דער למך־מיטאָס געפֿינט זיך אין איבערגאַנג. די ווייבער בונטעווען זיך, אָבער למך באַהויפּט זיין פֿאָטער־רעכט דורך דער אַקציע פֿון מאָרדן זיין זון. דער נח־מיטאָס איז שוין אינגאַנצן אַ פּאַטריאַרכאַלישער סיפּור־המעשה. דער צוזאַמענשטויס קומט פֿאַר צווישן פֿאָטער און זון אָדער אייניקל, די ווייבער זיינען דאָ אינגאַנצן פּאַסיוו. מ׳זעט זיי ניט אַרויס פֿון הינטער דעם געראַנגל צווישן רעוואָלטירנדיקן זון און הערשנדיקן פֿאָטער, וועלכער קומט אַרויס אַ זיגער פֿון געפֿעכט, אַ געשעדיקטער פֿיזיאָלאָגיש אָבער ניט סאָציאָלאָגיש. ער

שילט, און זיין קללה איז עפעקטיוו, זיין וואָרט האָט פול וואָג, קאַר־מאַנדירט די צוקונפט־מערכה. דער זון אָדער אייניקל ׳רעכנט זיך אָפּ׳ מיט׳ן טאַטן אָדער זיידן, אָבער די ראַכע־אַקציע איז פון קיין באַדייט... וועגן פאָטער־מאָרד קען גאָר קיין רייד ניט זיין. און אויב אַזאַ מיסהאַנדלונג וואָלט פּאַסירן, וואָלט עס זיין דער אויס־נאַם, בשום אופן ניט די רעגל, דער הויפּט־טאָן פון פּאַרצייטיקן לעבן. זון־מאָרד, בכור־מאָרד, דערנאָך קאַסטרירונג, דאָס איז גע־ווען אַן אַנגענומענע, פּאָפּולערע לעבנספאָרם. און די נח־דערציילונג איז אַ מין רעטאַליאַציע פון זון אָדער אייניקל, מיט דער צושטי־מונג, אונטערהעצונג אָדער סאַנקציאָנירונג, פון זון, חם׳ען. דער זון אָדער אייניקל ק אַ ס ט ר י ר ט דעם טאַטן אָדער זיידן, דער׳הרג׳עט אים סעקסועל. און דערפאַר ווערט ער פאַרשלאָלטן צו בלייבן אַן אייביקער קנעכט...

אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו (כ״ט). דאָס הייסט ער איז געווען אַ צדיק אין זיינע אייגענע דורות, בנוגע זיינע אייגענע קינדער, וועלכע ער האָט געמאַכט זיי זאָלן געבוירן ווערן. „ויולד נח״. דאָ איז שוין פאַראַן די פולע אָנדערקענונג פון דער צוגעהעריקייט פון זון צום פאָטער.

„אין זיין דור איז ער געווען אַ צדיק, אין משה׳ס דור וואָלט ער ניט געווען קיין צדיק״ (ל׳).

די צדקות, וועלכע ווערט אָנגעדייט און דעפינירט מיט׳ן וואָרט ׳בדורותיו׳ מיינט אין זיינע שייכות׳ן צו זיינע זין און שניר. ער האָט קיינעם פון זיי ניט דער׳הרג׳עט. ער האָט קיינעם פון זיי ניט אומגעבראַכט. ער האָט זיי ניט קאַסטרירט, פאַר בעלי־מום געמאַכט. אָבער די צדקות זיינע איז ניט געווען אינגאַנצן אויסגעהאַלטן. ער איז געווען אַ צדיק כל־זמן ער איז געווען ניכטער. ווי נאָר ער האָט זיך ׳אָנגעזשליאָקעט׳ איז „ויתגל בתוך אהלה״ (ל״א)... דער קרי קריגט זיך מיט׳ן כתיב... אין איר געצעלט... וועמענס געצעלט איז עס געווען ? אויב זיין ווייב׳ס ? איז וואָס איז דאָ די דאגה, וועמענס עסק איז עס, וואָס אַזוינס האָט ער געטאָן, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן האָט ער באַגאַנגען, אַז זיין זון חם מיט כנען זיין אייניקל זאָלן מאַכן אַ פאַרשווערונג קעגן אים און אים קאַסטרירן.

„בתוך אהלו, אהלה כתיב, בתוך אהלה של אשתו״ (ל״ב). אין זיין געצעלט, אין א י ר געצעלט שטייט געשריבן, אין גע־

צעלט פון זיין ווייב. אָבער אויב אין זיין ווייב׳ס געצעלט האָט ער זיך אַנטבלויזט, איז וואָס איז דאָ די חרפה און בושה!

און דער מדרש ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָ ווערט עפּעס פאַרשוויגן, דער מיטאָס זאָגט ניט אַלץ אויס. און דער מדרש טוט אים נאָך און פאַרבאַהאַלט עפּעס אין זיין כלומר׳שטער אַנטדעקונג, וועלכע פאָדערט אַ ווייטערדיקע אויפקלערונג.

„האָט רבי הונא געזאָגט... נח, ווען ער איז אַרויס פון דער קאַסטן, האָט אים אַ לייב אַ קלאַפּ געטאָן און האָט אים צעבראָכן... ובא לשמש מטתו ונתפזר זרעו ונתבזה״ (ל״ג). נישט־קשה פון אַן אויסטראַכט... די מעשה איז פיל רעאַליסטישער.

ער האָט זיך אָנגע׳שיכור׳ט און איז אַוועק אין געצעלט פון חם׳ס ווייב, כנען׳ס מוטער. און דאָ ווערט דער דרייעק־פּלאָנטער געשילדערט אויף גאָר אַ נייעם שטייגער. אַנשטאָט דער מוטער, וואָס פאַרקערט־געשלעכטלעך מיט איר זון, קומט דאָ דער פאָטער, וועלכער פאַרקערט מיט דער שנור, ווייל נח האָט ניט קיינע טעכטער... דער דרייעק ווערט דאָ כמעט אַ גאַנצער פירעק. ער שטעלט זיך צוזאַמען פון אַ זיידן, שנור, זון און אייניקל. נח האָט צו טאָן מיט חם׳ס ווייב. כנען, דער אינגסטער זון אירער, האָט געדאַרפט, לויט די פאַרצייטיקע ׳הייליקע׳ מנהגים, האָבן פאַרקער מיט איר, און ער איז געווען אייפערזיכטיק ווען אַנדערע האָבן אָנגערירט דעם אָביעקט פון זיין ליבע און גלוסטונג. חם׳ען האָט זיין פאָטער׳ס אויפפיר פאַרדראָסן, אָבער, אויס רעספּעקט צו זיין פאָטער, האָט ער גאָרניט אונטערגענומען, געבליבן כמעט אינגאַנצן פאַסיוו. דעריבער טרעט דאָ אַרויס דער אייניקל, דער מאַטריאַרכאַט טרעט אַריין אין אַן אימפּאָטענטן קאַמף קעגן פאַרפונדעוועטן פּאַטריאַרכאַט, די אַלטע אינסטיטוציע, זיך שטיצנדיק אויף איר גלאָריפיצירטער פאַרגאַנגנהייט, שטעלט זיך אַנטקעגן דער קרעפטיקער קעגנוואַרט.

„און נח האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין ווין און ער האָט זיך דערוואוסט וואָס זיין קלענסטער זון האָט אים אָפּגעטאָן (בראשית ט׳, כ״ד). רב און שמואל אַמפּערן זיך מכח דעם: איינער זאָגט, ער האָט אים קאַסטרירט, דער צווייטער זאָגט, רבעו״ (ל״ד).

„און אַזוי ווי דער דאָזיקער צדיק האָט זיך געפונען אין דער מיסטעריע פון ׳ברית׳ — האָט ער אים קאַסטרירט״ (ל״ה).

כנען האָט קאַסטרירט דעם זיידן זיינעם, ווייל דער לעצטער האָט פאַרטשעפּעט זיין מוטער, וועלכע, לויט גאָר אַן אַלטן שטייגער און פאַמיליען־אויפפיר האָט געדאַרפט געהערן צו אים, צו איר זון.

„און חם, דער פאָטער פון כנען׳ען האָט געזען די ערוה פון זיין פאָטער און ער האָט געזאָגט צו זיינע צוויי ברידער אין דרויסן" (ל"ו).

וואָס האָט ער אַזוינס געזען און וואָס האָט ער געזאָגט? דער פּסוק וויל אונדז ניט דערציילן. מ׳זעט קלאָר, אַז דער ביבלישער מיטאָס איז אַליין ׳קאַסטרירט׳ געוואָרן, מוטילירט געוואָרן. מ׳האָט אים זייער שטרייַנג צענזורירט. אָבער אָפּמעקן אים אינגאַנצן פון די זיכרון־אַנאַלן פון דער גרופּע, האָט זיך דער צענזאָר ניט געקענט דערלויבן. די געשעעניש האָט געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן צו דער צוקינפטיקער געדעכעניש פון די דורות. מ׳האָט אָבער באַזייטיקט פון דעם מיטאָס דאָס אַלץ, וואָס האָט אויסגעזען צו אַ מ אַ ר אַ ל י ש, לויט די נייַע השגות פון דער צייט, ווען דער מיטאָס איז רעדאַקטירט, אָדער שריפטלעך רעקאָרדירט געוואָרן.

„ער האָט געזאָגט: אדם הראשון האָט געהאַט צוויי זין, האָט איינער דער׳הרג׳עט דעם צווייטן, און אָט־דער האָט דריי, און ער וויל נאָך מאַכן אַ פערטן" (ל"ז).

דער מדרש באַמיט זיך פאַנאַנדערצופּענען דעם מיטאָס, פאַנאַנדערצעשאָקלען דעם פאַרשטומטן קלונג פון זיין פאַראַליזירטער צונג. פאַרוואָס איז חם אין כעס געוואָרן, וואָס אַרט עס אים, וואָס נח ׳האָט זיך אָפּגעדעקט אין איר געצעלט׳. דער מדרש וויל אונדז איינריידן, אַז חם האָט ניט געוואָלט, אַז אַ פערטער זון זאָל געבוירן ווערן... אָבער דערווייל לאָזט ער אונדז הערן, אַז מיר האָבן דאָ עפּעס ענלעכעס צו דער קין־הבל טראַגעדיע. און דאָס איז אומגעהויער וויכטיק. דרך־אגב ברענגט דער מדרש אַריין די אַסאָציאַציע דערינערונגען פון דעם פאָטאַלן מאָרד, וואו איינער דער׳הרג׳עט דעם צווייטן צוליב אייפערזוכט בנוגע אַ מוטער. און די דאָזיקע אַסאָציאַציע באַלויכט די נח־געשעעניש. מיר האָבן אַן ענלעכע קאַטאַסטראָפע; די עפּיזאָדן זיינען בלויז מער קאָמפּליצירט און דער רעזשים מער אַדוואַנסירט, פון מאַטריאַרכאַט זיינען מיר אַריבער צום פּאַטריאַרכאַט.

עס איז אַן אייפערזוכט־געראַנגל, אין וועלכן עס פעכטן זיך

און פלעכטן זיך צונויף שווער־זיידע און אייניקל. דער קאמף קומט פאר צוליב דער שנור און מוטער אנשטאט צוליב א ווייב און ביידנ׳ס מוטער, ווי דער פאל איז געווען אין דער קין־הבל און חוה טראגעדיע.

דא ווערט געמאלן א צוזאמענשטויס פון א פאטריארכאטישן רעזשים, — ווען צום אלטן פאטער געהערן די טעכטער, און זייערע במקום׳ס, אין פאל עס זיינען ניטא קיינע טעכטער, נאר פארהייראטע זין, ווצמענס ווייבער ווערן פארערכנט כמעט ווי טעכטער — מיט דער איבערבלייבעניש פון א מאטריארכאטישן איינשטעל, ווען די מוטער האט פארקערט מיט׳ן זון. אקטיוו, אין דעם געגנבענעם סיפור־המעשה, טרעט ארויס דער אייניקל, אנשטאט דעם זון, וועלכער איז פאסיוו, ווייל ער ווארפט זיך אונטער מיט א לייכטן הארצן אונטער דער הערשנדיקער סיסטעם מיט דער האפענונג, אז ער בנוגע זיינע צוקונפטיקע שניר וועט זיך פירן ווי זיין טאטע האט זיך געפירט, און אזוי ארום וועט ער קריגן זיין קאמפענסאציע.

„׳וירא חם, אבי כנען, את ערות אביו׳. ער האט געזען דעם בזיון, וואס האט אים אנגעטאן זיין זון כנען און דאס איז די קאסטראציע... און ער, אין זיין שלעכטסקייט, האט זיך צוגעקוקט צו דעם און ער האט ניט געווערט" (ל"ח).

„׳און נח האט זיך אויפגעכאפט׳. דער פסוק אנטדעקט ניט וואס עס איז געטאן געווארן, און דער טוער איז געווען כנען... דעריבער האט ער געשאלטן כנען׳ען" (ל"ט).

„און נח איז ארויס און זיינע זין, און זיין ווייב און די ווייבער פון זיינע זין מיט אים" (מ׳).. דא איז פאראן א ווונק אויף דעם, אז די שניר זיינען פארערכנט כמעט אין דער זעלביקער רדריק מיט זיין אייגענער ווייב...

חם, דער זון פון נח׳ן איז כמעט אינגאנצן פאסיוו. ער דערציילט בלויז די ברידער מכח דער אומאנגענעמלעכקייט אדער שטיקל אומגליק. ער איז געגנוג באליידיקט פון נח׳ס אויפפיר, אז ער זאל זיך ניט באטייליקן אין דער אקציע פון ׳צודעקעניש׳ פון דער שאנדע, אדער ריכטיקער פארבאנדאזשירן די וואונד... און באהאנדלען דעם קראנקן ׳מעדיציניש׳, וואס דער מיטאס דעקט צו מיט דער דערציילעניש מכח עפעס א ׳צודעקן׳...

און אַ קללה ווערט אויסגעגאָסן אויפ׳ן אייניקל, ווײַלכער האָט עס אים אָפּגעטאָן (מ״א).

„׳און ער האָט געוואוסט וואָס עס האָט אים געטאָן זיין קליי־נער זון׳... מיינט דער אייניקל. אָניט שיקט זיך ניט דאָס, וואָס ווייטער שטייט, אַז ער האָט געשאָלטן דעם אייניקל. דער מדרש פרעגט עס טאַקע: „חם האָט געזינדיקט און כנען ווערט פאַר־שאָלטן, איך חידוש זיך!״ (מ״ב).

כנען איז געווען מער אייפערזיכטיק איידער חם, ווײַלכער האָט גענומען זיין פאָטער׳ס אויפפיר מיט אַ געוויסער רעזערוואַציע און דרך־ארץ פאַר דעם עטאַבלירטן רעזשים פון פאַטריאַרכאַט.

אָבער וויבאַלד דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ מוטער־זון פאַרהעל־טעניש, פאַרהילט עס דער חומש מיט זיבן הילעס פון פאַרשוויייגע־ניש. ער וויל בשום אופן ניט אויסזאָגן. דער חומש באַגנוגנט זיך ניט מיט צופוצן די דערציילונג, ער עמאַסקולירט, פשוט, דעם סאַ־מע טעקסט, דעם סאַמע געוועב פון דעם סיפור־המעשה. דער צענ־זאָר רייסט אַרויס גאַנצע שטיקער פלייש פון דעם נאַראַטיוו, ווײַל־כער ווערט אַזוי צעשעדיקט, אַז אפילו די צונויפקייטלונג און פאַ־נאַנדערבינדונג הערן אויף צו זיין אַן ענין פון אורזאַך־רעזולטאַט נאָכפאָלגערשאַפט.

אָבער דעם צענזאָר אַרט כמעט גאָרניט, ווען עס ווערט דער־ציילט וועגן אַ פאָטער, וואָס פאַרקערט מיט זיינע טעכטער. און מעגלעך, אַז אים וואָלט ניט שטאַרק קימערן די מעשה פון נח׳ן מיט דער שנור. בלויז אַ מוטער־זון אַפערע איז שטריינג פאַרבאָטן, ׳הס־מלהזכיר׳ אין חומש. און די פאַרשטאַמלענישן פון דעם נח־מיטאָס איז ניט צוליב נח׳ס ׳שלעכטן׳ אויפפיר, ווי צוליב כנען׳ס און חם׳ס פאַרברעכערישער הנהגה. ניט נח ווערט פאַרדאַמט, נאָר כנען און חם. נח׳ן באַשולדיקט בלויז דער מדרש און דאָס מחמת דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. דער חומש איז אָבער אין פולער סימפאַטיע מיט נח׳ן. ער שילט כנען׳ען, ווײַלכער ווערט אַ קנעכט, ווערט שוואַרץ און פאַרשוואַרצט אַלס שטראָף פאַר זיין שלעכטן אויפפיר. די מאָטיוון פון דער אַקציע ווערן אינגאַנצן פאַר־הוילן, ווי אויך די אַקציע אַליין, וואָס ווערט פאַרשוויגן, בכדי מ׳זאָל דאַרפן האָרעווען שווער ביז מ׳וועט זיך קענען כאַפּן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ווייל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מ ו ט ע ר ־ ז ו ן פאַרקער. און דער חומש דערלויבט זיך ניט צו ריידן וועגן דעם.

ער איז אין דעם פלאַץ, וועלכער איז שפּעטער פאַרפּאַסט געוואָרן, נאָך סעקרעטיוועד ווי אין דער קין־הבל־חוה פאַרווירעניש.

אָבער בנוגע אַ פאָטער־טאָכטער פאַרבינדונג איז דער חומש היפּש ריידעוודיק.

## ה

## לוט און זיינע טעכטער.

„בן נח מותר בבתו” און דער חומש־מיטאָס מאַכט פון דעם ניט צופיל קיין וועזן. הגם אויך דאָ ווערט אַרויסגעצייגט אַ סענ־סיטיוויטעט. דער חומש פאַראיידלט דעם סיפּור־המעשה. ער פאַר־ענטפערט די טעכטער און וואַשט ריין דעם פאָטער. ער איז געווען שיכור און האָט ניט געוואוסט וואָס ער האָט געטאָן. די טעכטער, ווידער האָבן עס געטאָן מחמת נויט. עס איז געווען נאָך דער סדום־איבערקערעניש, און זיי האָבן געמיינט, אַז די וועלט עקט זיך, אַז קיין זכרים זיינען ניטאָ מער. אין יענע צייטן האָט מען אַזעלכע תירוצים גאָר ניט געדאַרפט האָבן.

„און די עלטערע האָט געזאָגט צו דער אינגערער” (מ״ג).

דער חומש דערציילט די געשיכטע גאַנץ אָפן, אַנרופנדיק זאַכן ביי זייערע ריכטיקע נעמען; ער געברויכט ניט קיינע מעטאַפאָרן, קיינע רמזים. אפילו דער וואָרט 'מצחק' ווערט ניט גענוצט. קיינע פאַרשטעלענישן. עס איז ניטאָ, אין דעם דערציילטן פאַל, קיין רי־וואַליטעט צווישן די שוועסטער, ווי עס האָט פּאַסירט צווישן די ברידער בנוגע דער מוטער. דאָס דערקלערט זיך מיט פיזיאָלאָגישע טעמים. ערשטנס איז דער הויפּט־מאָטיוו, וועלכער באַוועגט די שוועסטער צו האָבן פאַרקער מיט׳ן פאָטער, דער פאַרלאַנג פאַרט־צוזעצן די מענטשן־ראַסע. זיי זוכן באַפרוכפּערונג, אימפּרעגנאַציע, און איין זכר נאַטירלעך קען באַהאַנדלען עטלעכע נקבות. און עס איז ניט כדאי זיך צו קריגן. צווייטנס, די אַקציע שילדערט זיך ווי אַ מין פאַרשווערונג, אוןביידע שוועסטער האָבן געמאַכט אַ מין יד־אחת. נאַטירלעך, דער מיטאָס איז אַ רעכט ביסל פאַר־שיינט. עס ווערט ניט פאַרציילט וועגן אַ שטענדיקן געוויינטלעכן

פּאַרקער. עס איז אַן אויסנאַם־פּאַל פּאַר עקסטראַ־אָרדינאַרע אומשטענדן.

דער מדרש אונטערשטרייכט עס מיט אַ כיוון.

„אמר רבי אלעזר, אין האשה מתעברת מביאה ראשונה" (מ"ד), נאָר די טעכטער האָבן אָנגענומען ספּעציעלע מאַסרעגעלן. די דעטאַלן ווערן אַרויסגעבראַכט בכדי מ'זאָל חס־ושלום ניט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז זיי האָבן געלעבט מיט'ן פאָטער ביז אַ זון איז געבוירן געוואָרן, און דערנאָך אַ טאָכטער. דער חומש וויל דווקא האָבן, אַז לוט'ן האָט מען אָנגעשיכור'ט און כמעט ווי אָפּגענאַרט. דער מדרש שטעלט זיך אָפּ אויף דעם „נקוד על וואו של ובקומה, שבשכבה לא ידע, בקומה ידע" (מ"ה).

די אינטאָקסיקאַציע האָט באַצוועקט אַ פיזיאָלאָגישן תכלית, ניט אַזוי אַ פּסיכאָלאָגישן, ווי אָפּנאַרן דעם אַלטן, וועלכער איז געווען כלומר'שט צו מאָראַליש צו באַהאַנדלען זיינע טעכטער ווי ווייבער. ער איז געווען אַלט און עס האָט זיך געפאָדערט אַ סטימולאַנט, „בכדי אויפצואוועקן דעם יצר־הרע, ווייל דער יצר־הרע כאַפּט זיך ניט אויף סיידן מ'גיט אים ווייַן, דערפאַר שטייט געשריבן: 'און זיי האָבן אָנגעטרונקען זייער פאָטער מיט ווייַן'" (מ"ו). אַן ווייַן זיינען זיי ניט געווען זיכער אַז ער וועט באַזיצן זיין פּאָטענץ. נאָך אָפּענער קומט אַרויס דער מדרש, ווען ער זאָגט: „לוט האָט געהאַט אַ תאווה צו זיינע טעכטער, אָבער זיינע טעכטער האָבן ניט געהאַט קיין גלוסטונג צו אים (מ'ז) — — —

די יעניקע ביבל־לייענער, וועלכע זיינען ניט באַקענט מיט פּאַרצייטיקע מיטאָסן, וועט די מעשה וועגן לוט'ן מיט זיינע טעכטער אַביסל שאָקירן. די אָבער וואָס ווייסן, אַז זייער פיל שבטים ציען זייער גרויס יחוס פון אַזעלכע מורונו'ס ורבנו'ס ווי חזירים, הינט, אייזלען, שלאַנגען, לייבן, פערד און נאָך אַזוינע דיגניטאַרן פון דעם אַנימאַלן קעניגרייך, וועלן זיך ניט שטאַרק ערגערן איבער דעם 'אוממאָראַלישן' אָפּשטאַם פון עמון און מואב, וועגן וועלכן דער מיטאָס רעדט מיט פּשוט'ע ווערטער. דער אידישער מיטאָס אויך אין דעם געגעבענעם פאַל שטייט מיט צען קעפּ העכער פון דעם דורכשניטלעכן גענעאָלאָגיע־מיטאָס. און אפילו די דאָזיקע געשעעניש, ווי אומשולדיק זי זעט ניט אויס אין פאַרגלייך מיט אַ פּאַל פון בהמות־חיות פּאַרקער, ראַפינירט די ביבל; זי רעטושירט דאָס בילד, נעמט אַרויס אינגאַנצן די ליידנשאַפט־מאָמענטן, לאָזט אוי־

בער בלויז די זאָרג פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשלעכער ראַ־סע.

דער חומש מיטאָס רייניקט, שייערט און כשר'ט אַ געוויינ־לעכע פּראַקטיק פון פאַרצייטנס. די סאַגע דערציילער, אָדער שריי־בער אָדער אפשר גאָר 'רעדאַגירער', האָט דער סיפור־המעשה 'סקאַנ־דאַליזירט'. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאָמען פון זייערע השגות מכח צניעות און עריות. זיי האָבן אָבער ניט געוואַגט עס צו פאַרקאַשירן. אַזוי טוט מען ניט מיט אַ שטיק טראַדיציאָנעלער מיטאָס־קולטור. זיי האָבן עס ניט פאַרוואָרפן, בלויז געלייטערט.

# IV

# עקידת־יצחק

# IV

## א.

## דער קרבן

יצחק ווערט געבוירן און ישמעאל איז שוין פערצן יאָר אַלט. יצחק ווערט אַנטוואוינט. דאָס מיינט ער ווערט 'אַ בר־מצוה' יונג, דרייצן יאָר אַלט. ישמעאל איז ביי דער צייט אַ מאַן פון זיבן און צוואנציק. דערווייל ווערט גאָרניט דערמאָנט וועגן זיינע באַציאונגען מיט פרויען. ער געהערט נאָך אַלץ צו זיין מוטער הגר.

און דאָ ווערט דערציילט עפּעס מיט אַ האַלבער מויל. דער פּאַרפאַסער אָדער דערציילער וויל ניט, אַז דער הערער, אויב ער איז ניט דערוואַקסן צו קענען הערן צווישן די ווערטער, און דער לייענער אויב ער קען ניט לייענען צווישן די שורות, זאָל פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

„און שרה האָט געזען דער זון פון הגר דער מצרי'טע, וואָס זי האָט געבוירן צו אברהם'ען 'שפּילט זיך' " (א). מיט וועמען און וואָס פאַר אַ שפּיל איז עס און וואָס איז די עוולה? דער פּסוק שווייגט. ער לאָזט עס איבער צו אונדזער איינבילדונגס־קראַפט. דער מדרש איז אַביסל מער באַריידעוודיק, אָבער אויך ניט קלאָר. 'שפּילן זיך' מיינט געשלעכטלעכער פאַרקער" (ב). אַז 'שפּילן זיך' מיינט אויף ביבל־לשון סעקסועלע פאַרווײַלונג, קען מען זען פון דעם דאָזיקן טעקסט: „ער האָט זיך געלאַנגווייליקט... און אָט שפּילט זיך יצחק מיט רבקה'ן זיין ווייב" (ג).

דאָ איז נאָך אָבער אַלץ ניט קלאָר. מיט וועמען שפּילט ער זיך? קיינע פון די נאָכדעמדיק דערמאָנטע פרויען־פיגורן טרעטן דאָ ניט אויף. דער ענטפער איז, אַז ער שפּילט זיך, מסתמא, מיט הגר'ן זיין מוטער. דעריבער ווערט זיין נאָמען ישמעאל ניט דערמאָנט, נאָר 'דער זון... שפּילט זיך', בכדי מיר זאָלן פאַרשטיין, אַז דער זון שפּילט זיך מיט דער מוטער.

„דאָס האָט אויסגעזען שלעכט אין די אויגן פון אברהם'ען וועגן זיין זון" (ד').

רש"י גיט צו פאַרשטיין: „דערפאַר וואָס ער איז אַרויס לתרבות רעה" (ה').

אברהם'ען האָט פאַרדראָסן ישמעאל'ס אויפפיר, זיין פאַרקערן מיט הגר'ן. אברהם איז אויפגעבראַכט. ער האָט דאָך ניט אָנגענומען

קיינע מיטלען קעגן אים, ער האָט אים אפילו ניט קאַסטרירט, בלויז גע׳מל׳ט.... און אברהם טרייבט זייביידן, זון און מוטער, אַרויס. הגר באַהאַנדלט איר זון ווי אַ קינד און ווי אַ מאַן און, צו דער זעלביקער צייט, ווי אַ פּאַציענט. ער איז קראַנק און טרינקט אַ סך פון היץ. (ו׳).

אַביסל ליכט־צואוואַרף שיינקט דעם קעגנשטאַנד די סמיכות־הפּרשות. שרה אַנטוואוינט דאָס קינד. אברהם מאַכט לכבוד דעם אַ גרויסן מאַלצייט.

„און אברהם האָט געמאַכט אַ גרויסן באַנקעט אין טאָג פון יצחק׳ס אנטוואוינט־ווערן" (ז׳). „און שרה האָט דערזען...".

ווען יצחק ווערט אַנטוואוינט ווערט ער מאַן, אַ ׳חייב בעונשין׳, אַ גאַנצער מענטש, און ער דאַרף, אָדער קען, געהערן צו דער מוטער, לויט דעם גאַר־פּאַרצייטיקן שטייגער... הגר מיט ישמעאל׳ן האָבן זיך דאָך, מסתמא, אויך פאַר דעם געשפּילט. נאָר שרה׳ן האָט עס ניט געקימערט. איצט אַרט עס איר, ווייל זי אַליין וועט זיך באַלד געפינען אין אַן ענלעכער סיטואַציע... און זי דער־ציילט, פאַר׳מוסר׳ט הגר׳ן פאַר אברהם׳ען, בכדי, מעגלעך, ער זאָל זי ניט נאָכקוקן, ניט חושד זיין און ניט אייפערזיכטיק ווערן. און דאָ קומט גלייך דער קאַפּיטל, וועלכער הויבט זיך אָן מיט די עניגמאַ־טישע ווערטער ׳ויהי אחרי הדברים האלה׳ (ח׳). וואָס האָט פּאַ־סירט ? נאָך וועלכע געשעענישן ?

דער מדרש מיט זיין שאַרף־קריטישן חוש לאָזט עס ניט דורך. און ער פרעגט, וואָס מיינט דער טשיקאַווער פּסוק. און ער פאַר־ענטפערט עס מיט אַ דוחק.

„...ווען אברהם האָט פאַרבעטן אַלע גרויסע לייט, איז אַראָפּ דער מקטרג און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלער, אָבער קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. אברהם האָט באַדינט די מלכים און די דיגניטאַרן, שרה האָט געזויגן זייערע זין... און דער מקטרג איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און שרה האָט געזאָגט: עס איז אַ שפּאַס, ׳צחוק עשה לי אלהים׳. גלייך איז דער מקטרג אַרויף צום הייליקן גע־בענטשט־איז־ער און האָט געזאָגט צו אים: האַר פון דער וועלט, דו האָסט גערופן אברהם׳ען ׳מיין באַליבטער׳. ער האָט געמאַכט אַ סעודה און ער האָט גאָרניט געגעבן ניט דיר, ניט צו די אָרע־מעלייט. ער האָט דיר ניט אויפגעאָפּפערט אַפילו אַ טויב... און דער

הייליקער געבענטשט־איז־ער האָט באַפוילן מקריב צו זיין יצחק'ן און ער האָט גוזר געווען אויף שרה'ן, אַז זי זאָל שטאַרבן פון עגמת־נפש צוליב איר זון" (ט').

אַ וואונדער שיינער בילד מיט אַ טיפן מוסר־השכל, אַז מ'זאָל ניט פאַרזען דעם בעטלער ביי דער טיר... אָבער צום עצם סיפור־המעשה האָט עס קיין שייכות ניט, אויסער דעם וואונק צום סוף, אַז שרה איז געשטאָרבן צוליב אָט־דעם אַנטוואוינען פון דעם זון.

„'אחר הדברים האלה', נאָך איבערקלערונגען. ווער האָט אי־בערגעקלערט? אברהם. ער האָט געזאָגט: איך האָב זיך משמח געווען און איך האָב אַלעמען משמח געווען און צום הייליקן גע־בענטשט־איז־ער האָב איך ניט אָפּגעשיידט ניט איין אָקס און ניט איין ווידער..." (י').

אחר הדברים האלה...

אברהם האָט איבערגעקלערט: הגר מיט ישמעאל'ן זיינען ביי־דע אַוועק..

יצחק איז אַנטוואוינט, און שרה וועט זיך נעמען 'שפּילן' מיט אים. ער איז דאָך דורכגעפאַלן מיט ישמעאל'ן און הגר'ן. הגר האָט אים ניט געקימערט, ווייל ער האָט דאָך געהאַט שרה'ן. שרה'ן וויל ער ניט פאַרלירן. און ער באַשליסט נעמען צופלוכט צו דעם אַלטן וואויל־עטאַבלירטן הייליקן מנהג פון הרג'ענען דעם בכור, דעם זון נאָך לאַקטאַציע. און ער שטייט אויף פאַר פרי און גנב'עט זיך אַרויס פון געצעלט, און ער נעמט מיט זיך דעם זון, אָן שרה'ס וויסן, אָדער, ריכטיקער, נאָך אַ קריג און שיידן זיך מיט איר.

„נעם דעם זון" (י"א), נעם אים מיט געוואַלד, אַזוי זעט עס אויס פון פסוק. דעם זהר ווילט זיך עס פאַרגלעטן. „קח במלין" (י"ב), נעם אים איין מיט ווערטער. אָבער דאָך גיט דער זהר צו, אַז אברהם האָלט זיך פיינדלעך צו יצחק'ן.

„'און אברהם האָט געזאָגט' (בראשית כ"ב, ח'), און עס שטייט ניט געשריבן, 'און עס האָט געזאָגט זיין פאָטער', ווייל ער האָט זיך באַצויגן צו אים ניט ווי אַ פאָטער, נאָר ווי איינער, וועלכער האָט אַ קריג מיט אים" (י"ג).

צוליב וואָס און איבער וואָס איז דער קריג? איבער שרה'ן.

און דער מלאך פון יהוה'ן, פון דעם נייעם באַוואוסטזיין באַווייזט זיך און וויל ניט דערלאָזן, אַז דער זון־מאָרד, לויט די פאַרצייטיקע מנהגים, זאָל פאַסירן. יהוה איז מער 'ווייבלעך־מוטערלעך', ווי דער

אלהים, וועלכער איז 'פּאַטערלעך', ד. ה. 'אָרגאַניזאַטאָריש', און ער איז דער מידת הדין, בשעת יהוה איז דער מידת־הרחמים.

ווייטער, דאָ קומט פאַר אַ צוזאַמענשטויס ניט נאָר פון אַן אַלטן באַוואוסטזיין, אַן אַלטן מנהג קעגן אַ נייעם אויפדעמערנדיקן באַוואוסטזיין, נאָר אַן אַלטער באַוואוסטזיין ווערט אַטאַקירט פון ביידע זייטן, פון פאָרנט און פון הינטן, פון פאָרנט מיט נייע השגות, און פון הינטן מיט די נאָך עלטערע באַגריפן, וועלכע גע־הערן צום מאַטריאַרכאַט רעזשים, צו יענער צייט, ווען מוטער־זון פאַרקער איז געווען אַ הייליקער 'פאָלקסוועג', א קדוש וטהור'דיקע אינסטיטוציע. און די ביידע עקסטרעמען זיגן קעגן מיטן, קעגן אברהם'ס צאָרן און באַשלוס צו אויפאָפּפערן זיין זון אויף דעם אַל־טאַר פון אייפערזוכט צו דער מוטער פון זיין זון, צו זיין ווייב.

„און ער האָט געזאָגט: שטרעק ניט אויס דיין האַנט צום בחור'ל, און דו זאָלסט אים גאָרניט טאָן" (י"ד). פון פסוק איז צו זען, אַז אויב ניט שעכטן, האָט אברהם געוואָלט אים כאָטש קאַסט־רירן. רש"י זאָגט אויף דעם פסוק: 'שטרעק ניט אויס' — צו שעכטן; 'און דו זאָלסט אים גאָרניט טאָן' — זאָלסט אים ניט מאַכן פאַר אַ בעל־מום, (ט"ו), דאָס מיינט אים מאַכן פאַר אַ סריס. און דעריבער שיקט זיך דעם מלאכ'ס צוזאָג, אַז פילע קינדער וועלן אַרויסקומען פון יצחק'ן, אויב אברהם וועט אים ניט אומברענגען אויף אַ סעקסועלן שטייגער. רש"י זאָגט נאָך, ווי תמיד, דעם מדרש. הגם ער דערקלערט דעם פסוק אי קירצער, אי קלערער.

„'און ער האָט געזאָגט: שטרעק ניט אויס דיין האַנט', און וואו האָט ער אַהינגעטאָן דעם שניידמעסער? דריי טרערן זיינען אַראָפּ־געפאַלן פון די משרתים־מלאכים, און די טרערן האָבן קאַליע גע־מאַכט דעם מעסער. אברהם האָט געזאָגט צום מלאך: איך וועל אים, יצחק'ן דערשטיקן. האָט דער מלאך צו אים געזאָגט: שטרעק ניט אויס דיין האַנט צו דעם בחור'ל. האָט אברהם געזאָגט צום מלאך: איך וועל אים אויסצאַפּן כאָטש אַ טראָפּן בלוט. האָט דער מלאך געזאָגט צו אברהם'ען: טו אים גאָרניט" (ט"ז).

זיי האָבן זיך שטאַרק געאַמפּערט. אברהם האָט אַזוי גיך זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ הייליקן פאַרצייטיקן מנהג, וועלכער איז גע־ווען טיף איינגעוואָרצלט אין דער קדמונים'דיקער סביבה, און האָט געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין זיין אייפערזוכט־געפיל.

און פאַר דעם קרבן, וואָס אברהם ברענגט מיט דעם, וואָס

ער לאָזט צורו זיין זון, ניט ער הרג׳עט און ניט ער קאַסטרירט אים, נאָר פאָלגט דעם מלאך׳ס אָנזאָג פון ׳אל תעש לו מאומה׳, בענטשט אים דער לעצטער מיט פילע קינדער (י״ז). דער מלאך ווידערהאָלט דעם צוזאָג, וועלכן ׳שדי׳, וועלכער איז, זיכער, ווייבלעך, האָט אים געגעבן מיט׳ן ׳ און איך וועל דיך פרוכפּערן זייער און זייער׳ (י״ח).

ווייל עס רעדט זיך וועגן פרוכפּערונגען און מערונג קומט שדי. און אין דעם געגעבענעם פאַל איז דער מלאך פון יהוה אויך גע־נויגט צו שרה׳ס צד...

דער נסיון, וועלכן אברהם איז בייגעשטאַנען, איז פּונקט דער היפּוך פון דעם, ווי עס איז אָנגענומען.

דער ביישטייַן פון נסיון באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געפאָלגט דעם מלאך און האָט ניט דער׳הרג׳עט דעם זון. דער אויפ־טו באַטייט דאָ דאָס ברעכן אַ מנהג־קדמונים, אַ פאַרוואָרצלטן פיר, און מיט׳ן צוועק צו פאַרוואַרפן, אויסצואוואָרצלען אַן אַנטיקן יסודות׳דיקן שטייגער, אויף וועלכן דער גאַנצער פאַטריאַרכאַטי־שער סאָציאַ־בנין האָט זיך געהאַלטן, ד. ה. די אידייע און פּראַק־טיק פון אויפאָפּפערן די זין אויפ׳ן אַלטאַר פון דער געמיינדע־גאַנצ־קייט, משפּחה-איינהייט — מיט אַט־דער כוונה אין גייסטיקן אויג איז דער דאָזיקער קאַפּיטל געשריבן געוואָרן. אַט־דער אָפּזאָגן זיך פון הרג׳ענען דעם זון איז אי אַ צוזאָג פון הומאַניטאַרער ווייטערער אַנטוויקלונג און אי אַ קאָנצעסיע געשאַנקען דעם איבערוואונדענעם, לאַנג־באַזיגטן מאַטריאַרכאַט. דער חומש שניידט אַ מיטנליניע, אַ פּשרה־קורס ווערט אָנגעדייט.

עס איז נאַריש צו מיינען, אַז דער מיין פון חומש איז געווען צו פאַרצייַלן די גרויסקייט פון אברהם׳ען, וואָס איז געווען באַרייט צו שעכטן זיין זון. טויזנטער טאַטעס האָבן עס געטאָן פ אַ ר אים, אין דער זעלביקער צייט מ י ט א י ם און יאָרן־יאָרן נ אָ ך אים. דער חומש איז שטריינג אין אָנזאָגן, ערטערווייז, אַז די טאַ־טעס און מאַמעס זאָלן ניט פאַרברענען אָדער אומברייינגען אויף אַן אַנדער שטייגער זייערע זין און טעכטער לכבוד די געטער.

דאָס פאַרבאָטן די פּראַקטיק זאָגט, אַז מ׳האָט עס פּראַקטי־צירט מיט גרויס פרומקייט און חשק. איז דאָס די גרויסקייט פון אברהם׳ען? האָט יפתח דען ניט מקריב געווען זיין איינציקע באַ־ליבטע טאָכטער? און וואָס איז מכח דעם מלך? און וואָס איז מכח דעם בעל? און וואָס מכח דעם תפת? קינדער קרבנות איז געווען

אַן אַנגענומענער חשוב׳ער דעטאַל פון קולט אין אַלטערטום. און אפילו היינט צו טאָג איז עס ניט פאַרפרעמדט אינגאַנצן. אין וואָס באַשטייט די שטאַט עבודה־זרה, די שאָוויניזם־געצנדינסט, דער מאָדערנער מלך אָדער תפת, אויב ניט אין אומברייענגען קינדער, זין און אַמאָל אויך טעכטער אויפ׳ן מזבח פון דעם רשעות־לאַנד!

„פאַר דעם יערלעכן קרבן לכבוד דעם טעצקאַטליפּאָקאַ... האָט מען אויסגעקליבן אַ שיינעם יונגן מאַן, געוויינטלעך, אַ געפאַנגע־נעם: אין משך פון גאַנצן יאָר האָט מען אים באַהאַנדלט ווי אַ גאָט... צום אָנהויב פון לעצטן חודש האָט מען אים געגעבן פיר שיינע מיידלעך אַלס ווייבער. צום סוף, ווען דער פאַטאַלער טאָג איז אָנגעקומען, האָט מען אים געפירט אין שפּיץ פון אַ פייערלע־כער פּראָצעסיע, מ׳האָט אים גענומען צום טעמפּל, און נאָכדעם, ווי מ׳האָט מיט גרויס צערעמאָניע און מיט יעדן צייכן פון רעס־פּעקט מקריב געווען פאַר אַ קרבן, האָבן אים די פּריסטער און די פאַרשטייער אויפגעגעסן" (ו).

וויבאַלד זיי זיינען אַלע געווען פאַראינטערעסירט אין אים, וויבאַלד זייער אויפמערקזאַמקייט איז געווען קאָנצענטרירט אויף אים, זיינען זיי געווען אין אים. דאָס מיינט, אַז דער ציבור־עגאָ איז געווען, פאַר אַ באַשטימטן פּעריאָד פון צייט, פאַרקערפּערט אין אים. נאָך מער, וואָס זיי האָבן געוואוסט, אַז בקרוב בימינו וועלן זיי דאָך אים אויפעסן, און דורך דער אַקציע פון אויפפרעסן אים, וועלן זיי ווערן איין קערפּער, אַזוי אַז שוין לכתחילה, אין אַנטיציפּאַציע, איז ער געוואָרן זייער גאָט, דער סימבאָל פון דער גאַנצקייט פון שבט־גאַנצקייט.

דאָס איז די דערקלערונג פון דער רעליגיעזער מיסטעריע, וועל־כע הייסט קירכן־געמיינשאַפט, ׳קאָמוניאָן׳. דער צוועק אין אַלע אַזוינע און ענלעכע פאַלן איז די פאַרמירונג פון אַ שטייפער, האָפּ־טיקער אחדות, איין־קערפּערלעכקייט, צווישן די מיטגלידער, די שאַפונג פון אַן אויבעראָרגאַנישן אָרגאַניזם, אַן אינטעראָרגאַניזמען־אָרגאַניזם, מיט איין וואָרט, די צעמענטירונג און עטאַבלירונג פון אַן איכהייט. ווען איינער ווערט אויפגעגעסן פאַר אַלעמען, ווייזט עס, ראשית, אַז דער יחיד האָט ניט קיין עקזיסטענץ מחוץ און אויסער דעם ציבור. און ווען דער קרבן איז אַ געפאַנגענער, גייט ער אַדורך אַ צערעמאָניע פון אַדאַפּטאַציע אין דעם העכסטן זינען. אין דעם נאָר־וואָס באַשריבענעם פאַל, ווערט ער ד ע א י פ י־

צ י ר ט, בכדי צו ווערן א י ד ע נ ט י פ י צ י ר ט מיט'ן ציבור. פון דער אידענטיפיקאציע קומט, ממילא, ארויס א דעאיפיקאציע. ער ווערט ניט בלויז א צוגעהעריקער צום כלל, נאר ער ווערט דער כלל אליין, כביכול, הגם אין מיניאטור. והשנית, ווען אלע מיט־גלידער עסן אויף איינעם, ווערן זיי דאס, וואס זיי עסן. דאס הייסט, זיי ווערן אלע צוזאמען איין קערפער, איין גוף־איינהייט.

דעם קרבן לכבוד דעם טעצקאטליפאקא פארצערן די פריסטער און די ראשי־הקהל, ווייל זיי רעפרעזענטירן די שטאם־גאנצקייט.

די ווילדע האבן תמיד געגלויבט, אז דער מענטש איז, וואס ער עסט. און וויבאלד זיי עסן אויף איין קערפער, ווערן זיי אלע צו־זאמען איין קערפער. ווארים אין זיי ווערן אסימילירט אלע קוואַ־ליטעטן און אייגנשאפטן פון דעם ווען, וואס זיי האבן אויפגע־אכל'ט. און וויבאלד ער האט פארטראטן די גאנצקייט פון ציבור, ווערן זיי אט־די קארפאראציאנעלע גוף'איקייט.

„עס איז אן אלגעמיינע אידייע, אז די קוואליטעט פון דעם בעל־חי, וואס מ'עסט אויף האט א ווירקונג אויף דעם כאראקטער פון דעם עסער. טיגער־פלייש ווערט געגעסן אין געגנטן פון אינ־דיע, בכדי צו מאכן דעם עסער בראוו. האזנפלייש ווערט אויסגעמיטן פאר א מלחמה, די קריגער זאלן חס־וחלילה ניט ווערן קיין פחדנים. די אראבער פון מזרח אפריקע רייבן זיך איין מיט פעטס פון א לייב, בכדי צו ווערן שטארק. אין ניי־זעלאנד פלעגט מען אויפ־פרעסן די גרויסע פירער, וועלכע זיינען געפאלן אין קריג, טיילווייז בכדי ניט צו דערלאזן זיי זאלן דערגרייכן דאס לאנד פון די גייס־טער און טיילווייז דערפאר, וואס די עסער האבן דערווארט אנצואיי־גענען זיך זייער קוראזש און קלוגשאפט" (2).

דער קרבן דינט אלס א צעמענטירונגס־מיטל. און דאס אויפ־עסן אים דינט געוויס אלס א זיכערע סגולה צו דער פארמירונג פון ציבור־עגא.

ביי די כאנדן פון צענטראל־אינדיע געפינט מען מענטשלעכע קרבנות ביז גאר שפעטלעך.

„מ'קלאפט אריין א גראבן פלעקל אין דר'ערד. צום פלעקל בינדט מען צו דעם קרבן. מ'זעצט אים אוועק און מ'זאלבט אים מיט בוימל... מ'דעקארירט אים מיט בלומען, און אין משך פון טאג דינט צו אים די גאנצע פארזאמלונג... דערנאך נעמט מען אים אין וועלדל אריין, וואו די אויפאפערונג דארף פארקומען. אום זיך

צו באַוואָרענען קעגן ווידערשטאַנד, צעברעכט מען אים די אָרמס און די פיס, אָדער מ׳פּאַרטויבט אים מיט אַפּיום... דער דזשאַנגי וואונדעט דעם קרבן מיט דער האַק. דער אַקט ווערט נאָכגעפאָלגט פון דעם אויפגעקלײבענעם עולם. פילע פון זיי שטופּן זיך, בכדי צו קריגן אַ שטיקל פון זיין לײב, און אין איין מאָמענט צעפּליקט מען אים. בלויז די ביינער בלייבן״ (3).

„די פּראַקטיק פון מענטשלעכע קרבנות אין פאַל פון דער צע־רעמאָניע, וועלכע זיי (די מארימאס פון דרום אפריקע) רופן maseleto ua mabele אָדער ׳דאָס זידן פון קוקורוזע׳: פאַר דעם קרבן קלייבן זיי געוויינטלעך אויס אַ יונגן מאַן, ניט קיין הויכן, נאָר אַ דיקן... זיי פירן אים אַפּ אין פעלד אַריין און זײנען אים דאָרטן מקריב פאַר אַ קרבן, לויט ווי זיי דריקן זיך אויס, צו דער זריעה. זיין בלוט, נאָכדעם ווי עס ווערט פאַרטריקנט פון די זונען־שטראַלן, פאַרברענט מען צוזאַמען מיט דעם שטערן־ביין און די פלייש, וואָס איז אויף דעם און דעם מאַרך. די אַש צעזייט מען איבער די פעלדער, בכדי זיי צו פערטיליזירן, און דאָס איבעריקע פון זיין קערפּער עסט מען אויף״ (4).

אַ קרבן צו דעם מאאיז־גייסט ביי די פּאַניער Pawnees

„ווען אַ סיגנאַל ווערט געגעבן, לאָזן זיך פליען אַ הונדערט פיילן, און איר גאַנצער קערפּער ווערט צעלעכערט. די פיילן נעמט מען גלייך אַרויס, און איר לייב שינדט מען אָפּ פון די ביינער און צעשניידט עס אויף קליינע שטיקלעך, וועלכע מ׳לייגט אַריין אין אַ קאָשעק; מ׳טראָגט עס אָפּ אין אַ קוקורוזע־פעלד, וואָס איז שוין געוועזן פאַרזייט און די בלוט קוועטשט מען אויס אויף יעדן בערגל״ (5).

דאָס אויפעסן פון קרבן מאַכט פון די באַטייליקער אין דער סעודה איין קערפּער; עס שאַפט אַ געוויסע גלייכהייט צווישן די עסער. דעריבער ווערן ניט אַלע מאָל אַלע צוגעלאָזן צו דער צערע־מאָניע פון קרבן־פרעסן. אין פידזש עסן דעם קרבן בלויז די זקנים און די פּריסטער. פרויען און יונגע לייט שליסט מען אויס (6) די נשים און די בחורים ווערן ניט אַריינגערעכנט אין כלל פון ציבור־איכטום, דערפאַר דערלויבט מען זיי ניט זיך צו באַטייליקן אין דער סעודה־של־מצוה.

קוק באַשרייבט די צערעמאָניעס, וועלכע מ׳פּראַוועט בשעת׳ן מקריב זיין מענטשלעכע קרבנות ביי די איינוואוינער פון די פּאַ־

ציפישע אינדזלען (7). זיברי באַשרייבט מענטשלעכע קרבנות אין דער פּראָווינץ וואנגיידראנא (8). מענטשלעכע קרבנות געפינען מיר אין אינדיע, גריכנלאַנד, איטאַליע, ביי די קעלטן, טעווטאָנען און סלאַוון, די סעמיטן און עגיפּטיאַנער, די פּאַרצייטיקע יאַפּאַנעזער און די פילע אַפריקאַנישע שבטים און, איבערהויפּט, ביי די מאיאס און אַצטעקס (9). האנטער דערציילט וועגן מענטשלעכע קרבנות אַלס אַ מין תפילת־גשם אַ מיטל אַראָפּצוברייינגען אַ רעגן (10).

איצט זיינען מענטשלעכע קרבנות פאַרבאָטן אין אינדיע. זיי קענען זיך אָבער אָן זיי ניט באַגיין. דעריבער מאַכן זיי מענטשעלעך פון ליים, פון טייג. זיי האַקן זיי אַראָפּ די קעפּ לכבוד זייערע גע־טער. די רוימער פלעגן אויך אַזוי טאָן. זיי פלעגן וואַרפן ליאַלקעס אין טייך טיבער, אנשטאָט מענטשלעכע קרבנות.

די קאַרטאַגענער נאָך אַ מפּלה, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט... האָבן פאַרברענט איניקע פון זייערע געפאַנגענע. די אַסיריער פלעגן מקריב זיין מענטשלעכע קרבנות צום גאָט נערגאַל. אין יאָר 46 פאַר אונדזער ערא האָט צעזאַר מקריב געווען צוויי פון זיינע זעל־נער אויפ׳ן מזבח אין קאמפּוס (11), אַ גלאַדיאַטאָר האָט מען מקריב געווען פאַר אַ קרבן נאָך אין דער צייט פון קאָנסטאַנטין. דער קרבן איז געווען אויפגעאָפּפערט צו jupiter Latialis . מענטשלעכע קרבנות האָט מען פאַרבאָטן 95 יאָר פאַר דער קריסטלעכער יאָרציי־לונג אין רוים, אַ רעכט ביסל צייט נאָך אברהם׳ס ניסיון...

אויגוסטוס האָט מקריב געווען אַ מיידל מיט׳ן נאָמען גרע־גאריא (12).

עס וואָלט דערמאָנען די יפתח׳ס טאָכטער מעשה, אָבער דאָ האָט ער אויפגעאָפּפערט ניט זיין אייגענע טאָכטער.

טראַיאַנוס ווען אַנטיאָך איז איבערגעבויט געוואָרן, האָט מקריב געווען קאַליאָפּע. דאָס איז אַ קרבן, וועלכער דאַרף באַשיינפּערלעך באַווייזן די גאַנצקייט פון דער שטאָט (13).

אין יאָר 893 האָט דער יאַרל פון די אָרקנעסן Orkneys מקריב געווען דעם בן־מלך פון נאָרוועגן צו אדינ׳ען. אין 993 האָט האַנקאָן יארל מקריב געווען זיין אייגענעם זון צו די געטער (14).

אן ער־ראיה האָט דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען זיבן מענטשלעכע קרבנות היינגען אַרום דעם באַרימטן טעמפּל אין אופּסאַלאַ (15).

אין מעקסיקאַנער טעמפּלען האָט מען מקריב געווען יערלעך

לויט די באַשיידענע אויסרעכענונגען פון מילער׳ן 2500 מענטש־לעכע קרבנות. און אין איין, גערעטעניש אויף קרבנות, יאָר איבער 100,000. (16).

לכן קען מען אַנדערש ניט אינטערפּרעטירן דעם נסיון, נאָר בלויז אַזוי, אַז ער איז באַשטאַנען טאַקע אין דעם, וואָס אברהם האָט ניט גע׳שחט׳ן זיין זון. אין עקידת־יצחק איז דער וויכטיקסטער טייל דער נעגאַטיוו, ניט דער פּאָזיטיוו. די הויפּט־זאַך איז דאָ דאָס ניט קוילענען דעם זון, ניט אָפּערן אים, און ניט די כוונה, דער ווילן אים יאָ מקריב צו זיין.

„ווייל דו האָסט געטאָן די זאַך (י״ט), ד. ה. דו האָסט מקריב געווען דעם ווידער, איינגעפירט דעם בהמה־קרבן, ׳ולא חשכת את בנך, את יחידך׳, און דו האָסט ניט צעשניטן (חתכת) אָדער אָפּגע־שניטן, קאַסטרירט דיין זון, דיין איינציקן.

׳חשך׳ פאַרמיידן קען זיך גרינג פאַרבייטן מיט ׳חתך׳, ׳חסך׳, שניידן, מינערן, וועלכע זיינען, בעצם, די זעלביקע ווערבן.

„׳לא יחסוך׳ (דמאי מ״ג) און אַזוי איז עס אין ירושלמי, אָבער אין משניות שטייט ׳יחשוך׳, און אין די כתב־יד׳ן שטייט, על פּי טעות פון איבערשרייבער ׳יחתוך׳״ (כ׳). דאָס איז ניט אַזוי אַ טעות־סופר ווי אַן אַלטערנאַטיוו פאָרם פון אויסלייגעכץ. ׳חשך״ קען זיך שרייבן ׳חתך׳, און פאַרקערט ׳חתך׳, וואָס מיינט שניידן, הרג׳ע־נען, קען זיך שרייבן ׳חשך׳.

׳חתך׳ מיינט צעשניידן, צעקאַטעווען ווי מיט אַ שווערד, מיט אַ גרויסן מעסער, ווי דער ׳מאכלת׳, וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין ביבלישן טעקסט.

„ער האָט גענומען דעם שווערד צו צעשניידן, דער׳הרג׳ענען (לחתוך) דעם פאָטער זיינעם״ (כ״א).

און דער וואָרט ׳ממני׳ (כ״ב) מיינט אָדער צוליב מיר, אָדער עס איז אַ צושטעל, אַריינגעפאַלן מחמת דעם ניט ריכטיקן פאַר־שטיין פון סיפור. אגב ווערט דער ׳ממני׳ ניט ווידערהאָלט שפּע־טער צו, ווען די פראַזע ׳ולא חשכת את בנך, את יחידך׳ ווערט נאָך אַמאָל געברויכט.

און אַז אונדזער אויסטייטש פון מיטאָס בנוגע זיינע סעקס־אימ־פּליקאַציעס איז דער ריכטיקער פּשט פון סיפור־המעשה, זעט מען אויך פון דעם, וואָס דער מדרש זאָגט:

„׳און אברהם איז געקומען צו באַקלאָגן שרה׳ן. פון וואַנענט

איז ער געקומען ?... פון באַרג המוריה איז ער געקומען. און שרה איז געשטאָרבן פון יענעם צער, דעריבער שטייט די עקידה־מעשה נאָענט צו ,און עס איז געווען דאָס לעבן פון שרה׳ן״ (כ״ג).

שרה איז געשטאָרבן פון עגמת־נפש... דעריבער שטייט די עקידה לעבן ,ויהיו חיי שרה׳. די עקידה איז געווען געצילעוועט איןביידן, אין יצחק׳ן און אין זיין מוטער, שרה׳ן, וועלכע אברהם האָט חושד געווען, ווען זיך אויפפירן פונקט ווי הגר מיט ישמעאל׳ן. וואָס שטייט דאָרטן צום שלוס ?

,,און אברהם האָט זיך אומגעקערט צו זיינע יונגען און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און זיינען אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען צו באר־שבע. און אברהם האָט זיך באַזעצט אין באר־שבע״ (כ״ד).

און וואו איז יצחק ? אברהם האָט זיך אומגעקערט אָן יצחק׳ן. יצחק איז מער ניט געגאַנגען מיט אים. יצחק איז, מסתמא, אַנט־לאָפן וואוהין ? וואַרשיינלעך צוריק צו דער מוטער. אברהם בלייבט אין באר־שבע. און וואו איז שרה ? שרה איז אין קרית ארבע, אין חברון.

שרה שטאַרבט פון צער און עגמת־נפש. און אברהם קומט אָבער ערשט דעמאָלט, ווען מ׳דאַרף זי באַוויינען.

,,און אברהם איז געקומען צו טרויערן איבער שרה׳ן און זי באַוויינען״ (כ״ה).

דער אבן־עזרא זאָגט אויף דעם פסוק: ,,ווען שרה איז גע־שטאָרבן, האָט אברהם זיך געפונען אין אַן אַנדער פּלאַץ, און דערי־בער שטייט ,און אברהם איז געקומען׳ (כ״ו).

ניט נאָר בשעת זי איז געשטאָרבן, ביי דעם פאַטאַלן מאָמענט איז ער ניט געווען דערביי. נאָר די גאַנצע צייט פון נאָך דער אַנט־וואוינונג פון יצחק׳ן, זיינען זיי געווען צעשיידט. אברהם איז בלויז געקומען זי באַקלאָגן. איר טויט האָט אים געבראַכט און געמאַכט אים זיך איבערצובעטן מיט איר. ער איז געקומען זיך מתעסק זיין מיט איר קבורה.

און יצחק האָט חתונה אַ צייט נאָך דער מוטער׳ס טויט. ערשט דעמאָלט באַזאָרגט מען אים מיט אַ כלה. ווייל כל־זמן די מאַמע האָט געלעבט, האָט ער באַלאַנגט צו דער מאַמע׳ן.

רש״י זאָגט קלאָר:

,,׳און אברהם איז געקומען׳ — פון באר־שבע; ׳צו טרויערן איבער שרה׳ן און זי באַוויינען׳. און דער טויט פון שרה׳ן איז

אָוועקגעשטעלט געוואָרן לעבן דער עקידה מחמת דעם, וואָס פון דער שלעכטער בשורה פון דער עקידה, אַז איר זון איז באַשטימט געוואָרן דערשאָכטן צו ווערן און אַז ער איז שיער ניט דערשאָכטן געוואָרן, — איז איר די נשמה אַרויסגעפלויגן און זי איז געשטאָרבן״ (כ״ז).

דעם רמב״ן זעט די זאַך אויס צו זיין קשה. סטייטש, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אברהם, דער צדיק, האָט זיך געשיידט מיט שרה׳ן דער צידקנית, און ער מאַטערט זיך צו פאַרענטפערן די פסוקים. אָבער עס איז געצוג פון אים, וואָס ער האָט באַמערקט, אַז עפּעס איז דאָ ניט־איינגאַנצן גלאַט, ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין צווישן צדיקים און צדיקניות, לויט דעם רמב״נ׳ס פאַרשטיין פון דעם ענין צידקות אין איר אָנווענדונג צו דער געשטאַלטונג פון פרוי־מאַן־באַציאונגען.

״׳און אברהם איז געקומען׳, זאָגט רש״י: ׳פון באר־שבע׳, און דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז אברהם האָט דאָרטן געוואוינט, ווי עס זעט אויס פון פסוק ׳און אברהם האָט זיך באַזעצט אין באַר־שבע׳, וואָרים ווי ווערט עס שרה גאָר זיך געפינען אין חברון. נאָר דער מיין איז, אַז אברהם איז אַהין אַוועק אויף אַ טאָג צוליב אַ באַדערפעניש, און ער האָט זיך דערוואוסט פון שרה׳ס טויט, און ער איז געקומען צוריק זי באַקלאָגן און באַווייגען. ׳און אברהם האָט זיך באַזעצט אין באַר־שבע׳ צייגט אָן, אַז ער האָט זיך דאָרטן פאַרהאַלטן און אָפּגעוואוינט דאָרטן יאָרן־לאַנג. און אויב אַזוי איז שרה דעמאָלט ניט געשטאָרבן, וואָרים עס שיקט זיך דאָך ניט, אַז אברהם זאָל וואוינען אין באַר־שבע און שרה זאָל זיך אויפהאַלטן אין חברון״ (כ״ח).

דער רמב״ן באַגרייפט ניט די פאַרבינדונג און פאַנאַנדערבינדונג פון דעם ביבלישן סיפור־המעשה. די מדרשים פאַרשטייען דעם מיטאָס פיל בעסער.

פון פסוק און די מדרשים זעט מען קלאָר, אַז אברהם איז געקומען באַווייגען שרה׳ן, אָבער ניט וואוינען מיט איר. צוליב יצחק׳ן האָבן זיי זיך געשיידט.

״און אברהם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און ער האָט דערזען אַ באַראַן״ (כ״ט). דער ׳במקום׳ פון מענטשלעכן זון־זכר־קרבן ווערט איינגעפירט, ווערט רעקאָמענדירט, ווערט אָנגעצייכנט. הגם דעם צייכן האָט מען ערשט אויפגענומען פיל שפּעטער.

אָט־דער עקידת־יצחק מיטאָס ווייזט אונדז אָן דעם איבער־גאַנג, לכל־הפחות, אין אידישער אידעאָלאָגיע, אין טעאָריע, פון בכור־מענטש־קרבן צום בהמה־קרבן. און אָט־דער מיטאָס האָט דאָך געדינט אַלס פּראָטאָטיפּ פאַרן קריסטלעכן מיטאָס. אין ביידע פאַלן, סיי וואָס איז שייך יצחק׳ן, און סיי וואָס איז נוגע קריסטוס׳ן, איז עס אַ מעשה וועגן אַ טאָטן, וועלכער איז מקריב זיין זון פאַר אַ קרבן, און ניט פאַרקערט, אַ מעשה וועגן אַ זון, וועלכער האָט דער׳הרג׳עט זיין טאָטן, און דערנאָך אַלס אויסקויף פון זינד, פון פאַרברעכן, אַלס אַ כפרה פאַר׳ן הרג׳ענען, פאַר דער טויט־שולד פון פאָטער־מאָרד ווערט ער אויפגעאָפּפערט. דאָס הרג׳ענען פון זון, דאָס ברייינגען אים פאַר אַ קרבן פאַר׳ן כלל פון דער משפחה, קלאַן, האָרדע ווערט פאַררעכנט פאַר אַ טוגנט. דער זון־קרבן איז ניט קיין אַפּלייט, קיין ריקאָשעט־אַקציע, נאָר טאָקע אַן איניציאַלע טואונג, ער איז דער אָנהויב פון דעם איינפיר פון דער קרבנות־אינסטיטוציע.

## ב

## עקידת־יצחק — דער אידישער שיקזאַל.

מענטשלעכע קרבנות פאָדערן אַ געוויסן ניוואָ פון קולטור, ווייל איידער די שפּאַלטונג צווישן יחיד און רבים נעמט זיך ווייזן, דאַרף מען ניט אָנקומען צו דעם דאָזיקן שטרייינג־דראַסטישן מיטל.

דאָס אייגענע גילט פאַר׳ן יחיד. איידער ער נעמט זיך שפּאַלטן, דאַרף ער ניט אונטערדריקן זיינע ליידנשאַפטן, זיינע פאַרלאַנגען, ווייל ער איז ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק צעשמאָלצן מעטאַל, וועלכער ווערט צוריק פאַרהאַרטעוועט. ערשט שפּעטער־צו נעמט ער באַוואוסטזיניק אונטערדריקן געוויסע באַגערעניש, וועלכע האָבן בדעה אים שלעכטס צו טאָן, דורך דעם וואָס זיי ווילן אים אוזור־פּירן, צערייסן אים אויף שטיקער, צעטיילן אים, אַ זאַך, אַ פּאָטאַלי־טעט, וועלכע ער קען ניט דערלאָזן. און ער קעמפט קעגן דעם. די מיטלען, וועלכע ער נעמט אָן, דערמאָנען שטאַרק די אינסטיטוציע פון קרבנות. ער איז מקריב אויפ׳ן אַלטאַר פון זיין פּסיכיק־גאַנצקייט אַ געוויסע צאָל שפּירונגען, פאַרלאַנגען, אידייען, עמאָ־ציעס און ממילא, איינגעהאַלטענע, צוריקגעצויגענע אַקציעס.

„די פּראַקטיקע (מענטשלעכע קרבנות) הגם זי איז ׳ברוטאַל׳,

קען מען זי קוים געפינען ביי די נידעריקע ראַסן. בלויז ווען אַ רעלאַטיוו הויכע קולטור־שטופע ווערט דערגרייכט, מיט איר פועל־יוצא דעם מאַכט־געפיל, דעמאָלט וואַקסט אַרויס די דאָזיקע פּראַקטיק״ (17).

עס איז ניט דער מאַכט־געפיל, נאָר דער געפיל פון צעשפּאָלטנקייט, אָדער אָנגעשפּאָלטנקייט, וועלכער איז גורם, אַז אַ קאָנטער־באַלאַנסירנדיקער געפיל פון מאַכט זאָל זיך באַווייזן און ער זאָל זיך אַרויסווייזן אין דער פּראַקטיק פון מענטשלעכע קרבנות. דער מאַכט־געפיל אַליין איז בלויז אַ דעריוואַציע פון דער צעשפּאָלטונג, ריכטיקער, ער איז אַ רעאַקציע, אַן ענטפער. ׳מאַכט׳ האָט אויף אַזוי פיל צו טאָן מיט דער מענטשלעכער קרבנות־אינסטיטוציע, אויף וויפיל די אימפּעריע־בויער, די מיליטאַריסטישע, קריגערישע און זיגערישע ציבורים האָבן געברויכט קרבנות אַלס אַ צעמענטירונג־מיטל פאַר זייערע אַגרעגאַטן.

„די פּראַקטיק פון מענטשלעכע קרבנות קען מען ניט באַטראַכטן פאַר אַ כאַראַקטעריסטיק פון ווילדע ראַסן. להיפוך, מ׳געפינט זי ביי די באַרבאַרישע און האַלב־ציוויליזירטע פעלקער אַ סך אָפטער ווי ביי די באמת ווילדע. און אויף די נידעריקסטע קולטור־שטופן, וועלכע זיינען אונדז באַקאַנט, האָט מען פון דעם ניט געהערט״ (18).

„וואָס די נאַציע איז שטאַרקער, אַלץ גרעסערע זיינען די קרבנות״ (19).

„עס איז דאָ אַזאַ דערשיינונג ווי קאָלעקטיווע בלוט־דאָרשטיקייט, און, ריידנדיק סאָציאָלאָגיש, האָבן מיר אַ רעכט צונויפצופאָרן דעם אויפפיר פון דער קאָמונע אין דער רעוואָלוציע פון 1789 און די אַצטעקן אין די סיסטעמאַטיזירטע אָרגיעס פון מענטשלעכע קרבנות״ (20).

אין דער קרבנות־אינסטיטוציע ליגט דער עמבריאָ פון אימפּעריע־בויאונג.

דער רבים איז ניט בלוט־דאָרשטיק לשם בלוט־טרינקען. דער רבים צייגט אַרויס אַן אומגעוויינטלעכע שנאה צו דעם יחיד, וועלכער האָט די עזות אָפּצוזווייכן, וויל צעברעכן אָדער שעדיקן די עטאַבלירטע גאַנצקייט פון דעם ציבור. די גאַנצקייט ווערט ניט אויפגעריכטעט דווקא פון רוב מנין, נאָר פון רוב בנין, וועלכער איז פיל וויכטיקער אין דעם, ווי אין פילע אַנדערע, פּרט. דער בע־

סערער מיעוט, בעסער פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט און אין אַ באַ־שטימטער עפּאָכע, דיקטירט די הנהגה־מוסטערן, און יעדע אָפּנייגונג פון ליניע, אַן אָפּנייג, וועלכער דראָט דעם קיום פון ציבור־עגאָ און שוואַכט אָפּ זיין ריכטיקן פונקציאָנירן, ווערט באַשטראָפט מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט, און דער אָפּנייגלער ווערט פאַר־פאַלגט צום פאַרשניטן ווערן, 'ונכרתה הנפש ההיא מעמיה'.

„עס שיקט זיך, אַז איינער זאָל שטאַרבן פאַר דאָס פאָלק" (21).

מלחמות ציען זייער יניקה פון דעם אייגענעם קוואַל. טויט־שטראָף איז, באמת, מער ניט ווי דער אייגענער מעטאָד אָנגע־ווענדט צו דעם אומגעהאָרכזאַמן יחיד. עס איז אַ מיטל, וועלכן דער ציבור נעמט אַן בכדי ניט צו דערלאָזן, אַז יחידים, פאַרברע־כער, ד. ה. פאַרשוינען, וועמענס אויפפיר איז אַנטי־סאָציאַל, זאָלן זיך פאַרמעסטן קעגן דער גאַנצקייט־סאָלידאַריטעט פון ציבור־עגאָ. זיי ווערן אומ'ברחמנות'דיק באַזייטיקט, אָפּגעמעקט פון ספר־החיים פון דעם געגעבענעם אָגרעגאַט.

מיט אַנדערע ווערטער, מ'איז זיי, פּשוט, מקריב אויפ'ן מזבח פון ציבור־איכטום, פון קהל־אידענטיטעט.

קאטשובא באַמערקט וועגן די סאנדוויטש־אינדזלען־איינ־וואוינער:

„זיי זיינען מקריב זייערע פאַרברעכער צו די געטער, ווי מיר אין אייראָפּע זיינען זיי מקריב צו גערעכטיקייט". (22).

די מעשה מיט עכן'ען, וועלכער האָט גענומען פון חרם... און מ'האָט אים פאַרשטיינט 'און מ'האָט זיי פאַרברענט". (ל').

יעדע באַשטראָפונג פון אַ פאַרברעכן פאַרפאָלגט דעם אייגע־נעם צוועק פון שאַפן און אויפבאַוואָרן די הנהגה־גאַנצקייט פון די מיטגלידער פון דעם געגעבענעם ציבור־עגאָ (23). פאַר'ן בעל אין ראדעס פלעגט מען מקריב זיין אויך פאַרברעכער (24). אויך די מעקסיקאַנער פלעגן אויפּפערן פאַרברעכער. קרבן־ברייגונג און פושעים־פאַר'משפּט'ונג און אומברייגונג, איז די זעלביקע זאַך, ווייל קרבן־ברייגונג באַצוועקט די פאַרהיטונג פון פאַרברעכן און אויך די פאַרדאַמונג און פאַרניכטונג פון דעם פּאָטענציעלן פאַר־ברעכער.

„די וועלכע זיינען פאַרדאַמט אויסצוקויפן זייערע פאַרברעכנס דורך דער אויפאָפּפערונג פון זייערע לעבנס" (25).

אין טאַהיטי זיינען די קרבנות געווען אָדער שבויים פון

מלחמה אָדער פערזאָנען, וועלכע האָבן דערצאָרנט זייערע פירער אָדער פריסטער (26).

מכשפים, און מכשפות פלעגט מען מקריב זיין פאַר קרבנות (27).

„מכשפה לא תחיה" (ל"א), אַ מכשפה זאָלסטו ניט לאָזן לעבן".

„עס איז פאַראַן אַ פאָרמע פון מענטשן־קרבן, וועלכע האָט איבערגעלעבט אַלע איבעריקע, נעמלעך, דער שטראָף־קרבן פון דעם פאַרברעכער" (28).

אַלע טויט־שטראָפן האָבן דעם אייגענעם גרונט, וואָס קרבנות־ברייגגען. עס איז אַן איינשטעל, וועלכער איז געריכטעט צום אויפ־האַלט פון דער אינטעגריטעט פון דעם ציבור־אָרגעגאַט.

לכן קען מען דעם עקידת־יצחק מיטאָס בשום אופן ניט באַ־טראַכטן אַלס אַ דערציילונג, וועלכע קומט צו גלאָריפיצירן אברהם׳ען פאַר זיין גרייטקייט מקריב צו זיין אַ זון. זין־קרבנות זיינען געווען זייער און זייער געוויינטלעכע קרבנות און מ׳האָט פון דעם ניט גע־קענט אָנקומען מיט התפעלות. מענטשלעכע קרבנות מקריב זיין צו געטער איז געווען גאָר אַ קנאַפּער ניסיון. דער עקידת־יצחק־סיפור איז גראַנדיעז אין זיין פאַרוואָרפן, ניט דערלאָזן דעם זון־קרבן.

אין דעם מיטאָס, מחוץ פון אַנדערע געדאַנקען און שילדערונ־גען, ליגט די גרויסע אידייע פון אַן אָפּזאָג, אָדער דורכפאַל, פון אַ פּ אָ ל י ט י ש ע ר קאַריערע פאַר דעם אידישן ציבור. די וואָס קענען ניט מקריב זיין מיט אַ גרינגן הארצן זייערע זין, די קענען ניט זיין קיין אימפעריאַליסטן, מיליטאַריסטן. און אין דעם איז באַשטאַנען דער שווערער נסיון פון דער עקידה, וועלכע אַנטהאַלט אַן אומפאַנאַנדערגעעפנטע פאַראויסגעשיכטע פון אידישן פאָלק. דער נסיון איז אַן אומגעהויער וויכטיקער. אברהם, אַלס סימבאָל און רעפּרעזענטאַנט פון כנסת־ישראל, איז בייגעשטאַנען אָט־די שווער אחריות׳דיקע פּרוּוואונג, בייגעשטאַנען אין נאָמען פון גאַנצן אידישן ציבור דורך אַלע זיינע צוקונפטיקע דורות, און האָט, — נאָכגעבנדיק דעם ׳מלאך׳, צוהערנדיק זיך צו זיין געבעט־באַ־פעל צו שאַנעווען דעם זון, — זיך אַנטזאָגט פאַר אַלע צייטן און אַלע גענעראַציעס, אין לעולם־ועד אַריין, פון דער מאַטעריעלע גי־טער געבנדיקער, אָבער טויט און אונטערגאַנג ברייגנענדיקער, קאַריערע פון פּ אָ ל י ט י ש ן ב אַ נ ד י ט י ז ם, פון אַגרע־סיוון שטאַטיזם־אימפעריאַליזם. און פון דעם אַנטשיידענעם אָפּזאָג,

פאַר דעם ביישטיין פון דעם גרויסן נסיון, בענטשט אים דער מלאך און זאָגט אים צו, אַז אין דער ווייטער, גאָר־ווייטער, צוקונפט וועלן זיך אַלע פעלקער פון דער ערד, אַלע ערד־פעלקער זיך בענטשן מיט זיינע קינדער, זיך אַ מוסר אָראָפּנעמען פון זיי, זיך לערנען פון זיי דעם דרך־החיים, זיי האַלטן פאַר אַ מוסטער, פאַר דעם עטישן מאָדעל פון ציבור־לעבן. דערפאַר וואָס דו האָסט מיך געפאָלגט, „דערפאַר וואָס דו האָסט געהאָרכט מיין שטים״ (ל״ב) און ניט געשאָכטן דעם זון, וועט דיין זוימען ירש׳נען דעם טויער פון זיינע שונאים״ (ל׳ג), זיי וועלן אַלע זייערע שונאים א י ב ע ר ל ע ב ן, זיי י ר ש׳ע נ ע ן. אין עקידת־יצחק מיטאָס ליגט פאַרזיגלט דער אידישער שיקזאַל. ׳דערפאַר וואָס דו האָסט געהאָרכט מיין ׳שטים׳, קען בלויז מיינען די ש ט י ם, וואָס האָט געהייסן נ י ט שעכטן דעם זון. אַנדערש האָט עס ניט קיין זינען, ווייל ער, דער מלאך־פון־יהוה, האָט דאָך צו אים פאַר דעם ניט גערעדט. הייסן מקריב זיין דעם זון האָט דאָך גאָר דער אלהים. דער קאַפּיטל הויבט זיך דאָך אָן מיט׳ן אלהים, וועלכער שטעלט פאר טיילווייז דעם פּאָט־ריאַרכאַט...

והאלהים נסה את אברהם... און ער האָט עס אים געהייסן ברייגנען דעם זון פאַר אַ קרבן, לויט די געזעצן און פאַרפונדעוועטע געוואוינהייטן, מאָראַל־השגות און זיטלעכקייט־אָנגענומענקייטן פון יענער צייט, ווען דער מיטאָס איז צוערשט אַנטשטאַנען.

אברהם איז דער גרינדער פון דער אידישער נאַציע, פון אידישן אָגרעגאַט. און ער האָט עס געדאַרפט געפּרואווט ווערן. און ער, אַלס מערכה־פאַראויסבאַשטימער פון אידישן ציבור, האָט פאַר־קירעוועט אויף דעם וועג פון עטישער עקזיסטענץ, ציבור־זעלבסט־באַהויפּטונג, וועלכע פונדאַמענטירט זיך אויף אַן עטישן באַר־וואוסטזיין.

אין עקידת־יצחק ליגט רמז׳דיק אָנגעצייכנט דער גאַנצער ווייטערדיקער שיקזאַל פון דעם אידישן פאָלק. אין עקידת־יצחק מיטאָס ווערן אָנגעגעבן די ריכטונגען און דער אַנטוויקלונג־מאַרשרוט פון אידישן „עם־קדוש״ (ל״ד): די אידישע פאָרמאַציע ווערט געפאָר־רעמט אַלס אַן עטישע פאָרמאַציע, אַלס אַ כנסת־ישראל, ניט אַלס אַ פּאָליטיש־אימפּעריאַליסטישער רויבער־פאָלק.

דאָס איז דער סאָציאָלאָגישער מאָראַלישער מיין פון עקידת־יצחק מיטאָס.

V

# דער ״ערשטער חטא״ אין סאָציאָלאָגיע

# V

## א.

## אָרגאַניזאַציע

„ווען רינק האָט אַ פרעג געטאָן די ניקאָבאַריאַנער, ווער צווישן זיי איז דער הערשער, האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געענטפערט, ווי קען מען זיך גאָר פאָרשטעלן, אַז איינער זאָל האָבן מאַכט איבער אַזוי פיל״ (1).

„דער וואָס צווינגט מוז זיין שטאַרקער פון דעם, וועלכער ווערט געצוואונגען... עס איז, זיכער, אוממעגלעך פאַר א יחיד צו צווינגען אַ רבים, וועלכע מוזן דאָך זיין שטאַרקער פון אים״ (2).

אין פלוג, זעען דאָך, באמת, אויס צו זיין די נאָר וואָס געבראַכטע מיינונגען ריכטיק. און ווי איז עס מעגלעך, אַז די מאַכט און הערשאַפט דערשיינונג זאָל ווערן אַ מעשים־בכל־יום אין געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן ?!.

וואו ליגט דער סאָציאָלאָגישער שרש־דבר פון מאַכט־אויטאָריטעט, דאָס הייסט פון אָרגאַניזירטער געוואַלדטאַט, פון דער פונדאַמענטאַלער איינטיילונג אויף די, וועלכע פירן אויס דעם געוואַלדטאַט־אַקט, און די, וועלכע לייטן די צוואנגס־אַקציע בשעת איר דורכפיר? אָט־דער טשיקאַווער פענאָמען פון סאָציאָלאָגיע פאָדערט דאָך אַ דערקלערונג.

„צוואַנציק מענטשן... קענען קיינמאָל זיך ניט צוזאַמענקומען אָן דעם, אַז צווישן זיי זאָל זיך ניט אַרויסווייזן אַזאַ דיפערענץ; בערך אַ דריטל פון זיי וועלן זיין קליגער, אָדער לכל־הפחות, ווייניקער נאַריש, פון די איבעריקע. די דאָזיקע נאָך אַ קורצער באַקאַנטשאַפט... וועלן זיך אויסגעפינען און ווי הירשן, וועלכע פאַרמאָגן די גרעסטע קעפּ, פירן די סטאַדע... דעריבער, בנוגע עניינים פון אַלגעמיינעם אינטערעס, שווערקייט אָדער געפאַר, וועלן זיי וואַרטן אויף זייער וואָרט, ווי קינדער אויף דעם, וואָס טאַטע און מאַמע האָבן צו זאָגן... לכן, דאָס קען ניט זיין עפּעס אַנדערעס, ווי אַ נאַטירלעכע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז צעטיילט פון גאָט אַליין דורכ׳ן גאַנצן קערפּער פון דער מענטשהייט פאַר דעם דאָזיקן צוועק און ציל״ (3).

דער ציטירטער מחבר, האררינגטאָן, דער באַרימטער אויטאָר פון דער אוטאָפּיע ׳אָקעאַנאַ׳, איז ניט קיין ׳הייניקער׳, דעריבער

רעדט ער וועגן 'גאָט', וואָס איז צו אַלט־מאָדיש אין סאָציאָלאָגיע, אָבער דעם הויפּט־טעזיס ברענגט ער אַרויס אפילו דורך זיין שטאַמלען, און דאָס איז, אַז מ אַ כ ט ליגט פאַרבאָהאַלטן אין דעם סאַמע מהות פון פאַרוואַלטונג, אָדער אָ ר ג אַ נ י ז א צ י ע.

ווען דאַרף מען אָנקומען צו אָרגאַניזאציע?

„עס איז אין אַזעלכע פאַלן, וואו דער ווילן מוז אויפגעהאַלטן ווערן איבער אַ גאַנצן קורס פון אַקטיוויטעט, דאָס די נויטיקייט פון אָרגאַניזאַציע ווערט זיך אַרויסצייגן" (4).

אָ ר ג אַ נ י ז א צ י ע איז אַ קנאַספּע, וועלכע קוועלט אַן מיט'ן גיפטיקן זאַפט פון מאַכט. „מאַכט איז סם פאַר זיינע באַזיצער" (5). דאָס איז אַן עטישער אַפּזידל, אָבער ניט אַ שטרענג סאָציאָלאָגישע דעפיניציע.

וואָס איז אַזוינס אָרגאַניזאַציע? „אָרגאַניזאַציע איז אַן עפעקטיווער אופן ווי צו קאָמבינירן אָנשטרענגונגען פון פילע פאַר דער דורכפירונג פון אַן אַלגעמיינעם תכלית" (6). „אַן אָרגאַניזאַציע איז אַ צונויפשטעל פון מענטשן, וועלכע קאָמבינירן צוליב אַקטיוויטעטן, וואָס זיינען דירעקטירט צו אַלגעמיינע צוועקן" (6א). וואו נאָר מיר טרעפן זיך מיט אַ קאָנגלאָמעראַציע פון אינדיווידן, וועלן מיר אומבאַדינגט אַנטדעקן דאָרטן עלעמענטן פון פירערשאַפט. אָבער אָרגאַניזאַציאָנאַליטעט איז ניט אַן אויסשליסלעך מענטשלעכע דערשיינונג. מיר געפינען דעם דאָזיקן פאַקטאָר ביי סאָציאַלע בעלי־חיים.

„...אַ סטאַדע איז ניט די זעלביקע זאַך וואָס אַ צאָל שעפסן... אַ טשערעדע איז אַלע מאָל אַ באַוואוסטזיניקע איינאָרדענונג. דאָרטן זיינען אַלע מאָל פאַראַן די קעפּ, די בינונים און די ווידלעך... בעק זיינען נאַטירלעכע פירער אַ דאַנק זייער שאַרפערן אינסטיקט" (7)... איין 'ער' פון דער סטאַדע פירט זי אינסטיקטיוו, און די איבעריקע פאָלגן אינסטיקטיוו..." (8).

אין יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז אַלעמאָל דאָ בנמצא עפּעס אַ מין סאָרט שפּאַלטונג, אַ מין איינטיילונג אויף די ווייניקע וועלכע פירן און די פילע, וועלכע ווערן געפירט. עס זיינען אַלע מאָל פאַראַן פאָראויסגייער און נאָכגייער, זאָגער און נאָכזאָגער, אָדער, וואָס איז נאָך ערגער, נאָכבאַמקער. „יעדער קאָאָפּעראַטיווער אָנשטרענגונג צווישן מענטשן, צי ער איז צייטווייליק אָדער דויערהאַפט, ווערט אַלע מאָל אויסגעפירט אונטער דער דאָמינענץ פון מנהיגים" (9). און עס איז, באמת, דער אומשולדיקער פירער־

שאַפּט־שטעקן, וועלכער ווערט פאַרוואַנדלט, אין די הענט פון די ראשי־העדה, אין דעם שלאַנג פון אויטאָריטעט.

לכתחילה פירט דער, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט זיינע אויסערגעוויינטלעכע פייהיקייטן. איך זאָג צייכנט זיך אויס, באמת קען מען אים קוים באַמערקן קעגן דעם גרויען־שאַרן הינטערגרונט פון דער פרימיטיווער געזעלשאַפט. אָביסל שפּעטער־צו ווערט ער אַלץ מער און מער מערקווירדיק אָדער אפילו אָנזעענדיק אַ דאַנק זיין פּראָמינענץ, וועלכע באַשטייט אין בראַווקייט, שרעקלאַזיקייט, געשיקטקייט, גבורה וכדומה. מיט אַנדערע ווערטער זיין אויסגע־צייכנטקייט באַשטייט אין אַ סומע פון פיזיאָלאָגישע און האַלב־פּסיכאָלאָגישע קוואַליפיקאַציעס.

לכן, אויטאָריטעט־מאַכט איז אַ פּראָדוקט פון אָרגאַניזאַציע פּלוס אומגלייכהייט. אָבער וועלכע אומגלייכהייט? אומגלייכהייטן ווי אומענדלעכקייטן זיינען פאַראַן אַן אומענדלעכע צאָל. און וואו איז דער מקור פון סאָציאַלער אומגלייכהייט?

דער ערשטער און דער באַשיינפּערלעכסטער קוואַל פון אומ־גלייכהייט, דער יסוד פון אויטאָריטעט, אויף איין זייט, און די אור־זאַך פון אונטערטעניקייט, אויף דער צווייטער, איז די אומגלייכ־הייט אין מוסקולאַרער שטאַרקייט" (10). „באַענט צו שטאַרקייט... קען מען אַוועקשטעלן אומגלייכהייט אין געשיקטקייט אָדער קונסט" (11). „מיר רעכענען אַלס דעם מקור פון אומגלייכהייט, און דעם ערשטן עלעמענט פון מאַכט, די אומגלייכהייטן פון פּקחות" (12).

דער פירער פירט און לייט די מאַסע פון זיינע נאָכפאָלגער דורך זיין פּערזענלעכן ביישפּיל. ער אינספּירירט זיינע מקורבים, די יעניקע, וועלכע קלייבן זיך אַרום אים, די יעניקע וועלכע האָבן אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט אים. און זיין פירערשאַפט איז פון אַ פּראָוויזאָרישן כאַראַקטער. זי איבערלעבט ניט דעם פאַרביילויפנדיקן מאָמענט פון סכנת־נפשות, אָדער דעם ניט פיל לייגערן פּעריאָד פון 'עת־לעשות'. זי דויערט קיינמאָל ניט לייגער פון דער צייט, וועלכע פאָדערט זיך, למשל, פאַר דעם צוריקשטויס פון די באַ־פאַלנדיקע אָדער באַלאַגערנדיקע שונאים, אָדער די דורכפירונג פון אַנדערע עובדות, וועלכע זיינען פון גרויסער חשיבות פאַר דעם וואוילזיין פון דעם ציבור.

מענטשנקינדער, ווען מ'נעמט זיי אין פאַרשיידענע געזאַמלען, האָבן אַלעמאָל, פון צייטן, וואָס ליגן נאָך אויף יענער זייט פון גע־

דעכעניש, אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ היפּשע וואַריאַיטעט פון כשרונות, טאַלאַנטן, השלמות און האָבן מאַניפעסטירט אַ באַדייטנדיקע דיי־ווערגענץ פון כאַראַקטעריסטיק און מסוגל׳דיקייטן.

„צווישן די דאָזיקע זיינען די שטאַרקסטע... דערלויבט צו ווערן הערשער; ווי ביי אָקסן, ווילדע חזירים, הענער, און בעלי־החיים פון אַ ענלעכער נאַטור. אויף דעם זעלביקן שטייגער איז וואַרשיינ־לעך, אַז אויך מענטשן, ווען זיי האָבן זיך צו־ערשט צונויפגעקליבן, ווי אַ טשערעדע, זיינען רעגירט געוואָרן פון די יעניקע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט די גרעסטע מאָס גבורה און קוראַזש" (13).

על כן כח, גבורה קען מען ניט 'אַוועקמאַכן מיט דער האַנט' ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער אויפריכטונג פון דיפערענציאַציע־ווענטלעך.

דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון העכסט פאַרשיידענע באַ־דינגונגען און פון העכסט פילפאַכיקע פאַקטאָרן. דער מענטש האָט אַלעמאָל אַרויסגעצייגט אַ הויכע שטופע פון קאָמפּלעקציטעט און אַ ברייטן פאַרנעם פון אייגנאַרטיקייט. דער מענטש איז אַלעמאָל געווען אידיאָסינקרעטיש, צו וועלכער עס איז מאָס. דעריבער זיינען מענטשן, אייגנטלעך קיינמאָל ניט געווען גלייך וואָס איז שייך זייערע אויפנעם־פייהיקייט און איבערגעב־באַגאַבטקייטן. אמת, „אומגלייכהייט איז געווען, לכתחילה, אומענדלעך קלענער, ווי עס איז אין דער קעגנוואַרט... אין דעם אומקולטיווירטן צושטאַנד פון מענטשן זיינען זייערע שכל׳ען געווען באַגרענעצט, זייערע הצטרכות׳ן, זייערע אידייען, זייער בליק אויף זאַכן כמעט אַלעמאָל אויף איין ניוואָ" (14). עס איז איצטער פאַראַן מער אומגלייכהייט ווי עס איז געווען אין אַמאָליקע פּאַרצייטיקע פּעריאָדן. אָבער עס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ צייט, ווען אומגלייכהייט איז געווען אינגאַנצן אין אָפּוועזנהייט. מענטשלעכע פאַרשיידנאַרטיקייט איז ניט קיין רעזולטאַט פון ציוויליזאַציע, הגם די לעצטע האָט עס גאַנץ נישט׳קשה׳דיק אַרויפגעשרויפט — נייערט אַ פּראָדוקט, אַזוי צו זאָגן, פון נאַטור אַליין.

„אין דעם נאַטור־צושטאַנד, אמת, ווערן מענטשן געבוירן גלייך, אָבער זיי קענען ניט אָנגיין לאַנג מיט זייער גלייכהייט. די געזעלשאַפט מאַכט זיי עס צו פאַרלירן"... (15).

מ׳דאַרף צוגעבן, אַז אפילו אין סאַמע נאַטירלעכסטן מצב ווערן מענטשן ניט געבוירן גלייך. ענלעכקייט, אוניפאָרמיטעט, אידענטי־

טעט — אַט־די אַלע אייגנשאַפטן זיינען כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון טעכניק און ציוויליזאַציע. הייזער ווייזן אַרויס מער ענלעכקייט איינס צו דאָס אַנדערע איידער בוימער, בערגלעך אָדער טייכן. די עצם אידייע פון גלייכהייט איז אַ דעריוואַציע פון טעכנישע קאָנצעפּטן. אומענלעכקייט, פאַרשיידנקייט, דיווערגענץ איז דער סימן מובהק פון נאַטור.

פשוט׳ע קערפּערלעכע גבורה האָט געקענט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע בלויז אין סאַמע פּרימיטיוון אָנהויב פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. „די קוואַליפיקאַציעס פון דעם קערפּער, סיידן זיי ווערן אונטערגעשטיצט פון די יעניקע פון שכל, קענען געבן ווייניק אויטאָריטעט אין וועלכן עס זאָל ניט זיין פּעריאָד פון דער געזעלשאַפט... די קוואַליפיקאַציעס פון שכל, זיי אַליין זיינען בכח צו געבן גרויס אויטאָריטעט״ (16). אָבער אויף דער בינע פון דער גאָר פּרימיטיווער געזעלשאַפט, האָט דער קערפּער און זיינע פייהיקייטן, הגם, נאַטירלעך, זיי קענען ניט אָפּגעזונדערט ווערן אינגאַנצן פון שכל, געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער דראַמע פון לעבן. די מנהיגים אין יענע פּרימאָרגנדיקע צייטן זיינען געווען ניט גלאַט ׳העלדיש׳, נאָר טאַקע, פשוט, לייב־גיבורים, שווערע בעלי־גוף, זיי זיינען געווען ׳געזונט ווי מויער׳ און ׳שטאַרק ווי אייזן׳.

„בכדי צו פירן, מוז דער פירער זיין כסדר פאַראויס פון זיין קאָלאָנע... פאַראויס אין לייזן די פראַגן, וועלכע שווימען אַרויף. ער מוז זיי פאַראויסזען. ער מוז ניט ווערן אַנטיציפּירט, אַניט וועט אימיצער אַן אַנדערער איבערנעמען די הנהגה״ (17).

געוויסע באַשאַנקענקייטן, אַן אינטענסיטעט פון מוט און שטרומונג, אַ שאַרפקייט פון די חושים, אַ קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון ווילנסקראַפט, דער שניט פון אינטעלעקט, דער איינשטעל פון שכל, דער קאַליבר פון די עמאָציעס און נאָך אַ סך אַנדערע פיזיאָלאָגישע און מענטשלעכע כחות קאָמבינירן צוזאַמען אין פורעמען און מאָדעלירן די אינדיווידואַליטעט־געשטאַלט פון דעם געגעבענעם מענטשן און שטאַטן אים אויס פאַר דער פּאָזיציע פון סאָציאַלן קאַפּיטאַן, מאַכן אים מסוגל צו שפּילן ווי געהעריק די ראָלע פון מנהיג אין דעם לעבן פון דער געמיינדע אָדער קלאַס.

לאָמיר אויסהערן עטלעכע מיינונגען וועגן פירער און פירערשאַפט.

„פירערשאַפט אימפּליצירט אַ נאָכפאָלגערשאַפט, וואָס איר

אויפפיר איז א פועל־יוצא פון א באוואוסטזיניקן רעכענען זיך מיט דעם פירער'ס פערזענלעכקייט, מיט אירע אייגענע אינטערעסן און די אַנטיציפירטע סאָציאַלע קאָנסעקווענצן" (18).

„אַ מענטשלעכע גרופע ווערט נאַטירלעך געפירט פון אַן אינ־דיוויד פון אַ רייפן עלטער און דאָמינירנדיקן כאַראַקטער... און ווע־מענס נאָכפאָלגער האָבן זיך געשאַפן די געוואוינהייט אים צו פאָלגן" (19).

„צו זיין אַ גרויסער מענטש, און, ממילא, אַ פירער, פאָדערט זיך, פון איין זייט, אַ וויכטיקע אינדיווידואַליטעט און, פון דער אַנדער זייט, אַ ברייטקייט פון סימפּאַטיע, אַט־די צוויי זיינען מער פאַרשיידענע פאַזן פון פערזענלעכן קאַליבער ווי סעפּאַראַטע שטריכן" (20).

„פאַר דער מענטשלעכער טשערעדע די נויטווענדיקייט, אַז דער פירער זאָל פאַרמאָגן אומפעלערהאַפטע סימנים פון אידענטי־פיקאַציע איז גלייכוויי וועזנטלעך... זיי האָבן זייערע קאָנווענציאָ־נעלע בילדער פון דעם ווינטשעסווערטן טיפּ — ער דאַרף זיין שטאַרק, אַ שווייגער, גרויזאַם, דרייסט, אויסגעשפּאַרכן, האַרט און ענערגיש — אָבער ער מוז, ניט־אַנדערש, זיין אַ מענטש" (21).

„מ'דאַרף האָבן אין זינען, אַז פירערשאַפט ליגט ביי דעם יסוד פון אַלע אָנהויבונגען אין גרופּע־פאָרמירונג און עס הערט קיינמאָל ניט אויף צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע" (22).

פירערשאַפט איז געווען באַזירט אויף נאַטירלעכע אייגנשאַפטן פון סופּעריאָריטעט" (23).

„אונטער דער פירערשאַפט פון דער שנעל און פעולה'דיק רעאגירנדיקער מינאָריטעט וואַרפן זיך אונטער כמעט וואָלונטאַריש אינסטינקטיוו די ווייניקער מזל'דיקע מיטגלידער פון דער גרופּע" (24).

„עס זיינען געווען פירער וועמען עס האָט געפעלט מערקוויר־דיקע אינדיווידואַליטעט. זיי האָבן אָבער אויסגעפילט דעם חסר מיט פיקחות, כיטרעקייט און אַנדערע כאַראַקטעריסטיקעס" (25). „אַ פירער איז אַ פעקל פון פיזישער און אינטעלעקטועלער ענערגיע, וועלכע ווערט אַריינגעשליידערט אין אַ ראָלע פון דער סאָציאַלער דראַמע... פ י ר ע ר ־ פ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט ן דאָס איז דער פּערל פון גרעסטן פרייז, פאַר וועלכן אַלע אַנדערע זאַכן ווערן פאַרקויפט. די סאָציאַלע דראַמע איז דער באָדן, אויף וועלכן פירער

וואַקסן אויס און אָן וועלכן זיי קענען ניט געבוירן ווערן" (26). „זיי זיינען געוועזן די פירער פון מענטשן, אַט־יענע גדולים; די מאָדע־לירער און מוסטערס און, אין אַ ברייטן זינען, די שעפער פון אַלץ, וואָס די אַלגעמיינע מאַסע פון מענטשן האָבן באַוויזן צו טאָן אָדער צו דערגרייכן" (27).

אַט־די עטלעכע געבראַכטע מיינונגען וועגן דעם ענין פון פירערשאַפט און פירערטום אַנטהאַלטן אין זיך, בדרך כלל, אַ גרויסן אמת, הגם ניט אַלעמאָל אַ זיסע וואַרהייט; ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַנדערע פון זיי איבערטרייבן אַביסל די וויכטיקייט פון דעם פירער־פאַקטאָר אין געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן.

פירערשאַפט איז ניט קיין אויסשליסלעך פיזיאָלאָגישע אָדער פסיכאָלאָגישע דערשיינונג, זי שטעלט פאָר מיט זיך אַ קאָמבינאַציע פון סאָציאָלאָגיע און פסיכאָלאָגיע. ווייטער, פירערשאַפט אַלס אַזעלכע איז נאָך ניט קיין הערשאַפט, אָבער זי פירט אין אַ דירעקטן וועג צו הערשאַפט. כל־זמן דער דירעקטאָר פאַרנעמט זיך מיט זיינע מנהיג׳ישע אַקטיוויטעטן אויף אַ ריין־פּערזענלעכן וועג און שטייגער, קען מען אין זיינע טואונגען ניט געפינען דעם עלעמענט פון מאַכט. קיין פּאָליטישער אויטאָריטעט איז צו אים ניט צוגעקלעפּט. עס איז פשוט אַ פאַל פון אַ מענטשן, וואָס ווייזט אַביישפיל, וואָס לייגט פאָר אַן אַקציע, וועלכע איז נאָכטואונגסווערט. ער באַגייסטערט די חסידים זיינע; ער אינספּירירט די קיינמאָל ניט־געדאַכטע און, דעריבער, קיינמאָל ניט־פאַרגעסענע מענטשנקינדער, — מיט ליבע, מורא און אַכפּערונג.

דער שטח איבער וועלכן די טעטיקייטן פון סאָציאַלן משגיח, פּאַרוואַלטער און הויפּט ווערט אויסגעשפּרייט, האַלט אין וואַקסן אין דער לייַנג און אין דער ברייט. דער קלאַן, די האָרדע אָדער וועלכע ניט איז סאָציאַלע איינהייט פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרמאַציע, פאַרגרעסערט זיך אין צאָל. דער פירער, ניט זייענדיק באַשאַנקען מיט דער פּראָווערביאַלער אַלאָנוועזנהייט, איז ניט בכח צו זיין אומעטום אויף איין מאָל. פון היינט און להבא מוז ער האַנדלען אומדירעקט, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַנדערע פּערזאָנען, וועלכע, הגם זיי זיינען די צווייטע פון אים, זיינען זיי אָבער די ערשטע פון עולם־גולם, זיי טורעמען מיט זייערע קעפּ און שכל איבער דעם געמיינדע־ניוואָ פון דורכשניטלעכער גרויקייט. אַט־די ׳אויסדערווײלטע׳ קריגן זייער מאַכט פון אים. זיי ריידן אין זיין נאָמען, זיי רע־

פּרעזענטירן אים. אָט־אויף אַזאַ שטייגער ווערט פאָרמירט דאָס ערש־טע קעמערל פון אויטאָריטעט. דער סקעלעט פון צוקונפטיקער פּאָ־ליטישער מאַכט פאַנגט אָן שאַטנדיק זיך אָנצייכענען. מיט דער צייט נעמט ער אָן אַלץ מער און מער דעפיניטיווע קאָנטורן און אפילו אָט־די פירער פון ׳צווייטן ראַנג׳, וועלכע שטעלן פאַר מיט זיך עפּעס אַ מין סאָרט ׳אונטער־שמשים׳ זיינען נאָך אַלץ אויסגעשטאַט מיט אומגעוויינטלעכע אייגנשאַפטן. זיי מוזן נאָך אַלץ דערמוטיקן אַנדערע מיט זייער ביישפּיל־פאַרדינענדיקן פיר, מיט זייערע מוס־טערהאַפטע אויפטואונגען, מעשים פון אַנטשלאָסנקייט, אַנטשיידנ־קייט, אויסגעהאַלטנקייט, אויסדויער, איבערגעבנקייט צו טובת־הכלל. די עלעמענטן פון ריינער פירערשאַפט וועגן נאָך אַלץ אַריבער די טיילן פון אויטאָריטעט אין ריכטיקן טייטש פון וואָרט.

דאָס אַלץ איז בלויז אַ שעמעוודיקע התחלה. דער ריישל פון עוואָלוציע הויבט זיך אָן צו קייקלען און ער גייט ווי אַ מזמור, אָן אָן אָפּשטעל. דער לייטער, וועלכער באַשטייט לעת־עתה בלויז פון צוויי יעראַרכיע־טרעפּלעך, הויבט זיך העכער און העכער, און נייע שטאַפּלען קומען צו. דער כאַראַקטער פון די אונטערנעמונגען און די צרכי־ציבור באַזאָרגונגען, וועלכע פאַרלאַנגען פאַר זייער ווי גע־העריקע דורכפירונג אַלגעמיינע אָדער דעטאַליזירטע אינסטרוקציעס, אויספירלעכע דירעקטיוון, ווערן, וואָס ווייטער אַלץ מער, קאָמ־פּליצירט, פאַרוויקלט און פאַרשווערט. פירערשאַפט שיידט זיך אָפּ פון דער פּערזאָן פון דעם פירער. דער פּערזענלעכער עלעמענט, פּערזענלעכער ענטוזיאַזם, וועלכער צינדט אָן, ווי אַ שוועבעלע אַ ליכט, די פאַנטאַזיע פון אַנדערע, איז שוין מער ניטאָ, די באַ־גייסטערונג, וועלכע וועקט, רופעט, רופט, מעשה־באַפעל, נאָכצוטאָן איז אַוועק ניט צו קומען צוריק. די אינספּיראַציע, וועלכע צעפלאַמט דעם עקסטאַז, הויבט אויף די פשוט׳ע בשר־ודם׳ס און מאַכט פון זיי, פאַר אַ שטיקל צייט, אמווייניקסטן, נייע בעסערע עקזעמפּליאַרן פון מענטשן, שטאַרקערע, כאַראַקטערפולע פּערזאָנען, כמעט אדם־המעלה׳דיקע — עקזיסטירט שוין ניט מער. איר פּלאַץ, אַלס אַ טרייב־קראַפט, פאַרנעמט איצטער דער פּחד פאַר אַ שטראָף, וועלכע קען זיך באַווייזן הינטער דעם רוקן פון דעם ניט־געהאָרכזאַמן. אַנשטאָט צו געבן עצות, נעמט דער פירער פאַרציען די לייצעס, צווי־מען, באַפעלן.... וואָס איז אַ באַפעל ? „מאַכנדיק עס בקיצור, וואָלטן מיר זאָגן, אַז אַ באַפעל איז אַן עקספּרעסיע פון אויטאָריטעט אין

אַ קורצער, אַנטשיידענער און אויפקלערנדיקער מאַניער, וועלכע דינט אָפּצושטעלן איין אַקציע־ליניע און צו צוגרייטן דעם וועג אָדער אָנצודייטן אַן אַנדערע" (28).

די איינפלוס-אויסאיבונג אויף די מאַסן ווערט ניט דורכגעפירט מיט דער הילף פון מעשים, פראַגמענטן פון אייגענער הנהגה, נייערט דורך דער פאַרמיטלונג פון וואָרט, צום־אַנהויב געזאָגטן, דערנאָך, געשריבענעם.

עס איז ניטאָ קיין מאַכט־אויטאָריטעט, אין דעם דירעקטן פשט פון טערמין, דאָרטן, וואו דער פירער גייט פאָראויס, שטרייַנגט זיך אָן מיט אַלע כחות, און ראַנגלט זיך מיט מניעות, און באַווייזט צו פירן נאָך זיך דעם עולם, דעם המון, וועלכער פאָלגט אים נאָך אונטער אַן עמאָציאָנעלן איינפלוס, וואָס ווערט גענערירט פון פער־זענלעכן מאַגנעטיזם, וועלכן דער פירער באַזיצט.

„אַלס אַ רעגל, פונדעסטוועגן, האָבן די מנהיגים פון די דאָ־זיקע שבטים ניט אויסגעאַרבעט קיין ספּעציעלע אויטאָריטעט" (29). „אויף די נידעריקע שטופן פון קולטור... באַשטייט דער חילוק, וואָס איז איינגעבוירן אין פערזאָנען, בלויז אין פּרעסטיזש, און דאָס איז אַן ענין, הויפּטזעכלעך, פון פערזענלעכער פיהיקייט און כאַ־ראַקטער" (30). „אַלס דער העכסט דערפאַרונגסרייכער פערזאָן טוען אים די איבעריקע נאָך גיכער, ווי זיי וואַרפן זיך אונטער" (31). און כל־זמן דאָס גייט אָן אַזוי איז דאָ נאָך ניט פאַראַן קיין מאַכט־אויטאָריטעט.

עס איז פאַראַן אויטאָריטעט דאָרטן, וואו דער פירער ה י י ס ט גיין, ש י ק ט אויף געפערלעכע אָדער ריזיקאַלישע שליחות'ן. אויטאָריטעט־מאַכט ווייזט זיך דעמאָלט, ווען דער פירער הערט אויף צו פירן, אין דעם פילאָלאָגישן זינען פון וואָרט, נייערט ער איז גוזר, צי אַליין צי דורך אַנדערע, זיינע 'ואשר משרתים', בשעת ער אַליין בלייבט אין אַריערגאַרד, אָדער ערגעץ וואו אויף דער פאַזע פון דעם אַקטיוויטעט־פעלד.

פושקין שילדערט עס מייסטערהאַפט אין זיין פּאָעמע 'טשי־נאַר' (32).

אַליין וואָלט דער הערשער ניט גיין קריגן דעם סם־המות פאַר די פיילן, וועלכע ער גרייט צו. עס שמעקט מיט פאַרגיפטעט ווערן. ער שיקט אָבער זיין שקלאַף, און יענער ברייַנגט אים די גיפט, און באַצאָלט מיט'ן לעבן פאַר דער דאָזיקער ברייַנגעכץ.

ווי אַזוי איז עס פאָרגעקומען, ווי אַזוי איז פירערשאַפט איבער־
געגאַנגען אין קאָמאַנדירשאַפט? אַ נייער רינג האָט זיך אַריינגע־
פלאָכטן אין דער קייט פון קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש, וועלכע
ווערן געשפּונען צווישן דעם פירער און די געפירטע. צום אָנפאַנג
עקזיסטירט אַ דירעקטע באַציאונג ׳פון מענטשן צו דער וועלט, צו
זיין פיזישער, געאָגראַפישער סביבה, צו די באַשטימטע מעשים,
וועלכע ער דאַרף טאָן, צו די דעפיניטיווע אונטערנעמונגען, וועלכע
ער איז מחויב דורכצופירן. דערנאָך, אין דעם לייגלעכן קורס פון
אַנטוויקלונג, בנוגע דער מאַיאָריטעט פון דער געזעלשאַפט, בלייבט
נאָך אַלץ די אייגענע גלייכע רעלאַציע צו דער וועלט, צו אויפטור־
אונגען, צו אונטערנעמונגען. כמעט, אַז אַלץ בלייבט ווי געווען.
אָבער וואָס איז שייך אַ קליינע סעגרעגירטע מינאָריטעט, איז דאָ
פאָרגעקומען אַ גרויסער שינוי: אנשטאָט דער הוילער, איינפאַכער
רעלאַציע צו דער אויסערלעכער וועלט ווערט עטאַבלירט אַ נייע רע־
לאַציע צו די יעניקע אינדיווידן, וולכע האָבן אַ דירעקטע רעלאַ־
ציע צו דער וועלט. עטלעכע איינצלנע פערזאָנען לגבי די פילע טרעטן
אַריין אין אַ באַציאונג־נעקסוס, וועלכער איז אידענטיש מיט דעם
דאָזיקן פארהעלטעניש־קנופּ, וועלכער האָט עקסיסטירט צום אָנ־
הויב צווישן מענטש און נאַטור, מענטש און וועלט. אַ געוויסע גרו־
פּע פון יחידים, פּראָווידענץ־פּערזענלעכקייטן הויבן אָן אַ נייע סדרה
אין סאָציאָלאָגיע. זיי נעמען ׳באַאַרבעטן׳ זייערע מיטמענטשן. זיי
ציוויליזירן די מאַסן. די מינדערהייט פאַנגט אָן צו קאָמאַנדעווען,
דרעסירן און טרענירן. מיט אַנדערע ווערטער, וועלכע באַשרייבן
פּינקטלעך די סיטואַציע, זיי אָרגאַניזירן די איבערוועגנדיקע מער־
הייט. און די פּערזענלעכקייטן פון דער הערשער־גרופּע דערווערבן
זיך די געוואוינהייט צו קוקן פון אויבן־אַראָפּ אויף דעם המון־עם
בכלל, וועלכן זיי באַטראַכטן אַלס אַן אָביעקט פון סאָציאַלער פאַ־
בריקאַציע, אַ שטיק מאַטעריאַל, וועלכער מוז דורכגיין אַ געוויסן
פּראָצעס פון קולטיווירונג און ראַפינירונג איידער ער ווערט ראוי
פאַררעכנט צו ווערן אַלס פּאָליטיש רייף און פּאָזיטיוו.

אַן אילוסטראַציע: אַ צאָל אינדיווידן גייען אַרויס אויף יאַגד.
אַ סאָציאַלע סביבה ווערט, ווי פון זיך אַליין, געשאַפן. ווי אַלע אומ־
געבונגען עפנט זי אויף טיר און טויער פאַר דאָס אַריינקומען פון
סאָציאַלער דיסטינקציע. דאָרטן, וואו עס זיינען דאָ פילע, איז אַלע־
מאָל דאָ פּלאַץ פאַר איינעם, אָדער ווייניקע, זיך אויסצוצייכענען. עס

פילט זיך די באַדערפעניש אין אַ פירער. אַן אויסגעשפּראָכענע פאַר־דערונג פאַר מנהיגות קריגט אַרטיקולאַציע. דער פירער דערשיינט אויף דער אַרענע.

וואָס טוען אַלע מיטגלידער פון דער יאַגד־עקספּעדיציע? זיי זיינען פאַרנומען מיט איין זאַך און דאָס איז פאַרפאָלגן, נאָכיאָגן און נעמען געפאַנגען די וואַלד־חיות. זיי האָבן אַ דירעקטע רעלאַ־ציע צו דער אויסערלעכער וועלט. אין דעם געגעבענעם פאַל זיינען עס די חיות, וועלכע זיי האָבן בכוונה צו כאַפּן. דער אָנפירער, דער 'קאָמאַנדיר', וואָס טוט ער? ער איז פאַרנומען מיט איין זאַך: מיט פאַרוואַלטן, אָנפירן, 'מושטירן' די יעגער, געבן דירעקטיוון, לייטן די יאַגד אַלס אַ גאַנצע אונטערנעמונג. אַזוי אַרום ווערט ער, מ'קען זאָגן, אַ יעגער פון יעגערס, אַ יעגער per excellence. ווי שאַרפזיניק, דריקט זיך קריסטוס אויס אין דעם אַזוי אָפט ציטירטן פּאַסאַזש: (מאטהיו 19—18, 4) „פאָלגט מיך נאָך, און איך וועל אייך מאַכן פאַר פישער פון מענטשן. און זיי האָבן גלייך פאַרלאָזן זייערע נעצן און האָבן אים נאָכגעפאָלגט". צוליב וואָס זאָל אַ מענטש זיך פאַרנעמען מיט דער מאַרודנער, שווערער אַרבעט פון פיש־כאַפּן דירעקט, ווען ער האָט אַ שאַנס צו ווערן אַ פישער פון פישערס, אַ פישער פון די יעניקע, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דער באַשעפטיקונג פון פיש־כאַפּעריי.

פאַרדעם, ווי אויבן אָנגעדייט, פאַרנעמט זיך דער 'דירעקטאָר'. דער 'לייטער' אַליין מיט כאַפּן פיש. מער ניט, וואָס ער טוט עס אויף אַ פאַרהעלטניסמעסיק אויסגעצייכנטן שטייגער. ער ווייזט אַרויס עקסטראַאָרדינאַרע געשיקטקייט. אַזוי, אַז זיין באַציאונג צו דער אויסערלעכער וועלט פאַרמאָגט, קריגט אַ באַזונדערן תיקון, אַ מין אָפּשפּיגלונג. זי באַאיינפלוסט דורך אַ ריקאָשעט, די באַציאונ־גען פון די יעניקע, וועלכע געפינען זיך אין זיין השפעה־ספערע. אין וואָס באַשטייט זיין כח? בלויז אין דער אַקטואַליטעט, אין דעם, וואָס ער איז אַ בעסערער יעגער, אויסשליסלעך אין דעם, וואָס זיין באַציאונג, אין אַט־דעם פאַרטיקולאַרן פּרט, צו דער אויסערלעכער וועלט איז ווערט, אַז מ'זאָל זי נאָכטאָן. זי פאַרדינט צו ווערן סטאַנ־דאַרדיזירט. זי איז ראוי און איז טאַקע זוכה אויפגענומען צו ווערן אַלס אַ מוסטער.

נאָך איין טריט אין דער אייגענער ריכטונג. און ער ווערט שוין פאַררעכנט פאַר איינעם, וואָס פאַרדינט דעם כבוד, — און

די פּריווילעגיעס, וועלכע גייען נאַטירלעך מיט׳ן כבוד — אַז מ׳זאָל זיך פון אים אָפּלערנען, קאָפּירן אים, בכלל, אפילו דעמאָלט, ווען ער פערזענלעך גיט ניט, אין דער באַשטימטער צייט, דעם באַשטימטן ביישפּיל.

לייטונג, פירונג ווערט קאָמפּליצירט, און מיר באַגעגענען זיך פּנים־אל־פּנים מיט דער פּאָליטישער דערשיינונג פון אויבערפירערשאַפט, דאָס הייסט פון מאַכט־אויטאָריטעט.

אַן אַנדער אילוסטראַציע: דער העלד פירט אָן מיט דער שלאַכט. ער איז דער ציל־ברעט פאַר אַלע פיילן מצד פון דעם שונא. ער איז דער מאַגנעט פאַר אַלע בויגן־טרעגער. ער איז דער ערשטער אין דער ערשטער ריי, אָבער, נאָך אַ לאַנגער צייט פון אַנטוויקלונג, געפינען מיר דעם פירער אין די לעצטע שורות פון די מאַרשירנדיקע שערענגעס, אָדער, נאָך בעסער, מחוץ פון דער געפאַרזאָנע, אויף יענער זייט פון שאָס־דערגרייך. ער איז ערגעץ־וואו פאַררוקט אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון גענעראַל־שטאַב, ער האַנדלט אין זיין קאַפּאַציטעט פון פעלד־מאַרשאַל.

וואָס האָט פּאַסירט ? בלויז איין קלייניקייט. פירערשאַפט האָט זיך געג׳גט מיט דער פּערזאָן פון פירער. זי האָט זיך קריסטאַליזירט אין אַ ספּעציאַליטעט. ער פירט ניט מער כלאחר־יד, צווישן אַנדערע באַשעפטיקונגען, דורך אַן אַקט פון אינספּיראַציע, אָפּשפּאָרנדיק צייט דאַפיר, זיך אָפּרייסנדיק פאַר אַ קורצן מאָמענט פון זיינע געוויינטלעכע עסקים. איצט איז ער דער אויסשליסלעכער פירער.

ער איז אַן עקספּערט, אַ מומחה אין הלכות פירעריי און אין דער פּראַקטיק פון הנהלה. דאָס מיינט, אַז די סאָציאַלע אומגעבונג איז דערווייל געוואָרן אינטענסיפיצירט, סאָלידיפיצירט. די מיטגלידערשאַפט פון דער גרופּע, נאַציע, שטאַט, איז אויסגעוואַקסן. זיי קענען זיך שוין פאַרגינען צו האָבן אַ פירער. נאָך מער, זיי נויטיקן זיך אין אַ מנהיג, עס איז דאָ אַ בפירוש׳ע פאָדערונג דערפאַר. דער אידיווידועלער יחיד האָט קיין חשיבות ניט מער. דאָס געזעץ פון ׳דער מינדערנדיקער הכנסה׳ איז אָנווענדבאַר, קודם־כל, צום מענטשן אַלס אַ סאָציאַלן פּראָדוקט בעסער ווי צו עפּעס אַנדערש. איין אינדיוויד מער, איינער ווייניקער אין דער בחינה פון אַ פּשוט׳ן אַרבעטער, יעגער, קריגער, וכדומה, האָט קיין שום באַטרעף ניט. דער באַזונדערער ווערט פון דעם איינצלנעם זינקט אַראָפּ מיט דעם וואוקס, מיט דעם פאַרגרעסער פון די מאַסן. די הויפּט־פּראָבלעם,

וועלכע די פרימיטיווע געמיינדע דארף לייזן, — נאָכדעם ווי די קוואַנטיטעט־פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן, מער אָדער ווייניקער צופרידנשטעלנדיק דורך אַן עקצעסיווער פרייה ורביה, דורך די אַנגענומענע מיטלען פון רעפּראָדוקציע אָדער נצחונות און מלחמה־געפאַנגענע — איז אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אַ פראַגע פון פאָרם, מ׳קען אפילו זאָגן, פון קוואַליטעט. עס האַנדלט זיך וועגן די מיט־לען און שטייגערס ווי אַזוי צו קאָמבינירן, מאַניפּולירן, זיך פאַר־שאַפן מיט מענטשן. מיט אַנדערע ווערטער, די פראַגע פון פירער־שאַפט פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דעם געדאַנק פון די געזעל־שאַפטלעך־געזינטע מיטגלידער פון דער געמיינשאַפט.

„עס מעגן זיך זיין אַ הונדערט טויזנט מענטשן אין אַן אַר־מיי, וועלכע זיינען אַלע גלייך פריי. אָבער בלויז די יעניקע זייבען נאַטירלעכערווייז מוכשר צו ווערן קאָמאַנדירן אָדער פירער, וועלכע באַזיצן די טוגנטן וואָס פאָדערן זיך פאַר דער געהעריקער אויספּי־רונג פון די־דאָזיקע פונקציעס״ (33).

אין דער אָביעקטיוויזאַציע פון דעם סוביעקט, אין דעם אַקט פון פאַרוואַנדלען אַ מענטשן אין אַ סאָציאַלעס וועזן ליגן די רו־דימענטן פון מאַכט־אויטאָריטעט. אין דעם פּראָצעס פון באַהאַנד־לען און טרעטירן דעם אינדיווידן אַלס אַן אָביעקט איז פאַרבאָ־האַלטן דער קערנדל פון הערשאַפט.

דער קלאַן, די הארדע אָדער געמיינשאַפט הויבט לכתחילה אָן מיט פירערשאַפט, גייט אָבער גאַנץ גיך אַריבער צו דער צווייטער שטופע פון אַנטוויקלונג. און דאָס איז קאָמאַנדירערשאַפט — גע־וועלטיקערשאַפט.

נאָך מער, וואָס בנוגע די דאָזיקע ענינים פון מנהיגות און אָר־גאַניזאַציע, דאַרף מען תמיד האָבן אין זינען אַ וויכטיקן פונקט, און דאָס איז, אַז דער מענטש עטאַבלירט ניט זיינע באַציאונגען צו דער אויסערלעכער וועלט אויף אַן אינדיווידועלן שטייגער, ביחידות, נאָר בציבור. ער טוט עס מיט פאַראייניקטע, קאָאָרדינירטע כחות.

דער מענטש אין זיין פּרימיטיוון צושטאַנד איז געווען אַ ס אָ צ י אַ ל ע ר בעל־חי. ער איז געווען, און צו אַ געוויסער מאָס און בנוגע געוויסע תחומים פון אַקטיוויטעטן איז ער גע־בליבן, גרעגאַריעז. אין זיין אַנטוויקלטן צושטאַנד איז דער מענטש א י נ ט ע ר א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל. ער בלייבט אָבער אַלעמאָל אומבאַדינגט צוגעבונדן צו וועלכן עס איז פאַראיין, וועלכער ווערט

צעמענטירט דורך בלוט־קרובה׳שאַפט אָדער דורך אַנדערע פאַרקני־פונגען. מיר געפינען קיינמאָל ניט דעם מענטשן אין אַ מצב פון פולשטענדיקער אויסגעטאָנקייט פון סאָציאַלע און אינטעראינדי־ווידועלע לאָיאַליטעטן. מ׳קען דעם מענטשן אונטער קיינע אומ־שטענדן ניט באַטראַכטן אַלס אַ וועזן, וואָס באַוועגט זיך, איז סי־טואירט מחוץ פון אַלע סאָציאַלע און אינטעראינדיווידועלע פאַר־העלטענישן.

אין דעם מענטשנס איינגעבוירענער סאָציאַביליטעט ליגט, אין אַ רודימענטאַרער פאָרם, די איינגעבוירענע צעטיילונג, אַזוי צו זאָגן, אויף דאָס מענלעכע און ווייבלעכע, אויף אָנפי־רער און אויספירער, פירער און געפירטע, דיקטירער און דיקטירטע, אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירטע.

און פון אָרגאַניזאַציע איז איין שפּרונג צו מאַכט־אויטאָריטעט. דער אָרגאַניזירער ווערט אַ דיקטירער, אַ באַפעלער, אַ געזעצגעבער, אַ הערשער. אָרגאַניזאַציע איז דער מקור פון פי־רערשאַפט און הערשערשאַפט.

אָט אַזוי אומשולדיקערהייט איז פאָרגעקומען דער ׳סאָציאַלער פאַל׳ פון מענטשן. ׳אדם הראשון׳ האָט טועם געווען פון בוים פון צעטיילונג, פון בוים, וואָס ווייס פון סאָציאַלן גוט און שלעכט. און פאַר זיין זינד איז אדם הראשון אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון געזעל־שאַפט גן־עדן התחתון. נאָך דער סאָציאַלער זינד האָט נאָכגעפאָלגט די סאָציאַלע רעאַקציע־שטראָף...

ב

## די סכעמאַ פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער עוואָלוציע

לאָמיר פרואוון אָנצייכענען אַ סכעמאַ, וועלכע וועט מאַכן מער בולט די אנטוויקלונג שטופן, וועלכע די געזעלשאַפט האָט דורכגע־מאַכט אויף אירע וועגן פון דעם ריין סאָציאַלן צו דעם ריין פאָלי־טישן שטייגער פון לעבן. די ערשטע שטופע : עס איז דאָ אַ באַ־ציאונג פון דעם מענטשן צו דער אויסערלעכער וועלט. די וועלט באַשטייט, למשל, פון חיות, וועלכע ער פאַרפאָלגט, יאָגט און פאַנגט, סטאַדעס פון שאָף און רינדער, פיש, וועלכע ער כאַפּט, די שטיקל

ערד, וועלכע ער באַארבעט, די פלאַנצונגען, וועלכע ער קולטיווירט, און די יאַגעדעס און פרוכט, וועלכע ער קלייבט אין זייער ווילדן צושטאַנד, די פרעמדע שבטים, מיט וועלכע ער לעבט בשלום אָדער פירט מיט זיי מלחמות, נעמט זיי געפאַנגען, אָדער ווערט פון זיי געפאַנגען.

די צווייטע שטופע: די באַציאונג פון מענטשן צו מענטשן, וועלכע אַנטשטייט אין דעם פראַצעס פון רעאַליזאַציע פון זיין באַציאונג צו דער אויסערלעכער וועלט, צו דער נאַטור, צו זיין סביבה.

דאָ געפינען מיר אַ ברייטן פעלד פאַר דער וואַריאירונג פון דער דיפערענצירונג. גלייכע, אינטעגראַלע ארבעט, צעטיילטע דיפערענצירטע אַרבעט. די באַציאונגען פון די דירעקטאָרן צו די מאַסן, צו דעם פאַראיין, צו די מיטגלידער פון דער געמיינשאַפט, צו די דירעקטירטע, באַציאונגען, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון דער רעאַליזאַציע פון באַציאונגען צו דער אויסערלעכער וועלט, וועלכע ווערן רעאַליזירט פון אַ טייל פון דער פאַראייניקונג. די צווייטע שטופע דערמאָנט, אין פיל פּרטים, אָן דער ערשטער. פאַר דעם דירעקטאָר איז דער אַגרעגאַט, דער סך הכל פון די וועלכע ער פירט, אידענטיש מיט דער אויסערלעכער וועלט, נאַטור, זאַך. זיין באַציאונג צו זיי איז ענלעך, אין אירע הויפּט שטריכן, צו זיין באַציאונג אויף דער ערשטער שטופע, צו דער אויסערלעכער וועלט. און דאָ געפינט זיך דער תחום פון מאַכט־אויטאָריטעט. דער פירער קולטיווירט די מענטשן, די מיטגלידער פון זיין סאָציאַלן פאַראיין. ער ראַפינירט זיי, ער מאָדעלירט זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן קענען לייכטער נאָכקומען אַלע זיינע פאָדערונגען. אמת, דאָס אַלץ ווערט געטאָן מיט דער אויסגעשפּראָכענער כוונה צו צופאַסן זיי בעסער צו דער אויסערלעכער אומגעבונג, פון וואָס זיי וועלן זיכער געווינען היפשלעך. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אָט־די קולטיווירונג איז דער דינער זיידענער פאָדעם פון מאַכט, וועלכע ווערט, מיט דער צייט, מיט דעם המשך פון דעם פראָצעס, פאַרוואַנדלט אין די גראָבע וואָגן־שטריק פון פאָליטישן אויטאָריטעט און דעספּאָטיזם.

די דריטע שטופע: די באַציאונג פון די דירעקטאָרן, פון די 'מנהיגים' צו די באַציאונגען, וועלכע עקזיסטירן צווישן די מיטגלידער פון דער געגעבענער געמיינדע, באַציאונגען, וועלכע אַנט־

שטייען אָדער אין דעם פּראָצעס פון דער רעאַליזירונג פון זייערע באַציאונגען צו דער אויסערלעכער וועלט אָדער אין דעם הוילן פּראָצעס פון פאַרקערן איינער מיט דעם אַנדערן, פון קהל'ן זיך, אין דער עצם אקציע פון דורכזעצן זייער סאָציאַלן מגע־ומשא אַלס אַזעלכן.

די צווייטע שטופע איז ענלעך צו דער ערשטער: עס איז בלויז די אויבער־סטרוקטור, די פאַנאַנדערוויקלונג פון דער ערשטער, די פאָרטזעצונג און קריסטאַליזירונג פון איר, איר אַפּליקאַציע פון אינווייניק אויף אַ סאָציאַלן שטייגער אנשטאָט אַ פיזיקאַלישן.

די דריטע שטופע איז אַ הוספה צו דער צווייטער. ניט נאָר דער מענטש און זיינע באַציאונגען צו דער וועלט אַלס אַזעלכע ווערן גענומען און רעדוצירט צו אַ מצב פון אַן אָביעקט, נאָר אפילו זיין סאָציאַלער פאַרקער אַלס אַזעלכער ווערט 'דעגראַדירט', אַזוי צו זאָגן, ווערט אויפגענומען און באַהאַנדלט אַלס אַן אָביעקט. סאָציאַבילי̇טעט אַליין מיט אירע באַגלייטערינס, קאָנפליקטן, צוזאַמענשטויסונגען, אָדער זייערע היפּוכים, פאַרשטענדענישן, פריינטלעכע טראַנסאַקציעס, צווישן זיך געשלאָסענע אָפּמאַכן, קאָנטראַקטן, ווערן פאַררעכנט אַלס אַ זאַך, צו וועלכער דער פירער אָדער די אָנפירנדיקע גרופּע שאַפט זיך איר באַציאונג.

אין פּראָצעס פון קאָמונאַלן לעבן אַנטוויקלען זיך פאַרשיידענע רעלאַציעס, אַנדערע פון זיי פון אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער, ד. ה. זיי העלפן, זיי טראָגן צו צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער מוטואַליטעט, קעגנזייטיקייט פון דער סאָציאַלער פאָרמאַציע, צו דער סאָציאַביליטעט פון אירע מיטגלידער; אַנדערע, ווייטער, זיינען פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער, ד. ה. זיי צערייסן די פאַרקניפּונגען, זיי מינדערן די צוזאַמענהאַלטיקייט פון דעם ציבור, שוואַכן אָפּ די צענטריפּעטאַליטעט פון דער געגעבענער געמיינשאַפט. אַ צאָל פון צוזאַמענשטויסונגען פון אינטערעסן, פאַרלעצונגען פון די רעכט פון אַנדערע מיטגלידער וואַקסן אויס ווי ווילדע גראָזן אין אַ גאָרטן און מ'דאַרף זיי אויסיעטן. מחלוקות'ן, צוויסטיקייטן, מיינונגס פאַרשיידנהייטן און אינטערעסן־נגודים, דיך־תורות און ענלעכע מיספאַרשטענדענישן קומען אויף און מ'דאַרף זיי שליכטן, פאַנאַנדערנעמען, דורכקוקן, אָט די דאָזיקע קאָנפליקטן, קריגערייען, רייסערייען, טומלענישן ווערן באַטראַכט אַלס ריין סאָציאַלע דערשיינונגען. און דער פירער, וועלכער באַהאַנדלט אָט־די אַלע פאַרדרייענישן, טרעט דאָ

אַרויס ניט אין דער בחינה פון איינעם, וועלכער לייטעט און דיק־טירט, אָדער לערנט און אינסטרוקטירט די מיטגלידער פון דער גע־געבענער געמיינדע ווי אַזוי זיי זאָלן פאָרמירן זייערע באַציאונגען צו דער אויסערלעכער וועלט אויף דעם בעסטן, העכסט רעזולטאַט־פולן שטייגער. ניט דאָס. ער לערנט זיי ווי צו שפּינען זייערע סאָ־ציאַלע פאַרהעלטענישן אַזוי, אַז זיי זאָלן ניט שעדיקן דעם אַלגע־מיינעם סאָציאַלן געוועב: אין דעם לעצטן פאַל רעגולירט ער ניט די באַציאונגען פון דעם מענטשן צו דער אויסערלעכער וועלט, נייערט צו דער אינערלעכער, צו זיינע מיט־מענטשן, צו זיין ציבור.

און דאָ ווייזט זיך דער הויפּט אין זיין דרייפאַכער קאַפּאַצי־טעט פון פירער, דירעקטאָר און ריכטער, שופט.

נאָך דער דריטער שטופּע קומט די פּערטע. קלעטערנדיק אַלץ העכער און העכער, און געווינענדיק אין פאַרוויקלטקייט. אַזוי אַרום ווערט מאַכט־אויטאָריטעט אומבאַגייגלעך נויטווענדיק, און מער מקפּיד, מער מחמיר. פון מנהגים, הרגלים און איז, בעיקר, א פאל פון אַרויסגעבן אורטיילן, אַרויסטראָגן ווערדיקטן, פּסקים פון בית-דין.

„די פריסטע השגות, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער קאָנ־צעפּציע... פון געזעץ... זיינען די יעניקע, וועלכע ווערן אויסגע־דריקט מיט די האָמערישע ווערטער 'טהעמיס' און 'טהעמיסטוס'... זיי זיינען סעפּאַראַטע, איזאָלירטע פּסקים... די געזעצן האָבן קוים דערלאַנגט צום דעם יסוד פון מנהג; עס איז גיכער אַ הרגל... די איינ־ציקע אויטאָריטאַטיווע אַנטשיידונג וועגן רעכט און אומרעכט איז די ריכטער־סענטענץ נאָך די פאַקטן, ניט אַ פאַראויסגעפאַסטער גע־זעץ, וועלכער איז פאַרלעצט געוואָרן" (34).

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע דעם אידישן אַלטן געזעץ. זיין אָנהויב געפינט זיך אין די אַנטשיידונגען, אַרויסגעגעבן פון די ריכטער... „און משה האָט זיך געזעצט צו משפּט'ן דאָס פאָלק" (א'). „אַז זיי האָבן עפּעס אַ זאַך קומט עס צו מיר און איך פּסק'ן דעם דין צווישן איינעם און דעם צווייטן און איך לאָז זיי וויסן די געזעצן פון אלהים און זיינע לערן" (ב').

דאָ זעט מען קלאָר, אַז עס איז אַ פאַל פון פּסק'ענען דיך־תורות, און דורך די אַנטשיידונגען צו לאָזן וויסן דאָס געזעץ. דאָס געזעץ קומט נאָך דער אנטשיידונג, ניט פאַר דער אַנטשיידונג.

„און דאָס זיינען די משפּטים, וועלכע דו זאָלסט פאַרברייגגען

פאַר זיי״ (ג׳). ׳משפטים׳ מיינט בוכשטעמלעך אורטיילן אַרויסגעגעבן פון ריכטער, פון שופטים. און דער הויפּט־קאַפּיטל פון דעם אידישן רעכט־קאָדעקס גייט אונטער דעם נאָמען ׳משפטים׳.

„די אַנטשיידונגען, וועלכע איך האָב אַרויסגעזאָגט און די פּסקים, וועלכע איך האָב אַרויסגעגעבן פאַר דעם לאַנד״ (35).

„אין דעם פרימיטיוון לעבן פלעגט מען אַ מנהג, וועלכער ווערט אָפּגעהיט און אַרויפגעצוואונגען פון דער געמיינדע, צונויפמישן מיט געזעץ״ (36).

„פרימיטיווע געזעצן זיינען פאַקטיש אידענטיש מיט די מנהגים, וועלכע גיבן צו דעם געמיינדע־לעבן אַ צוזאַמענגעבונדנקייט און סטאַביליטעט״ (37).

„געזעץ האַלט זיך אויף מנהג. מנהג איז אַ ציבור־הרגל״ (38).

די באַשטראָפונגען און די קנסים אַזוי גוט ווי די באַלוינונגען, פלעגן דורכגעפירט ווערן פון אַ זקן, אַ ידען אין הלכות אַלטערטום, אָדער פון אַ פריווילעגירטער גרופּע.

„מנהגים אָדער אָפּהיטונגען עקזיסטירן איצט אַלס אַ סובסטאַנטיווער אַגרעגאַט און עס איז אַנגענומען, אַז געווי באַקאַנט מיט דעם איז דער אַריסטאָקראַטישער שטאַנד אָדער קאַסטע״ (39).

„די פאַרשלאָסענע אָליגאַרכיע... זי אַליין ווייסט דעם קאָדעקס פון מושטירונג; זי אַליין מוז מען פאָלגן; זי אַליין האָט געמעגט מושטרעווען״ (40).

אָבער מיט דער צייט, אין דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, טיילט זיך גערעכטיקייט אָפּ פון מנהג. זי ווערט אויטאָנאָם און זי אַרבעט זיך אויס אין אַ דיסציפּלין, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דעם, וואָס זי דערלאָזט ניט, אַז קאָנפליקטן זאָלן אויפקומען. זי שליכטעט די צוויסטיקייטן, גלייכט אויס די קורוואָטורן פון אויפפירלמפרע, אויף אַן אַבסטראַקטן שטייגער, ניט וואַרטנדיק אויף דעם, אַז אַן אמת׳ער צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן, אַן אמת׳ע מחלוקת אָדער דין־תורה, און אַן איבערגעקערטע קעגנזייטיקע באַציאונג זאָל פאָרקומען. אַזוי אַרום צווייגט זיך אָפּ גערעכטיקייט און ווערט אַ אַ טייל פון אַ געזעצגעבנדיקער אַקטיוויטעט. אין דעם פעריאָד ווערן ניט נאָר אַנטשיידונגען אַנאָנסירט, וועררדיקטן אַרויסגעגעבן אויף דעם סמך פון מנהג־דאַטן, נאָר נאָרמען ווערן פאָרגעשריבן פאַר דער פּראָצעדורע פון שליכטן דיספּוטן, געריכט־אַדמיניסטרירונג.

נאָך אַ טריט ווערט געמאַכט: נאָך דער באַטראַכטונג פון דין

תורות, וועלכע מ׳ברייננט פאַר די שבט שופטים, פאָלגט אמת׳ע געזעצגעבונג, לעגיסלאַטיווע טעטיקייט, וואָס מיינט די פאַרמי־רונג און פראָמולגירונג פון רעגעלן און רעגולאַציעס, וועלכע דינען דעם צוועק, ניט פון שלום־מאַכן צווישן קאָנפליקטירנדיקע צדדים, נאָר צו פאַרהיטן, אַז אַזעלכע מחלוקות׳ן, אויפרודערונגען, וועלכע קענען צעטרייסלען די יסודות פון דעם קהל, אויפוועקן ליידנשאַפטן אָדער זייען קערנער פון שנאה־קנאה אין דער געזעלשאַפט, זאָלן ניט אויסברעכן. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אין די שליאַדעס פון סאָ־ציאַלער מעדיצין, טעראַפּויטיק, טרעט אַריין סאָציאַלע היגיענע, וועלכע דערשטיקט דעם פייער פון שנאת־חנם נאָך איידער ער נעמט זיך פאַנאַנדערפלאַקערן. און דער אויסברוך פון ערנסטע קריגערייען און געראַנגלס ווערט פאַרמיטן. געזעץ־געבונג מיינט אַרויסגעבן דע־קרעטן ניט נאָר פאַר ריכטער, נאָר פאַר׳ן ברייטן עולם, פאַר די מיטגלידער פון דער געגעבענער געמיינשאַפט, דאָס מיינט שאַפן נאָרמען פון געהעריקן, פאַסיקן, געזעצלעכן אויפפיר פאַר יעדן מענטשן אַלס אַזעלכן.

און ווי די צווייטע אַזוי אויך די דריטע שטופע, אין זייערע ראשית׳דיקע פאַזן, ווערן אויפגעהאַלטן פון די הערשנדיקע אויטאָ־ריטעטן דורך שטאַרקע סוגעסטיעס, דורך אַ דירעקטן פאַראַליז פון דעם ווילן פון די מיטגלידער.

וואָס איז אַזוינס אַ סוגעסטיע?

מיר קענען זאָגן, אַז אַ סוגעסטיע עקזיסטירט אַלעמאָל, ווען אַ געגעבענער סטימול רופט אַרויס אַ רעספּאָנס אויף אַן אומפאַר־מיטלבאַרן ברייטלעך אומבאַוואוסטזיניקן אופן... דאָס איז דער באַ־זיס פון פילע סאָרטן פון אויטאָריטעט" (41).

„...דער באַפעל ווערט געוויינטלעך באַגלייט פון אַ דירעקטי־ווער סוגעסטיע" (42).

„סוגעסטיע ווירקט כמעט אין יעדער ספערע און אַספּעקט פון לעבן. עס איז אַ ׳קפיצת־הדרך׳ מעטאָד ווי צו קאָנטראָלירן פעולה׳דיק אַ קאַנדיציאָנירטן אויפפיר" (43).

„מיט סוגעסטיע מיינען מיר א פראָצעס פון מיטטיילן אַן אי־דייע פון איין אינדיווידו צום צווייטן, ווען די אידייע ווערט אויפ־גענומען מער אָדער ווייניקער אומקריטיש" (44)... „אָבער צוואַנג קען געברויכן פּסיכאָלאָגישע גיכער ווי פיזישע געוואַלדטאַט אַלס אַ מיטל צו אימפּאָזירן זיין ווילן אויף אַנדערע" (45).

...אונטער דעם אַלגעמיינעם קעפּל פון פּסיכאָלאָגישן צוואַנג קומט אַרונטער... צושטייענדיקע סוגעסטיע" (46).

דאָס איז די פּרימיטיוועסטע פאָרם פון נויטונג פון אונטערדריקן די איינצעלנע אינדיווידן, די דאָזיקע וואַריאַיטעט פון כפיה נויטיקט זיך ניט אין אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט בכדי זיך צו פאַרזיכערן געהאָרכזאַמקייט. דער אַקט פון צווינגונג איז אַזוי מעכטיק, אַזוי אימפּרעסיוו, אַז ער זעט אויס צו זיין נאַטירלעך און ער פאָדערט ניט קיינע קינסטלעכע מאסרעגלען. צווינגונג אויף דעם ניוואָ זעט אויס צו זיין זייער 'אומשולדיק', אַלעמאָל גערעכט, דיקטירט פון אַן אינערלעכן הכרח און ווערט אָנגענומען אַלס עפּעס, וואָס איז אַקסיאָמאַטיש, אַנדערש גאָר אוממעגלעך.

אין דעם ווייטן קורס פון אַנטוויקלונג, ווען אויטאָריטעט באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד פון אייניקע כאַראַקטערפולע אינדיווידן, דעמאָלט באַשאַפט זי איר אייגענעם אַפּאַראַט, אַ קאָמפּלעקס פון אינסטרומענטן, מיט דער הילף פון וועלכע זי זעצט דורך אירע צוועקן און פירט דורך אירע כוונות און תכליתים פון דעם ציבור אַלס אַ גאַנצן. פון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון דער אַזוי גערופענער „סאָציאַלע מאַשינעריע פּראָדוקציע".

אויסצואיבן אויטאָריטעט, מיינט צו באַהאַנדלען דעם עולם אַלס אָביעקטן, צו טעכניזירן, מעכאַניזירן און באַאַרבעטן זיי. די באַאַרבעטונג, די מאַנופאַקטירונג פון־וועלכן־עס־איז־מין שיקט פאָראויס אַן אַקט פון גוואַלדטאַט. און ווי נאָר אַ מענטש נעמט באַטראַכטן זיין מיטמענטשן אַלס אַ זאַך, אַזוי נעמען אָן זיינע באַציאונגען מיט אים פריער אָדער שפּעטער, אַן אונס־כאַראַקטער. ריכטיקער, אויטאָריטעט און כפיה זיינען סינאָנימען. די פראַגע איז בלויז וועגן די פאָרמען און מעטאָדן, וועלכע ווערן אָנגעווענדעט אין דעם פּראָצעס פון צוואַנג־האַנדלונג. די ראשית'דיקע דרגות פון 'באַאַרבעטונג' ווייזן אונדז דעם מענטשן ווי ער אַרבעט איבער זיין מיטמענטשן דירעקט, אָן פאַרמיטלונג דורך זיין אייגענעם ביישפּיל, אָן דער אָנווענדונג פון געצייג אָדער אינסטרומענטן. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד איז דער „באַאַרבעטער" קוים געוואָר פון דער דורכגעפירטער אימפּאָזיציע. ער ווייסט ניט און שפּירט ניט, אַז זיין 'פרייער ווילן' איז געליימט, געפּענטעט. ער איז ניט באַוואוסטזיניק פון דעם פאַקט, אַז זיין פרייוויליקייט איז אַ געשעדיקטע, אַ מין 'כופין אותו עד שיאמר רוצה אני'. עס דוכט זיך אים אויס,

אז ער האנדלט לויט זיין אייגענעם פארשטאנד, לויט זיינע אייגענע אימפּולסן, אַז ער פירט דורך זיינע אייגענע מיינונגען, און קלייבט אויס דאָס וואָס אים געפעלט, אויסנוצנדיק זיינע אייגענע פּרעראָגאַטיוון פון פרייער בחירה... דער דירעקטירער און דער דירעקטירטער געפינען זיך אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט איינער מיט דעם אַנדערן. דער דירעקטאָר קולטיווירט, פאבריצירט, ׳דאָס דירעקטירן׳ דירעקט, מיט זיינע הוילע הענט. דאָס זיינען די ערשטע שעמעוודיקע באַוועגונגען פון דעם סאָציאַל־פּראָדוקציע־פּראָצעס. די וויטערדיקע אַנטוויקלונג צווינגט אַרויף דעם הכרח פון דערפינדן געצייג.

די געצייג באַשטייען טיילווייז פון פאָרמולירטע געזעצן, פאַראָרדערונגען, רעגולאַציעס, אַנטיציפּירטע און פּרעדיקטירטע אופנים פון אויפפירן זיך, כּללים פון הנהגה, און טיילווייז פון כמעט דעם זעלביקן מאַטעריאַל איבער וועלכן דער ׳דירעקטאָר׳, דער פירער ׳אַרבעט׳. אַ גרויסער טייל פון די פּראָדוקציע אַגענטן, פון די אינסטרומענטן, וועלכע ווערן אָנגעווענדט אין דער אַזוי אָנגערופענער פון אונדז ׳סאָציאַלער פּראָדוקציע׳ זיינען געמאַכט פון דעם זעלביקן מענטשלעכן מאַטעריאַל, פון וועלכן סיי דער דירעקטירער און סיי די דיקטירער און סיי די דיקטירטע זיינען צוזאַמענגעשטעלט.

דער דירעקטירער־פירער אין זיין קריזאַליס־סטאַדיע, אַרבעט איבער דעם מענטשלעכן מאַטעריאַל, איבער אַ דעפיניטיווע סומע פון מיטגלידער פון דער געגעבענער געמיינדע, שפּעטער צו פּאַסט ער צו אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל אַליין צו דער עובדא פון אַרויסהעלפן אים אין זיינע ׳סאָציאַל־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען׳. אין פּשוט׳ע ווערטער, פון צווישן די דירעקטירטע קלייבט ער זיך אויס העלפער, אַסיסטענטן, סוב־דירעקטאָרן. ער מאַניפּולירט די מאַסן, די מענגעס פון דער באַפעלקערונג, מיט דער הילף פון אַ געוויסער באַגרעניצטער צאָל פון עקזעקוטיוו־מיטגלידער, וועלכע ווערן אויסגעקליבן צווישן די געפירטע. ער שאַפט גראַדאַציעס, איינטיילונגען, קינסטלעכע דיפערענציאַציעס.

„און דו וועסט זען צווישן פאָלק בראַווע מענטשן, אלהים־פאָרכטיקע, אמת מענטשן, געלט פיינטהאָבער און דו וועסט זיי באַשטימען פאַר האַרן פון טויזנטער, האַרן פון הונדערטער, האַרן פון פופציקער און האַרן פון צענדליקער״ (ד).

פּאָליטישע מאַכט־אויטאָריטעט, אין דעם שטרייגגן פּשט פון וואָרט, קומט אויף ערשט דעמאָלט, ווען סאָציאַלע אינסטרומענטן ווערן דערפונדן און געברויכט. אַ יעראַרכיע ווערט עטאַבלירט. אַ ספּעציעלע קאָמפּעטענטע מאַכט אָרגאַניזאַציע ווערט געשאַפן. נייע המצאות ווערן אַנטדעקט. אַ גאַנצע סיסטעם פון סאָציאַלע מאַשי־נעריע ווערט איינגעפירט. דער מאָדערנער שטאַאַט איז אַ סאָציאַלער וואַרשטאַט, וואו מענטשן ווערן באַאַרבעט, פאַבריצירט אַזוי, אַז זיי ווערן לאָיאַלע, געזעצלעך זיך־אויפפירנדיקע בירגער.

בשעת דעם פּעריאָד פון שקלאַפעריי האָבן די צווייטע און דריטע שטופע געוועז צונויפגעשמאָלצן, פאָרמירנדיק איין מאָנאָלי־טישעס סיסטעם. איין דאָמינירנדיקע גרופּע, אַמאָל טאַקע איין פּער־זאָן, אין פאַל ער האָט רעפּרעזענטירט די גאַנצע גרופּע, קאָנטראָ־לירט די באַציאונגען פון מענטשן, פון די שקלאַפן, צו דער אויסער־לעכער וועלט, אַזוי גוט ווי צו זייער סאָציאַלער סביבה. נאָך דעם אָפּשאַף פון שקלאַפעריי קומט פאָר אַ סעפּאַראַציע. די צווייטע שטו־פע טיילט זיך אָפּ פון דער דריטער. די צווייטע שטופע איז רע־פּרעזענטירט דורך אַ סאָציאַלער פאָרמאַציע, וועלכע נאָכדעם ווי זי האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע רייע פון טראַנסמוטאַציעס און דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן און ווייטאָקדיקן קורס פון אַ זיגזאַגיקער עוואָ־לוציע, האָט זי אָנגענומען, צום סוף, די געשטאַלט פון דעם קאַפּי־טאַליסטישן קלאַס. די בורזשואַזיע איז דער סאָציאַלער אַגרעגאַט, וועלכער פאַרקערפּערט די צווייטע שטופע. זי פאַרוואַלט, לייט, די־רעקטירט און פורעמט די באַציאונגען פון די מענטשן, די פּראָלע־טאַריער, צו דער נאַטור, צו געוויסע מאַטעריעלע קעגנשטאַנדן און כחות, פאַרהעלטעגישן, וועלכע זייגען אויפגעקומען אין דעם תחום פון עקאָנאָמישער אַקטיוויטעט. די בורזשואַזיע 'אָרגאַניזירט' די יעניקע רעלאַציעס, זי 'סאָציאַליזירט', צו אַ געוויסער מאָס, בזה־האופן טרענירט זי די אַרבעטער, מאָדעלירט זיי נאָך אַ געוויסן מוסטער.

די דריטע שטופע קריסטאַליזירט זיך אין ריינער מאַכט, ווערט פירערשאַפט, מלוכה'שע אַקטיוויטעטן.

די עקאָנאָמישע וויסנשאַפט איז פאַרנומען בעיקר מיט דער אונטערזוכונג פון דער צווייטער שטופע, בשעת מיט דער אויס־פאָרשונג פון דער דריטער שטופע פאַרנעמט זיך די פּאָליטישע וויסנשאַפט.

פּאָליטישע מאַכט וואַקסט אויס, לויט אונדזער פאַרשטייען נאָך, אויף דעם באָדן פון פירערשאַפט. זי איז אַנטשטאַנען אויף דעם קרקע פון „סאָציאַלער אינדוסטריע".

מיר וועלן געברויכן נאָך אַן אילוסטראַציע.

די יאַגד גייט אָן. דער אָנפירער פון די יעגער קריגט זיין חלק אין דעם רויב אַלס אַ באַלוינונג פאַר זיין דירעקטער באַטייליקונג אין דעם יאָגן־זיך נאָך די חיות. שפּעטער־צו, קריגט ער די אייגענע רעזולטאַטן, נייַן, פיל בעסערע, דורך דער פאַרמיטלונג פון די אָנגעפירטע; בשעת ער אַליין קומט ניט אין מגע ומשא מיט די פאַרפאָלגטע חיות. איצט אַרבעט ער מיט דער הילף פון געצייג. די אָנגעפירטע זיינען אין דעם פאַל אינסטרומענטן, כלים פון יאַגד. אָבער די דירעקטירנדע פונקציע דערפילט ער אַליין פּערזענלעך. פיזיש אַרבעט ער מיט כלים. סאָציאַל — אַרבעט ער מיט הוילע הענט. אָבער אַזוי גיך ווי ער בויט אויף אַן אַפּאַראַט פאַר דעם צוועק פון אָנפירערשאַפט, אַזוי גיך ווי ער ריכט אויף אַ פּיראַמיד, עטאַבלירט אַ יעראַרכיע, אַזוי גיך נעמט ער געברויכן ניט נאָר מענטשלעך־פיזישע וועדקצייג, נאָר אויך סאָציאַלע אינסטרומענטן. דעמאָלט דערפילט ער זיין פונקציע, די סאַמע אַקציע פון דירעקטירונג אויף אַן אָרגאַניזירטן שטייגער, דורך פאַרמיטלער, מיט דער הילף פון סאָציאַלע מכשירים.

„אויסקלייבן די בעסטע מענטשן פאַר זיינע צוועקן איז די ערשטע קוואַליפיקאַציע פון אַן אַדמיניסטראַטאָר; און די צווייטע איז דאָס אויסנוצן זיי צו דער העכסטער מאָס פון זייער קאַפּאַציטעט" (47).

אַט אַזוי האָבן מיר געמאַכט אַ ספּעקולאַטיוון, ניט באַשטעטיקט מיט היסטאָרישע דאַטן, אַנטוואורף פון דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן פּאָליטישע מאַכט איז אויפגעעריכט געוואָרן.

מיר וועלן נאָך צוגעבן דעם מאָמענט פון איינגעמונג, פון באַוואָפנטער קראַפט און מלחמה־געוואַלדטאַט, וועלכע ווערן געברויכט אין אונטערנעמונגען פון דעראָבערונגען און נצחונות אָפּגעהאַלטן איבער שכני׳ישע שבטים.

„איינגעמונג האָט פיגורירט אין דער סאָציאַלער טעאָריע הויפּטזעכלעך אין דער טעאָריע פון סאָציאַלע אורשפּרונגען" (48). „דער שטאַאַט, אינגאַנצן אין זיין גענעזיס, וועזנטלעך און כמעט אינגאַנצן אין משך פון די ערשטע סטאַדיעס פון זיין עקזיסטענץ,

איז אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע, וועלכע ווערט אַרויפגעצוואונגען פון אַ זיגנדיקער גרופּע פון מענטשן אויף אַ באַזיגטער גרופּע, מיט דעם איינציקן צוועק צו רעגולירן די הערשונג פון די זיגער איבער די באַזיגטע" (49).

מיר דאַרפן אָבער האַלטן אין זינען, אַז דעראָבערונג אַליין, אָן דעם וואָרצלען־שלאָגן אין דעם סאָציאָלאָגישן באָדן, וואָלט בשום אופן ניט געווען אַדעקוואַט צו גענערירן אַ קלאַסן־צעטיילונג, וועלכע האָט אָנגענומען די פּראָפּאָרציעס פון אַ כמעט אוניווערסאַלער און אַלאַרטיקער סאָציאַלער דערשיינונג.

„אין פילע פאַלן וואַקסט ער (דער שטאַאַט) אַרויס פון דעראָבערונג... אָבער דאָס איז בשום אופן ניט דער איינציקער כח, וואָס שאַפט אים" (50).

„...פון די גרופן זיגן די יעניקע, וועלכע פאַרמאָגן די העכסט בינדנדיקע און העכסט שטאַרקנדיקע מנהגים" (51).

מיט אַנדערע ווערטער, די גרופן זיגן, וועלכע פאַרמאָגן די שטייפסטע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע.

מיליטערישע אונטעראָכונג אַליין ליפערט ניט גענוג גרונט פאַר דער קלאַסן־פאָרמאַציע. די פּאָזיציע פון דעם זיגער, גענומען פאַר זיך אָן דעם עלעמענט פון אָרגאַניזאַטאָרישע פונקציעס, וועלכע ער פירט אויס, איז אומפאַרמיידלעך אָנגעלאָדן מיט געפערלעכע מעגלעכקייטן אין דער פאָרם פון אויפשטאַנדן, מרידות, וועלכע וואָלטן פאַראורזאַכן די אָפטע אָראָפּשליידערונגען פון הערשער־קלאַס. און באמת די געשיכטע ווייס און דערציילט אונדז פון פילע פאַלן, ווען די זיגער־שבטים האָבן געכאַפּט אין זייער צייט אַ מיאוס'ן פּסק פון די פאַרדעם־באַזיגטע. אָבער דער פעלזנשטיין פון קלאַסן־דאָמינאַציע האָט אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון אַלע ענדערונגען פון מיליטערישן מזל. דאָס ווייזט, אַז אין קלאַסן־דאָמינירונג שפּילט ניט דער צופאַל קיין וויכטיקע ראָלע, אַז קלאַסן־הערשאַפט איז האַפטיקער און דויערהאַפטער ווי דער דריי און קירעווע פון מערכה־ראָד. מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז אפילו אָן דעם הוספה'דיקן עלעמענט פון מלחמה, פון מפּלות און ניצחונות, וואָלטן מיר סיי־ווי־סיי געהאַט אַ קלאַסן־דיסטינקציע, הגם דער פּראָצעס פון געזעלשאַפט־סטראַטיפיקאַציע, די צעשפּאַלטונג אויף העכערע און נידעריקערע פלאַסטן — ווען מ'וואָלט אים לאָזן צו רו אין רשות פון זיין אייגענעם נאַטור־קורס פון אַנטוויקלונג, —

וואַלט, אָן ספק, פאַרגעקומען אַ סך פאַמעלעכער און פיל גראַדועדער. אָבער אַנטשטיין וואַלט ער סיי־ווי־סיי. ער וואַלט ציען זיין הויפט יניקה פון דעם אָרגאַניזאַטאָרישן קוואַל.

ג

## דער פּאַטריאַרכאַט און פּאַסטוכערייִ

דאָס איז געווען פאַר אונדז זייער וויכטיק קלאָר צו מאַכן דערפאַר, וואָס מיר האָבן דאָך צו טאָן מיט די פאַרצייטיקע אידן, וועלכע, נאָך דעם ווי זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ רייע גלגולים, זיינען געוואָרן פּאַסטאָראַלע שבטים. און פּאַסטוכערייִ, פּיצוכט בכלל, איז אַ באַשעפטיקונג, וועלכע פאָדערט אַ הויכן קאָעפיציענט פון אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט. פּיצוכט, אייגנטלעך, איז די פּרימיטיווע שול, וואו אָרגאַניזאַציע־קענטענישן זיינען דערוואָרבן געוואָרן אין די גאָר גרוי־פאַרצייטיקע פּעריאָדן.

אָט־דעם אָרגאַניזאַטאָרישן עלעמענט, וועלכער איז דעם סם־חיים פון דעם גרופּע־לעבן, האָבן זיי באַצייכנט מיט׳ן טערמין ׳אלהים׳, וועלכער איז ניט אַלעמאָל אַ שם, אַלס מאָדוס און רעגוּלאַטאָר פון פאַרהעלטענישן, „עד אלהים יבוא דבר שניהם״ (ה); „אלהים לא תקלל (ו׳); „והגישו אדוניו אל האלהים״ (ז׳). און אָט די באַהערשונג פון דער קונסט און טעכניק פון אָרגאַניזאַציע, זייער פאַרשטיין, אָפּשאַץ און פייאיקייט צו מאַניפּולירן די אָרגאַניזאַטאָרישע ענערגיע, איז די אידן בייגעשטאַנען דורך זייערע לאַנגע גלות־וואַנדערונגען און ביטער גלות־לעבן. וואו זיי זיינען ניט אָנגעקומען, האָבן זיי אין איילעניש, אונטער די שווערסטע אומשטענדן, אויסגעאַרבעט זייערע אייגנאַרטיקע לעבנס־פאָרמען און גלייך אויסגעבויט אייגענע אַנשטאַלטן פון צדקה און קהלה־לעבן. פאַר וואָס די אידן האָבן זיך ניט גענומען, האָבן זיי באַוויזן זייער הויך־קוואַליפיצירטן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט. זיי האָבן זיך ניט פאַרלוירן ווען זיי זיינען געבליבן אָן אַ לאַנד און אָן אַ שטאַאַט, כל־זמן זייער ׳אלהים׳, זייער פייאיקייט צו זעלבסט־אָרגאַניזאַציע איז ניט געשעדיקט געוואָרן, און זיי האָבן פאַרמירט דעם אידישן אַגרעגאַט, וועלכן זיי האָבן גערופן ׳כנסת־ישראל׳.

דער אידישער גלות־קיום איז איינער פון די גרעסטע וואונדער, וואָס דער אידישער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט האָט באַוויזן. און דער תלמוד, דער אידעאָלאָג, אויפבויער און אויפהאַלטער פון דער אידישער שטאַאַטלאָזער, און דערפאַר, אומפאַרניכטבאַרער, אומ־זיגבאַרער, 'אימפעריע', איז דער גראַנדיעזסטער מאָנומענט פון מענטשלעכער גאונות, איז די דערהויבענסטע מאַניפעסטאַציע פון אי־דישן זשעני.

די אידישע אָרגאַניזאַציע אין די גלות־לענדער איז גאַנץ אָפט צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו דער גבול־ליניע פון אויטאָ־אָרגאַניזאַציע צו דעם אידעאַלן צושטאַנד, וואו דער אָרגאַניזירער, דיקטירער און די אָרגאַניזירטע און דירעקטירטע פאַלן צוזאַמען אין איין פערזאָן און די אַבסטראַקציע, דער אלהים, דער יהוה פון דער גרופּע אַלס אַזעלכער, דערפילט די אָרגאַניזאַטאָרישע פונקציע אָן אַ טיף־גיי־ענדיקער צעשפּאַלטונג. דאָס און נאָך עפּעס. די אידן זיינען פאַר־צייטנס געווען פּאַסטוכער, אָבער ניט קיין י ע ג ע ר. יאַגד האָלט זיך אויף מאָרד פון דער חיה, וועלכע ווערט פאַרפאָלגט. הגם די יאַגד־עקספּעדיציע אַליין פאַרלאַנגט אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. פּיצוכט פאָדערט אַ ד אָ פּ ל ט ע אָרגאַניזאַטאָרישקייט. ניט נאָר פון די פּי־האָדעווער, נאָר פון די געהאָדעוועטע אַלס אַזעלכע. ויהי עשו איש יודע ציד. יעקב איז אַ תם יושב־אלהים, ד. ה. אַן אויסגעצייכנטער פּאַסטוך (ח').

נאָר לאָמיר אַנטוויקלען די טעמע אַביסל ברייטער.

פּאַסטוכעריי איז געשטאַנען אין 'אָרגאַניזאַטאָרישקייט' פיל העכער פון ערד־אַרבעט און דער 'אלהים' האָט ניט באַוויליקט דעם קרבן פון דעם 'ערד־אַרבעטער' קין, האָט אָבער אויפגענומען מיט פאַרגעניגן דעם אָפּער, וועלכן הבל האָט אים געבראַכט.

'ערד־אַרבעט' איז געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דעם ווייַ־בערטום.

און דער שטריך איז געווען געוונג, אַז די דאָזיקע באַשעפּ־טיקונג זאָל ניט נושא־חן זיין אין די אויגן פון 'אלהים', וועלכער איז שטאַרק זכר'יש געניגט. פּאַסטוכעריי האָט זיך באַפרייט פון מאַטריאַרכאַט און האָט עמאַנציפּירט די פּאַסטוכער.

די פּאַטריאַרכן פון דער ביבל זיינען געווען צום אַלעם־ערשטן בהמה־האָדעווער. דעם פּאַטריאַרכאַט האָבן געשאַפן די פּאַסטאָראַ־לע שטאַמען.

אַט וואָס ראַצעל און אַנדערע פאָרשער האָבן צו זאָגן וועגן דעם וויכטיקן ענין.

„דאָס פּאַטריאַרכאַלע סיסטעם האָט דערגרייכט זיין העכסטע אַנטוויקלונג צווישן די פּאַסטאָראַלע ראַסן; אַזוי אַז די איינפירונג פון פיצוכט אין דעם אינדוסטריעלן לעבן פון דער מענטשהייט האָט זיכער געשפּילט אַ פּראָמינענטע ראָלע אין דעם אויסברייטער פון אַט דעם סיסטעם" (52).

„פי־צוכט איז וואַרשיינלעך געווען דער פאַקטאָר, וועלכער צוליב דעם, וואָס ער האָט געענדערט דעם עקאָנאָמישן סטאַטוס פון די געשלעכטער, האָט אַריינגעבראַכט דעם פּאַטריאַרכאַלן רע־זשים" (53).

מיט פּאַסטוכעריי און נאָמאַדיזם נעמט דער מאַן ווערן וויכ־טיקער אויף דער וואָגשאָל, און די פרוי לייכטער, זי פאַרלירט וואָג און באַדייט.

די דאָמעסטיקאַציע פון די טשערעדעס האָט מיט זיך מיטגע־בראַכט דאָס, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס די טיפסטע איינ־אָרדענונג, וועלכע האָט זיך באַוויזן אין דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער פאַמיליע־אָרגאַניזאַציע... דער פּאַטריאַרכאַלער רעזשים איז גע־ווען פון דער טיפסטער חשיבות אַלס אַן איבערגאַנג צו דער שפּע־טערער און היסטאָרישער שבט און מלוכה אָרגאַניזאַציע" (54).

ביידע (אַדלטום און שקלאַפעריי) זיינען אַרויסגעקומען פון דער אַנטוויקלונג פון דעם פּאַטריאַרכאַט ביי דעם פי־האָדעווענדיקן פאָלק" (55).

דריי גרויסע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס זיינען פאַרבונדן אין זייער אַנטוויקלונג מיט דעם מדבר פון אַזיע און סיריע" (56) און פאַרקניפּט מיט פיצוכט און דער אינסטיטוציע פון דעם פּאַסטוך אַלס דעם איינציקן פירער פון דער טשערעדע, אַלס דעם עמברי־אָנעלן אָרגאַניזירער פון דער געמיינדע, וועלכע איז פון־אָנפאַנג אַנימאַליש און דערנאָך מענטשלעך, — מיט איין וואָרט, מיט'ן פּאַטריאַרכאַט, מיט'ן פּאָטער־רעזשים.

„אַזוי אַרום ווערט דער פּאָטער, דורך אַ נאַטירלעך רעכט אַזוי גוט ווי דורך אויטאָריטעט, דער הערשער אין זיין מיניאַטור־מלוכה'לע און אויב ער לעבט לאַנג און זיינע דורות זיינען עט־לעכע... ווערט ער אויך דער הערשער אָדער קעניג פון אַ נאַציאָן" (57).

אַ ראיה לדבר איז „די מאָדנע אָנרופעניש פון קעניג אין פראַנקרייך. זיין נאָמען איז *Sire* (סייר), וואָס באַדייט אין אַלט־פראַנקיש 'פאָטער' (58).

און דער רוסישער צאַר האָט דאָך אויך געהייסן „באַטיושקע״.

„דער אָנהויב פון הערשאַפט צווישן מענטשן נעמט זיך אין דער פאַמיליע... דער פאָטער פון דער פאַמיליע... איז געווען דער אַבסאָלוטער האַר״ (59).

„עס איז ריכטיק, אַז יעדע פּערזאָן מוז, פאַר וועלכע עס איז צייט, לכל־הפחות גלייך נאָך דער געבורט אומבאַדינגט זיך געפי־נען אין אַ צושטאַנד פון אונטערטעניקייט צו זיינע עלטערן אָדער צו יענע, וועלכע פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון זיינע עלטערן פאַר אים״ (60).

טעמפּל רעדט וועגן דעם נאַטירלעכן רעכט פון פאָטער־הער־שאַפט. נאַטירלעך איז בלויז דאָס מוטער־רעכט. פאָטער־רעכט איז שוין אַן 'אינוועטיווע' פאָרם. און די אידישע שבטים, וועלכע האָבן באַשאַפן דעם פאָטער־רעכט־רעזשים, האָבן טאָקע פיל שפּעטער אויסגעקריסטאַליזירט אַן אינוועטיווע פאָרמאַציע. (זע אידיש־קייט, ז. 181).

דער פּאַטריאַרכאַט, וועלכן דער חומש עטאַבלירט מיט'ן צוזאָג אברהם'ען 'והיית אב המון גויים', און דו וועסט זיין דער פאָטער פון אַ „פעלקער־מענגע״, פאַרמאָגט פאַרוויכנדיקע רעזערוואַציעס. און דער אומשטאַנד פון אָפּשוואַכן די ריגאָריטעטן פון מאַנצביל־הערשאַפט ווערט אָנגעדייט דורך דאָס סימבאָליש אַריינשטעלן אַ ה', אַ סימן נקבה אין אברהם'ס נאָמען. דאָס מיינט צו זאָגן אַז אַ קאָמפּראָמיסלעכע ליניע, אַ סינטעטישע, פיל־וויניק, פאָרם פון פאָטער־מוטער הערשאַפט, אָדער ריכטיקער פון אַ פאָטער־הער־שאַפט מיט גאַראַנטיעס, מיט אַ מוטער־עלעמענט אין סאַמע פאָ־טער־רעכט אַליין.

אונטער'ן מאַטריאַרכאַט פאַלט צוזאַמען די עדוקאַטיווע טע־טיקייט, 'די עלאַבאָראַציע' פון דעם אויפקומענדיקן דור מיט זיין איינפאַכער רעפּראָדוקציע. אַלע די, וועלכע זיינען ווייניקער דער־פאַרן אין הלכות הנהלה פון ביאָלאָגישן און פּאָליטישן קערפּער, האָבן געדאַרפט אָנבויגן זייערע קעפּ און צובויגן זייערע ווילנס צו דער פיזיאָלאָגישער און פסיכאָלאָגישער אויבערהערשאַפט, דער אומ־צווייפלהאַפטער נאַטירלעכער אויטאָריטעט, צו דער מאַטריאַרכיע,

און שפעטער־צו, דורכגייענדיק אַ סעריע טראַנספאָרמאַציעס און דעריוואַציעס, צו דער פּאַטריאַרכיע.

דער פּאַטריאַרכאַט איז, ווי געזאָגט אַן אינסטיטוציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פון פּאַסטאָראַלע שבטים. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס די פּאַרצייטיקע אידישע אידעאָלאָגן האָבן באַצייכנט דעם יהוה און אלהים גאַנץ אָפט מיט פּאַסטוך־עפּיטעטן.

„יהוה איז מיין פּאַסטוך און עס וועט מיר גאָרניט פעלן" (ט').

„פּאַסטוך פון ישראל, הער זיך צו, דער וואָס פירט יוסף'ן ווי שאָף... דערשיין" (י').

„ווי אַ פּאַסטוך זיין שאָף וועט ער פּאַשען, מיט זיין אָרם וועט ער אויפנעמען די שעפּסעלעך, אין זיין שויס וועט ער זיי טראָגן, די שוואַנגעריקע וועט ער פירן" (י"א).

„איך וועל זיי פּיטערן אויף די בערג פון ישראל" (י"ב).

אפילו דער יעוואַנגעליום האָט געברויכט די זעלביקע בילדער, נאָכמאַכנדיק דעם אַלטן נוסח, אוטיליזירנדיק די אַלטע אַסאָציאַציעס פון געדאַנק.

„איך בין דער גוטער פּאַסטוך" (61). „דער האַר ישו איז דער גרויסער פּאַסטוך" (62). „ווען דער הויפּט־פּאַסטוך וועט זיך ווייזן" (63).

אין דעם אַלטן טעסטאַמענט איז דאָס ניט בלויז פּוסטער אַי־מאַזשיניזם. די פּאַרגלייכענישן דאַרפן גענומען ווערן בוכשטעבלעך. די אידייע פון אינערלעכן און אויסערלעכן מאָנאָעגאָאיזם קריגט איר אורשפּרונג אין פּאַסטוכעריי, אין דער פירערשאַפט און אָרגאַניזאַציע, אין דער צוזאַמענהאַלטונג פון דער טשערעדע, אין דאָס פּאַר־מירן פון די פילע איין גאַנצן קערפּער, איין אייַנס, איין איכהייט. דער פּאַטריאַרכאַט איז די קאָנקרעטע פּאַרקערפּערונג פון דער דאָ־זיקער אידייע. און סיי דער קרעדיט און סיי דער דיסקרעדיט פּאַר דידאָזיקע קאָנצעפּטן און אינסטיטוציעס קומט די פּאַסטאָראַלע שבטים, וועלכע זיינען געווען די ערשטע צו שאַפן און אַנטוויקלען די דאָזיקע השגות און זייערע אינסטרומענטאַליטעטן.

אין פּאַסטוכעריי ליגט דער זוימען פון אָרגאַניזאַציע און גע־זעלשאַפט־אויפבוי. און פּאַסטוכעריי איז געווען באמת די צוגרייי־טונג־שולע פּאַר די פּראָספּעקטיווע 'פירער' פון די פעלקער.

'און משה האָט געפּאַשעט דאָס שאָף פון יתרו זיין שווער' (שמות ג', א'). ...וועמען פּרובירט ער אויס ? דעם צדיק, ווי עס איז

געזאָגט געוואָרן 'יהוה פּרובירט אויס דעם צדיק' (תהלים י"א - ה') און ווי פּרובירט ער אויס? אין פּאַשען שאָף. ער האָט אונטער־זוכט דוד'ן אין שאָף און האָט אויסגעפונען אים פאַר אַ גוטן פּאַס־טוך, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, 'און ער האָט אים אַרויסגענו־מען פון די שאָף־שטאַלן' (תהלים ע"ח, ס"ט)... דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט געזאָגט: דער וואָס ווייס ווי צו פיטערן שאָף יעדן לויט זיין כח נאָך, זאָל קומען און פּאַשען מיין פאָלק. דעריבער שטייט געשריבן, 'פון הינטער די זויגנדיקע האָט ער אים געבראַכט צו פּאַשען זיין פאָלק, יעקב. אויך משה'ן האָט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער ניט אויסגעפּרובירט ערגעץ־אַנדערש־וואו, ווי בלויז אין שאָף.

ווען משה האָט געפּאַשעט דאָס שאָף פון יתרו אין מדבר, איז אַנטלאָפן אַ ציגעלע. משה האָט זיך נאָכגעיאָגט... ביז עס איז דער־גאנגען צו א סאזלקע און דאָס ציגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט טרינ־קען. אַז משה איז צוגעקומען אַהין, האָט ער געזאָגט: איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַנטלאָפן, ווייל דו ביסט דורשטיק. ביסטו מיד? משה האָט גענומען דאָס ציגעלע אויף די אַקסלען און ער האָט עס אַוועקגעטראָגן. האָט געזאָגט דער הייליקער־גע־בענטשט־איז־ער: דו פאַרמאָגסט גענוג באַרימהאַרציקייט צו פירן דאָס שאָף פון אַ בשר־ודם, ביי דיין לעבן, דו וועסט פיטערן מיין שאָף ישראל, דאָס מיינט 'און משה האָט געפּאַשעט'... (י"ג).

„און דוד האָט געזאָגט צו שאול'ן: דיין קנעכט איז געווען אַ שאָף־פּאַסטוך" (י"ד)

„און איך וועל זיי באַשטימען איין פּאַסטוך און ער וועט זיי פּאַשען, מיין קנעכט דוד, ער וועט זיי פיטערן און ער וועט זיין זייער פּאַסטוך" (י"ט).

א פּאַסטוכישע דערציאונג האָבן געקראָגן פילע פירער און מלכים פון אַלטערטום. די לעבן־געשיכטע פון כרש'ן דעם גרויסן איז איבערגעפלאָכטן מיט לעגענדעס. העראָדאָטוס דערציילט, אַז כרש איז דערצויגן געוואָרן פון אַ פּאַסטוך... אים האָט אויפגעהאָ־דעוועט די ווייב פון דעם פיציכטער, מיטרידאָטעס (64). לויט אַן אַנדער ווערסיע איז ער געווען אַ זון פון אַ פּאַסטוך.

ראָמולוס און רעמוס זיינען דערצויגן געוואָרן פון אַקקאָלאַ־רענטיאַ, די ווייב פון פּאַסטוך פוסטולוס. זיי זיינען געוואָרן פירער פון אַ קריגערישער באַנדע פון פּאַסטוכער.

אַזוי אייגנטלעך ווערט אויך דוד געשילדערט. ער האָט אָרגאַ־ניזירט אַ גאַנצע קריגערישע באַנדע פון פּאַסטוכער.

„די ערשטע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש איז ניט אַן אָרגאַניזאַציע... די ערשטע מלכים זיינען געווען פּאַסטוכער" (65).

„און מושע דער קעניג פון מואב איז געווען אַ פי־ציכ־טער" (ט"ז).

„דער פּאַסטוך פון די גרויסע פעלקער" דאָס איז געווען דער טיטל פון די באַבילאָנישע הערשער. דער צעפּטער איז אַ זכר אָדער א גלגול פון דעם פּאַסטוכ'ס שטעקן. „דער מנהג איז צו באַ־גריסן אַ פירער אַלס דעם 'האַר פון דער טשערעדע', אָדער אַלס איינער, וואָס קומט פון די בהמות" (66). „'פּאַסטוך פון דעם פאָלק' איז אַ טיטול, וועלכער ווערט אָנגעווענדט צו קיסרים און פי־רער" (76).

פּיצוכט האָט אָוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר דער קינסטלעך געשאַפענער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך באַפרייט פון די נאַ־טירלעכע פאַרקניפּונגען און האָט זיך גענומען האַלטן אויף יסודות נאָענטע צו ריינער אָרגאַניזאַטאָרישקייט. די צוגעבונדנקייט צום ביאָלאָגישן אָפּשטאַם און אונטערגעוואָרפנקייט אונטער דער נאַ־טירלעכער מוטער־רעכט יוריסדיקציע האָט נאָכגעגעבן, אָפּגעטראָטן דעם וועג דעם 'אינווענטיוון' פאָטער־רעכט.

און עס איז באמת גאָר אַ קליינער חידוש, וואָס די פאַרציי־טיקע אידישע אידעאָלאָגן־מיטאָלאָגן האָבן גענומען אַ גאָר גרוי־סן מיטאָס מכח דער אַנטשטייאונג פון אַ שולד־געפיל, פון דער צעשפּאַלטונג פון דער מענטשלעכער נשמה און אויף אים אַרויפגע־טאָן אַ פּאָר נייע פלאָסטן, בכדי אים צו צופּאַסן צו דער ראָלע פון אַ פאַרענטפערער פאַר דעם 'זינדיקן', 'אומנאַטירלעכן' איבערגאַנג פון מאַטריאַרכאַט צום פּאַטריאַרכאַט.

ווייטער, אין זיין צווייטן טייל, וועלכער איז זיכער נאָך שפּע־טער צוגעבויט געוואָרן צום אַלטן בנין, ווייזט דער מיטאָס אַרויס ספּעציעלע כוונות. דער ערד־אַרבעטער דער'הרג'עט דעם פי־האָדע־ווער, דעם פּאַסטוך. דאָס איז אַ צוגעגרייטער תירוץ פאַר די רדיפות און נגישות, וואָס די אַגריקולטוריסטן האָבן אויסצושטיין פון די פי־ציכטער. אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אין דערווירקלעכער, ניט אויסגעטראַכטער, זעט מען פּונקט דאָס פאַר־קערטע. עס איז דער נאָמאַד, דער וואַנדערער, דער פּאַסטוכער־שבט,

וועלכער פאַראַכט און רודפ׳ט, ראַבירט און גזל׳ט דאָס האָב און גוטס פון דעם ערד־אַרבעטער, וועלכער זיצט אויף איין אָרט און איז צוגעשמידט צו זיין שטיקל לאַנד, ברעקל באָדן און קען זיך ניט רירן פון איינגעזעסענעם פלאַץ.

„אין מערב סודאַן איז פאַראַן אַ קוריעז־סטראַטיפיצירטע סע־ריע פון געזעלשאַפטן... די אַריסטאָקראַטן שטאַמען אָפּ פון אַ קריי־געריש שבט פון פּי־האָדוועער, וועלכע האָבן באַפאַלן און באַזיגט דאָס אַגריקולטורעלע פאָלק״ (68).

„אפשר איז מער אינסטרוקטיוו די געשיכטע פון דער ׳איב־טערלאַקוסטרעניש׳ געגנט פון מזרח־אַפריקע... דאָ, ווי געוויינט־לעך, האָבן בהמות־האָדוועער די אויבערהאַנט״ (69).

„אַלס אַ טיפּישן ביישפּיל פון די באַדינגונגען אין דעם תחום קענען מיר נעמען דעם פאַרצייטיקן קעניגרייך פון יוניאָרא, צפון־מערב פון דער אָזערע וויקטאָריאַ, ניאַנזאַ. די הארטיקולטוריסטן ליגן דאָ דעפיניטיוו אונטער׳ן אָפּסאַץ פון די פּי־ציכטער״ (70).

„אין אַנגאָלע, מזרח פון אַלבערט אָזערע... זיינען די פּויערים די אַרבעטער, וועלכע טוען כל־ערליי הענט־אַרבעט פאַר די פּאַס־טאָראַלע שבטים, די שווערסטע עבודת־פּרך סיי פון טראַנספּאָרט אָדער שטוב אָדער פּי־קראַל־קאָנסטרוקציע, אין צוגאָב צום צושטעלן זיי ביר און קרייטעכצער־שפּייז, וועלכע עס ווערט פון זיי גע־פאָדערט״ (71).

„דער נאָמאַד האָט געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דעם לעבן פון זיין אַגריקולטורעלן שכן, א לעבן, וואָס איז פול מיט דאגות און קליינלעכקייטן״ (72).

„די פּאַסטוכער באַפאַלן די פּויערים־געמיינדעס... פון דעם נעמט זיך דער פאַרצייטיקער מנהג פון צאָלן צינזן צו די רויבערי־שע פּאַסטאָראַלע געמיינדעס״ (73).

„די בהמות־האָדעווענדיקע אַריסטאָקראַטיע פון רואַנדאָ... קוקט מיט פאַראַכט אויף דער עלטערער ערד־באַאַרבעטנדיקער באַפעלקע־רונג״ (74).

אין ביבל־מיטאָס איז פונקט פאַרקערט: דער ערד־אַרבעטער, ער איז דווקא דער גזלן, דער רוצח־נפש, און דער פּאַסטוך הבל איז דער ׳קאָזאַק הנגזל׳, דער דערמאָרדעטער. ווער טראַכט אויס, דער־פינט כלי־זין, געצייג פאַר דעראָבערונג און פאַרדאַרבונג? אַלץ דער אַגריקולטוריסט, דער ׳אומגליקלעכער פּויער׳, קין און זיין אָפּ־

שטאַם, אויב ניט קין אַליין, ער האָט נאָך אויף דעם קיין שכל ניט געהאַט, איז דער, וואָס קומט אַרויס פון אים און טראָגט אויף זיך זיין נאָמען אַלס אַ צושטעל, תובל ־ ק י ן. דער ערד־אַרבעטער קין איז כסדר שולדיק, ער איז דער ערשטער ׳אַמוניציע־פאַב־ריקאַנט׳...

,,׳און צלה, אויך זי האָט געבוירן תובל־קין, דעם שלייפער און אַלץ־שמידער פון קופּער און אייזן׳ (בראשית ד׳, כ״ב). נאָך דעם ווי דער שלאַנג האָט פאַרקערט מיט חוה׳ן און האָט אין איר אַריינגעוואָרפן דעם שמוץ, האָט זי געהאַט קין׳ען. פון אים נעמען זיך אַלע דורות רשעים אויף דער וועלט... און איין מאַנצביל האָט זיך באַוויזן, וועלכער קומט אויף דער וועלט פון קין׳ס גייסט־צד און מ׳האָט אים גערופן תובל־קין... און עס איז תובל־קין, וועלכער האָט געבראַכט מאָרד־געצייג אין דער וועלט״ (י״ז).

,,׳תובל־קין, רבי יהושע... האָט געזאָגט: דער האָט פאַרווירצט (תבל) דאָס פאַרברעכן פון קין׳ען. קין האָט דער׳הרג׳עט און ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו באַגיין דעם מאָרד, אָבער דער האָט שוין געשליפן און געשמידט קופּער און אייזן״ (י״ח).

דאָס איז טענדענציעז. עס איז פּאַסטאָראַלע געשיכטע־טייטשונג מיט דער אויסגעשפּאָרכענער פּניה צו פאַרשוואַרצן די רע־פּוטאַציע פון דעם ערד־האָרעפּאַשניק.

און וואָס איז קין׳ס שטראָף? ער מוז נעבעך ווערן אַ וואַנדע־רער. ד. ה. ער מוז אָננעמען איבערגוואַלט די פאָרם פון לעבן, וועל־כע די נאָמאַדן פירן, זיין נאָמאַדן לעבנס־שטייגער קויפט אויס זיין זינד פון באַזעסנקייט.

דער קין און הבל מיטאָס אויסער זיין סעקסאָלאָגישן יסוד פאַרמאָגט אַ סאָציאָלאָגישע אַרויפבויעכץ. ער איז אַנטשטאַנען פיל שפּעטער פון דעם עץ־הדעת מיטאָס, וועלכער פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיט דעם שולד־געפיל פּראָבלעם. קין און הבל מיטאָס איז אַן אי־בערמעלאָדירונג אין סאָציאָלאָגישע מאָטיוון פון דעם ערשטן חטא. ביי אדם׳ען און חוה׳ן איז דער ׳פאַל׳ פאָרגעקומען אָן אַן אויסער־לעכן קאַמף און געראַנגל. עס איז געווען אַן אינערלעכער קריג, אַ מלחמת־היצר, אַן אָנריידעניש און זינדיקונג, א נאָכגעבונג דעם ׳אויספּרובירער׳. אין קין און הבל מיטאָס ווערט די פּסיכאָלאָגישע צעשפּאַלטונג־עבירה פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאָלאָגישער דיפערענ־ציאַציע, וועלכע שטעלט אַוועק פי־צוכט קעגן ערד־אַרבעט.

# שלום

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו דעם אָנהויב פון דער אָפּהאַנדלונג. מיר באַהויפּטן, אַז פרויד׳ס אויסטייטשונג פון דער שולדיקייט־השגה אַנטשטייאונג איז ניט צופרידנשטעלנדיק, פשוט צוליב דעם, וואָס דער מיטאָס, אויף וועלכן ער שטיצט זיין אויפפאַסונג פון רעליגיע און קרבנות אינסטיטוציע, און שולד־חרטה געפיל, איז אַזוי צו זאָגן אַ ׳שנעק׳ אין פאַרגלייך מיט׳ן גרייז־גרויען מיטאָס פון אדם און חוה.

„זיין (עדיפּוס׳עס) שיקזאַל רירט אונדז בלויז דערפאַר, ווייל עס האָט געקענט זיין אונדזער שיקזאַל, ווייל דער אָראַקל האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז, נאָך פון פאַר אונדזער געבורט, די זעלביקע קללה, וועלכע איז געלעגן אויף אים. עס איז מעגלעך, אַז מיר זיינען אַלע געווען באַשטימט פון דער מערכה צו ריכטן אונדזערע סעקסועלע אימפּולסן צו אונדזערע מוטערס, און אונדזערע ערשטע אימפּולסן פון שנאה און געוואַלדטאַט צו אונדזערע פאָטערס. אונדזערע חלומות איבערצייגן אונדז, אַז אַזוי איז עס. קעניג עדיפּוס, וועלכער דערמאָרדעט זיין פאָטער לייאוס און האָט חתונה מיט זיין מוטער יאָקאַסטאַ, איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ וואונטשדערפילונג, — די דערפילונג פון דעם וואונטש פון אונדזער קינדהייט״ (75).

איך וואָלט דערויף זאָגן ׳פלגינן דיבורא׳, מ׳דאַרף פרויד׳ס באַהויפטונג צעטיילן. אונדזערע ערשטע ליבע־אימפּולסן גייען, אָן ספק, צו דער מוטער אָבער די ערשטע שנאה אימפּולסן, ערשטע אין טייטש פון צייט־געגנעזיס אין דער קולטור פון דער מענטשהייט, גייען צו דעם ברודער, צו דעם „קאָנקורענט״, וועלכער קומט נאָך אונדז, ניט צום פאָטער, וועלכער ווערט באַזייטיקט ווי פון זיך אַליין דורך דעם צייט־עלעמענט. ווי איינער זאָגט, דער פאָטער מור האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, ער מעג שוין גיין. דאָס לעבן בכלל און ליבע־לעבן בפרט אונטער דעם מאַטריאַרכאַט, באַזייטיקט אים. די שנאה גייט צום ברודער. און דאָס דערציילט אונדז דער ביבלישער מיטאָס, וועלכער איז טיף פאַראַנקערט אין דעם מוטער־רעכטרעזשים און ער שילדערט באמת די ערשטע רופונג פון דער מענטשלעכער נשמה בשעת זי איז נאָך געווען אין אירע ערשטע סטאַדיען

פון אַנטוויקלונג. חוה־קין־הבל, דאָס איז דער ערשטער דרייעק פון ליבע־פּלאָנטער.

פון דעם עדיפּוס מיטאָס איז דאָך צו זען קלאָר, אַז די פּאַטאַ־לע פּאַסירונג קומט פאַר אונטער אַ פאָטער־רעכט־רעזשים.

לויט פרויד׳ן, ווי אויבן דייטלעך אָנגעוויזן, דאַרף דער זון אַפּוואַיען די מוטער־נקבה פון פאָטער־טיראַן, פון דעם גרויזאַמען פּאַטריאַרך, וועלכער דאָמינירט און מאָנאָפּאָליזירט אַלע ווייבער, און עס איז אַ גרויסער דוחק אין דעם פעמיניטעט אַרטיקל. די זין מוזן דערקלערן קריג דעם טאַטן, וועלכער האָט די גאַנצע דעה איבער די פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן. בשעת די מוטער איז אַ שטר־מע שעפּס, האָט גאָרניט וואָס צו זאָגן. ווען, נאַטירלעך, אונטער דעם מאַטריאַרכאַטישן איינשטעל איז עס געווען די פרוי, וועלכע האָט אויסגעקליבן דעם זכר, וועלכער איז איר געפעלן געוואָרן און זי האָט אַרויסגעוויזן אויף אַן אַקטיוון אופן איר פּרעפערענץ.

פרויד׳ס שולד־געפיל אויסטייטשונג איז צו ׳מאָדערן׳. דער פּאַטריאַרכאַט איז דאָך אויפגעקומען היפּש שפּעטלעך, ערשט מיט פּי־צוכט. לויט פרויד׳ן און לויט דעם עדיפּוס מיטאָס, אויף וועלכן ער לייגט אַזאַ געוויכט, געהערט דער זון צום פאָטער, אָדער ער ווייס, אַז ער האָט אַ פאָטער; ער אַטריבוטירט זיך צו אַ פּראָגע־ניטאָר. און דאָס איז צו פיל פאַר דעם פּרימיטיוון פאַרשטאַנד, וועלכער האָט זיך גאַנץ שלעכט פאַנאַנדערגעקליבן אין דעם אָפּ־שטאַם־פּראָבלעם. גאָר פאַרצייטנס האָבן זיי ניט געוואוסט, אַז קינ־דער האָבן אַ פאָטער. דאָס געוואָרווערן פון דער טאַטזאַך, אַז אַ נקבה דאַרף באַפרוכפּערט ווערן פון אַ זכר בכדי צו זיין אימשטאַנד צו געבוירן קינדער, איז אַן אַנטדעקונג פון א פאַרהעלטניסמעסיק שפּעטערער צייט.

„פאָטערטום איז געווען אַן ענין פון אינפערענץ, און עס איז קעגנגעזעצט מוטערטום, וואָס איז אַן ענין פון אָבזערוואַציע״ (76). „מוטער־רעכט באַזירט זיך אויף בלוט, פאָטער־רעכט, פון דער צווייטער זייט, האָט זיין אורשפּרונג אין גאָר אַנדערע אָנבאַטראַכ־טונגען.

קרובה׳שאַפט מיט׳ן פאָטער איז קודם־כל און הויפּטזעכלעך יורידיש — עס איז אַ סאָציאַלע קאָנווענציע. דאָס זעט מען קלאָר פון די מנהגים פון פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע געפינען זיך אין טראַנזיציע פון מוטער־רעכט צו פאָטער־רעכט״ (77). „פאַר דורות

און יאָרטוויזנטער האָט די מענטשהייט ניט משיג־געווען דעם אמת, אַז אַ קינד איז בלויז אַ קאָנסעקווענץ פון אַן אַקט פון אַ סעקסועלער פאַרבינדונג... און אַז יעדעס קינד מוז זיין דער רעזולטאַט פון אַזאַ אַקט" (78). „לויט די השגות פון פעלקער, וועלכע געפינען זיך אויף אַ נידעריקער דרגא פון קולטור, איז געבורט אַ פענאָמען, וואָס איז אומאָפּהייניגיק פון דער פאַראייניקונג פון די געשלעכטער" (79).

„ביי אבנימוס דעם האָנט־וועבער איז געשטאָרבן די מוטער, איז רבי מאיר געקומען אים מנחם־אבל זיין. און ער האָט זיי געפונען אין טרויער. אַ צייט שפּעטער איז געשטאָרבן זיין פאָטער. רבי מאיר איז ווידער געקומען אים טרייסטן. ער האָט זיי אָבער געפונען ביי דער אַרבעט. האָט ער (רבי מאיר) צו אים געזאָגט: ווי עס שיינט איז דיין מוטער דיר געווען ליבער ווי דיין פאָטער. האָט ער (אבנימוס דער האָנט־וועבער) אים געענטפערט: צי שטייט דען ניט געשריבן 'אשה לבית אמה', יעדע צו איר מוטער'ס הויז' און ניט צו דעם פאָטערס הויז. האָט ער (רבי מאיר) אים געענטפערט: דו האָסט ריכטיק געזאָגט: אַ גוי האָט ניט קיין פאָטער" (י"ט).

„אַ מצרי האָט ניט קיין פאָטער" (כ').

„אַ גוי (עכו"ם) האָט ניט קיין פאָטער" (כ"א).

אמת פרימיטיווע מענטשן האָבן ניט געקניפּט געשלעכט־פאַרקער מיט געבורט. אַז אַזוי איז עס געווען קען מען אויך זען פון די ערשטע פרשות פון בראשית, וואו דער הפעיל 'ויולד' שיינט מיט זיין אָפּוועזנהייט. ער באַווייזט זיך אַ רעכט ביסל שפּעטער (כ"ב). אין אָנהויב פון דער גענעאָלאָגיע רעגיסטראַציע ווערט די געבורט צוגעשריבן צו דער פרוי. און דער ווערב 'ותלד', זי האָט געבוירן ווערט געברויכט. עטלעכע מאָל שטייט אויך „ויולד" (וואַיאיוואָלעד), ער איז געבוירן געוואָרן, אָבער דער באַגריף פון מאַכן געבוירן צו ווערן', איז אַ נייער פאַרשטענדעניש־אויפטויך. און ער איז געווען פרעמד צו די גאָר פרימיטיווע באַנעמונגען.

„'זה ספר תולדות אדם' (בראשית ה', א'). אָט־די זיינען די געבורטן, די פאַרדעמדיקע זיינען ניט געווען קיינע געבורטן" (כ"ג), ווייל עס איז ניט געווען דער פראָגעניטאָר, און די געבורט איז קיין געבורט ניט געווען. ערשט נאָך דעם דאָזיקן פּסוק, וואו דער וואָרט 'תולדות' ווערט געברויכט, קומט אַריין דער 'ויולד'. „און אדם

האָט געלעבט הונדערט און דרייסיק יאָר און ער האָט געמאַכט געבוירן צו ווערן אין זיין גלייכעניש און אין זיין געשטאַלט און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן שת" (כ"ד). פאַר דעם פלעגט חוה געבוירן און זי איז דאָס געווען די נאָמען־געבעריןָ. איצטער ערשט, אַזוי שפּעטלעך, קומט אַרויף דער פאָטער און נעמט זיך זיינע פּריווילעגיעס. פאָטערשאַפט איז אַן אַנטדעקונג פון אַ שפּעטערן פּעריאָד פון עוואָלוציע.

„האָט געזאָגט רבי יהודה: עס שטייט געשריבן: און ער האָט געמאַכט געבוירן צו ווערן (ויולד) אין זיין גלייכעניש און אין זיין געשטאַלט, ווייזט אויס, אַז די אַנדערע זין זיינען ניט געווען אין זיין געשטאַלט" (כ"ה). מער ווי דאָס: זיי זיינען כמעט גאָר קיין 'זין' ניט געווען. די מאַמע האָט זיי געהאַט. און דאָ, דרך אגב, מעג מען שוין יע זיך שיקן אויפ'ן קריסטלעכן מיטאָס, וואו די מאַמע געבוירט אָן אַ מאַן. די פּרימיטיווע השגה האָט דעם מאַן געהאַלטן פאַר איבעריק אין דער אַקציע פון געבורט.

„...עס שטייט געשריבן: און אדם דערקענט חוה'ן זיין ווייב און זי ווערט שוואַנגער און געבוירט קין'ען. און עס שטייט ניט געשריבן: און ער האָט געמאַכט געבוירן צו ווערן קין'ען (ויולד את קין). אפילו ביי הבל'ען שטייט ניט 'ויולד', נאָר 'ותוסף ללדת'... און דאָס איז אַ מיסטעריע" (כ"ו).

די מיסטעריע דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז קינדער מוזן האָבן טאַטעס. זיי האָבן ניט פאַרבונדן פאַרקער אַלס אורזאַך מיט געבורט אַלס פּועל־יוצא. בכלל אונטער דעם מאַטריאַרכאַט איז די ראָלע פון פאָטער ניט אנדערקענט געוואָרן, און מיט דער אנדערקענונג פון פאָטערטום, דאָס הייסט פון א מאן אלס אַן אקטיוו אין דער עובר־פאָרמירונג דורך באַפרוכפערונג, ווערט דער מוטער רעזשים אונטערגעגראָבן. די מוטער־פּאָזיציע ווערט אָפּגעשוואַכט. זי פאַרלירט איר ערשטע אויסשליסלעכע חשיבות. זי ווערט רעדוצירט צו דער ראָלע פון טראָגערין און געווינערין. זי איז אָבער שוין ניט מער די איינציקע באַשאַפערין פון דעם קומענדיקן דור.

און אַזוי ווי די זין האָבן ניט געוואוסט און האָבן ניט געטאָרט וויסן אונטער דעם שטרייגנ מאַטריאַרכאַטישן רעזשים ווער זייער פאָטער איז געווען און אַז בכלל איז גאָר דאָ אַזאַ מין נפש ווי אַ

פאָטער, האָט נאָטירלעך די ערשטע שנאה און דער ערשטער מאָרד ניט געקענט זיין פאָטער־האַס און פאָטער־מאָרד.

פרויד׳ס דערקלערונג פון דעם אורשפרונג פון רעליגיע און איר הויפט־אינסטיטוציע, קרבנות, איז גרונטלאָז. זי האָט ניט גענוג צייט־באַדן אונטער זיך. זי נידערט ניט אַראָפּ צו די סאַמע וואָרצלען פון רעליגיע־מהות, וועלכע איז אַ מאַניפעסטאַציע פון זעלבסט־באַגלויבט זיין און שפּעטער־צו פון זעלבסט־באַוואוסטזיין. פרויד איז צו ׳היינטצייטיק׳. ער איז נכשל געוואָרן דערפאַר, וואָס ער, ניט ווי רות די מואבית, וועלכע איז ניט געגאַנגען נאָך די ׳יונגע בחורים׳, האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם אַלטן ביבלישן מיטאָס און האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער אינגערער העלענישער לעגענדע...

מיטאָסן זיינען זיכער געגליכן צו ווייַן, ניט צו ווייב, וואָס עלטער אַלץ בעסער, אַלץ שורש׳דיקער, עיקר׳דיקער, סאָלידער און אמת׳ער.

מאָסקווע, 1919 — ניו יאָרק, 1939.

# מראה מקומות

אָנמערקונג: אלע טעקסטן, וועלכע ווערן ציטירט, סיי העברייאישע, אראמישע אָדער אנדער־שפּראַכיקע, זיינען איבערזעצט געוואָרן פון מחבר.

## די פרוי און די ביבל

### I

א. שמות, ט"ו, ג'.
ב. דאָרט, ט"ו, ב'.
ג. שמות, ט"ו, ג', תרגום ירושלמי
ד. דאָרט, כ"ח, ד'.
ה. דאָרט, כ"ח, ל"ו.
ו. דאָרט, כ"ח, ל"ח.
ז. דאָרט, כ"ט, ח'.
ח. ירמיה, מ"ד, ט"ו-י"ט.
ט. דאָרט, ז, י"ז-י"ח
י. זהר יתרו, פ"ו, ע"א.
י"א. ירמיה, ב, ג.
י"ב. ירושלמי סנהדרין פרק י, דף כ"ח
י"ג. יבמות, ק"ה, ע"ב.
י"ד. מכות, כ"ד, ע"א; שמות רבה, פרשה ל"ג.
ט"ו. סנהדרין, צ"ח, ע"ב.
ט"ז. דאָרטן, רש"י.
י"ז. בבא מציעא, נ"ח, ע"ב.
י"ח. שבת, פ"ז, ע"א.
י"ט. דאָרט, פ"ח, ע"א.
כ'. מכות, כ"ד, ע"א; הוריות, ח, ע"א.
כ"א. שמות רבה, פרשה כ"ד.
כ"ב. שיר השירים רבה, פסוק 'זאת קומתד.
כ"ג. מגילה, ל"א, ע"ב.
כ"ד. זבחים, קי"ח, ע"ב.
כ"ה. בכורות, ח, ע"א.
כ"ו. במדבר רבה, פרשה ז.
כ"ז. דאָרטן, פרשה י"ג.
כ"ח. סנהדרין, צ"ו, ע"ב.
כ"ט. דאָרטן, ק"ג, ע"א; סוטה, מ"ב, ע"א.
ל. דאָרטן, ק"ג, ע"ב.
ל"א. דאָרטן, ק"ד, ע"ב.
ל"ב. דאָרט, ק"ז, ע"א.
ל"ג. דאָרט, ק"י, ע"א.
ל"ד. סוטה, מ"ח, ע"ב.

ל"ה. קידושין, ל"א, ע"א.
ל"ו. בבא קמא, כ"ה, ע"א.
ל"ז. בבא בתרא, ט"ו, ע"ב.
ל"ח. דאָרטן, ס, ע"א.
ל"ט. סוטה, י"ב, ע"ב.
מ. דאָרט.
מ"א. דאָרט, י"ג, ע"א.
מ"ב. דאָרטן, י"ד, ע"א.
מ"ג. דאָרטן, י"ז, ע"א.
מ"ד. דאָרטן, רש"י.
מ"ה. יבמות, צ"ח, ע"א.
מ"ו. כתובות, קי"א, ע"ב.
מ"ז. סוטה, ה, ע"א.
מ"ח. דאָרטן, י"א, ע"א.
מ"ט. סוכה, כ"ח, ע"א.
נ. ראש השנה, ל"א, ע"א.
נ"א. דאָרט.
נ"ב. מועד קטן, כ"ה, ע"א.
נ"ג. חגיגה, י"ד, ע"ב.
נ"ד. דאָרטן, ט"ז, ע"א.
נ"ה. יבמות, ס"ד, ע"א.
נ"ו. שבת, נ"ו, ע"א.
נ"ז. דאָרט, ס"ז, ע"א.
נ"ח. דאָרט, פ"ז, ע"א.
נ"ט. פסחים, פ"ז, ע"ב.
ס. יומא, י, ע"ב.
ס"א. דאָרט, כ"א, ע"ב.
ס"ב. שבת, נ"ה, ע"ב.
ס"ג. דאָרט, רש"י.
ס"ד. ברכות, ה, ע"ב.
ס"ה. דאָרט, כ"ז, ע"ב.
ס"ו. דאָרט, מ"ג, ע"ב.
ס"ז. שבת, ל"א, ע"א.
ס"ח. דאָרט, ל"ג, ע"א.
ס"ט. אבות דרבי נתן, פרק ל"ד, ה.
ע. דאָרט, פרק ל"ד, ו.

ע"א. בבא בתרא, כ"ה, ע"א.
ע"ב. סוכה, ה, ע"א.
ע"ג. חגיגה, י"ד, ע"א.
ע"ד. חולין, ס, ע"א.
ע"ה. סנהדרין, ל"ט, ע"א.
ע"ו. שמות רבה, פרשה א.
ע"ז. דארט, פרשה ב.
ע"ח. תנחומא הישן, במדבר כ.
ע"ט. שבת, פ"ח, ע"ב.
פ. שיר השירים רבה, פרשה ג.
פ"א. זבחים, נ"ד, ע"ב.
פ"ב. שבת, ל, ע"א.
פ"ג. דארט, כ"ב, ע"ב.
פ"ד. יומא, ט, ע"ב.
פ"ה. סוטה, ג, ע"ב.
פ"ו. יומא, נ"ו, ע"ב.
פ"ז. סוטה, ט, ע"ב.
פ"ח. מגילה, ט"ו, ע"ב.
פ"ט. דארט, כ"ט, ע"א.
צ. בבא מציעא, פ"ד, ע"א.
צ"א. ויקרא רבה, פרשה י"א.
צ"ב. ברכות, ו, ע"א.
צ"ג. סנהדרין, ז, ע"א.
צ"ד. תמיד, ל"ב, ע"ב.
צ"ה. שבת, י"ב, ע"ב.
צ"ו, דארט, ל, ע"ב.
צ"ז. דארט, צ"ב, ע"א.
צ"ח. קידושין, ע, ע"ב.
צ"ט. ברכות, י"ז, ע"א.
ק. שבת, קל"ט, ע"א.
ק"א. חגיגה, ט"ו, ע"ב; סנהדרין, מ"ו, ע"ב.
ק"ב. סוכה, מ"ה, ע"ב.
ק"ג. ירושלמי, עירובין, פרק א.
ק"ד. מנחות, מ"ג, ע"ב.
ק"ה. בבא בתרא, י, ע"א.
ק"ו. ירושלמי חגיגה, פרק א.

ק"ז. סנהדרין, מ"ב, ע"ב.
ק"ח. ברכות, ס"ד, ע"א.
ק"ט. שבת, קכ"ז, ע"א.
ק"י. בראשית, י"ז, א.
קי"א. דאַרטן, י"ז, ב.
קי"ב. דאַרטן, י"ז, ו.
קי"ג. דאַרטן, ל"ה, י"א.
קי"ד. זהר שמות, ג, ע"ב.
קט"ו. דאַרט, בשלח, נ"א, ע"א.
קט"ז. דאַרטן, ואתחנן, רס"ט, ע"ב.
קי"ז. דאַרטן, האזינו, רצ"ח, ע"א.
קי"ח. אבא גאָרדין, אידישע עטיק, ז"ז 119-21.
קי"ט. זהר בראשית, ט"ז, ע"ב.
ק"כ. דאַרט, האזינו, רצ"ז, ע"ב.
קכ"א. דאַרט, ר"צג, ע"א.
קכ"ב. דאַרט, רצ"ב, ע"א.
קכ"ג. דאַרט, רצ"א, ע"א.
קכ"ד. דאַרט, ר"צ, ע"ב.
קכ"ה. דאַרטן.
קכ"ו. דאַרטן, ר"צ, ע"ב.
קכ"ז. דאַרטן, וילך, רפ"ה, ע"א.
קכ"ח. דאַרטן.
קכ"ט. דאַרטן, ואתחנן, רס"ד, ע"ב.
ק"ל. דאַרטן, כי תצא, רע"ו, ע"א.
קל"א. דאַרטן, עקב, רעא.
קל"ב. דאַרטן, ואתחנן, רס"ז, ע"ב.
קל"ג. בראשית ב, ד.
קל"ד. זהר בראשית, נ"ה, ע"ב.
קל"ה. דאַרטן, מ"ו, ע"ב.
קל"ו. בראשית ב, ב.
קל"ז. חולין, ס, ע"א.
קל"ח. בראשית ב, כ"ג.
קל"ט. זהר שמות, נ"ה, ע"א.
ק"מ .בראשית רבה, פרשה י"ד.
קמ"א. בראשית ב, ד.

## II

א. רמב"ם, מורה נבוכים, חלק א, פרק ג.
ב. בראשית רבה, פרשה ט"ו.
ג. בראשית א, ה.
ד. דאָרט, ב, כ"ד.
ה. דאָרט, א, ד.
ו. ראש השנה, ל"א, ע"א.
ז. בראשית א, ו.
ח. דאָרט, א, ז.
ט. דאָרט, א, י"ב.
י. דאָרט, א, י"ד.
י"א. דאָרט, א, י"ח.
י"ב. דאָרט, א, כ"ה.
י"ג. דאָרט, א, כ"ד.
י"ד. דאָרט, א, כ"ה.
ט"ו. זהר בראשית, מ"ו, ע"א.
ט"ז. דאָרט, ט"ז, ע"ב.
י"ז. דאָרטן.
י"ח. דאָרט, כ"ב, ע"ב.
י"ט. בראשית, ג, ה.
כ. ברכות, ס, ע"ב.
כ"א. איכה רבתי, פרשה ב, ג.
כ"ב. ירושלמי מגילה, פרק ג, הלכה ז.
כ"ג. אותיות של רבי עקיבא, אות ס.
כ"ד. אבות ג, ט"ו.
כ"ה. משלי ד, ב.
כ"ו. שניאור זלמן, לקוטי אמרים, ז. 232.
כ"ז. דאָרט, ז. 233.
כ"ח. בראשית, א, ג, י"א, י"ג, י"ח, כ"א, כ"ו, ל"א.
כ"ט. דאָרט.
ל. זהר בראשית, כ"ו, ע"ב.
ל"א. דאָרט, קרח, קע"ז, ע"א.
ל"ב. דברים ל, ט"ו.
ל"ג. בראשית ג, י"ט.
ל"ד. דאָרט, ג, ט"ו.

ל"ה. דאָרט, ג, ט"ז.
ל"ו. אבא גאָרדין, אידישע עטיק, ז. 109.
ל"ז. זהר ויקרא ז, ע"ב.
ל"ח. דאָרטן.
ל"ט. בראשית, א, כ"ז.
מ. זהר בראשית, י"ז, ע"א.
מ"א. דאָרט, י"ז, ע"ב.
מ"ב. זהר נשא, קכ"ב, ע"ב.
מ"ג. דאָרט, בראשית, כ"ו, ע"א.
מ"ד. דאָרט.
מ"ה. דאָרט, האזינו, ר"צ, ע"ב.
מ"ו. דאָרטן.
מ"ז. דאָרטן.
מ"ח. דאָרט, שמות, קע"ח, ע"ב.
מ"ט. אבא גאָרדין, אידישע עטיק, ז. 131.
נ. זהר בראשית, ט"ז, ע"ב.
נ"א. אַטאָ וויינינגער, געשלעכט און כאַראַקטער, ז"ז 27-28, וואַרשע 1929.
נ"ב. בראשית רבה, פרשה ח, ברכות ס"א, ע"א.
נ"ג. זהר שמות, נ"ה, ע"א.
נ"ד. דאָרט, בראשית, ל"ד, ע"ב.
נ"ה. דאָרט, ל"ז, ע"ב.
נ"ו. דאָרט, תזריע, מ"ד, ע"ב.
נ"ז. דאָרט, ויקרא, י"ט, ע"א.
נ"ח. בראשית, ד, ז.
נ"ט. נידה, ל, ע"ב.
ס. זכריה, י"ד, ט.
ס"א. דאָרט, י"ד, ז.
ס"ב. ספרי רבי רב, פרשה ואתחנן, פסיקא ל"א — אבא גאָרדין, אידישע עטיק, ז. 109.
ס"ג. זהר נשא, קכ"ב, ע"א.
ס"ד. אבא גאָרדין, אידישע עטיק, ז"ז 276-78.
ס"ה. זהר בראשית, ל"ו, ע"ב.
ס"ו. בראשית ג, י"ט.
ס"ז. אבות, פרק ד, סוף פרק.
ס"ח. בראשית רבה, פרשה ט.

ס״ט. זהר בראשית, ט״ו, ע״ב, ראזענבערג׳ס אויסגאבע.
ע. בראשית רבה, פרשה ט.
ע״א. דארטן.
ע״ב. יאהאן 16, III.
ע״ג. בראשית, כ״ב, ט.
ע״ד. זהר בראשית, נ״ח, ע״ב.
ע״ה. י. וועלהויזען, אקדמות לדברי ימי ישראל, ז״ז 71-70, תל־אביב, תרצ״ח.
ע״ו. סנהדרין, נ״ח, ע״ב.
ע״ז. דארטן, רש״י.
ע״ח. זהר אחרי מות, ע״ז, ע״א.
ע״ט. בראשית ד, ו.
פ. דארט, ג, י.
פ״א. סוכה, נ״ב, ע״ב.

## III

א. בראשית, ל״ה, כ״ב.
ב. דארטן, מ״ט, ד.
ג. שבת, נ״ה, ע״ב.
ד. זהר בראשית, קע״ה, ע״ב;קע״ו, ע״א.
ה. סנהדרין, ק״ד, ע״ב.
ו. דארטן, ק״ג, ע״ב.
ז. בראשית, ב, כ״ד.
ח. בראשית רבה, פרשה י״ח, סוף פרשה.
ט. דארטן.
י. בראשית, ד, א.
י״א. דארטן, י״ד, כ״ג.
י״ב. רבי סעדיה גאון, האמונות והדעות, מאמר שני, פרק ו, אנהויב פרק.
י״ג. בראשית רבה, פרשה כ״ב, אנהויב פרשה.
י״ד. בראשית ד, ט.
ט״ו. זהר בראשית, נ״ד, ע״ב.
ט״ז. דארט, ל״ו, ע״א.
י״ז. בראשית רבה, פרשה כ״ב.
י״ח. דארטן.

י"ט. בראשית ד, י"א.
כ. דאַרטן, ד, ז. — זהר בראשית, נ"ד, ע"ב.
כ"א. דאַרטן, ד, כ"ה.
כ"ב. בראשית רבה, פרשה כ"ג.
כ"ג. זהר בראשית, נ"ד, ע"ב; נ"ה, ע"א.
כ"ג1. בראשית, ד, כ"ג.
כ"ד. בראשית רבה, פרשה כ"ג.
כ"ה. בראשית ד, כ"ג.
כ"ו. דארטן, ד, כ"ד.
כ"ז. בראשית רבה, פרשה כ"ג.
כ"ח. דאַרטן.
כ"ט. בראשית ו, ט.
ל. בראשית רבה, פרשה ל, סוף פרשה.
ל"א. בראשית ט, כ"א.
ל"ב. בראשית רבה, פרשה ל"ו.
ל"ג. דאַרטן.
ל"ד. סנהדרין, ע, ע"א.
ל"ה. זהר בראשית, ע"ג, ע"א.
ל"ו. בראשית, ט, כ"ב.
ל"ז. בראשית רבה, פרשה ל"ו, ה.
ל"ח. ספורנו, בראשית ט, כ"ב.
ל"ט. אבן־עזרא, בראשית ט, כ"ד.
מ. בראשית ח, י"ח.
מ"א. דאַרטן, ט, כ"ד.
מ"ב. בראשית רבה, פרשה ל"ו.
מ"ג. בראשית, י"ט, ל"א־ל"ח.
מ"ד. בראשית רבה, פרשה נ"א, סוף פרשה.
מ"ה. דארטן.
מ"ו. זהר בראשית, מדרש הנעלם, ק"י, ע"א.
מ"ז. בראשית רבה, פרשה נ"א.

## IV

א. בראשית, כ"א, ט.
ב. בראשית רבה, פרשה נ"ג.
ג. בראשית, כ"ו, י"ח.

ד. דארטן,כ״א, י״א.
ה. דארט, רש״י.
ו. בראשית רבה, פרשה נ״ג, נאענט צום סוף פרשה.
ז. בראשית, כ״א, ח.
ח. דארטן, כ״ב, א.
ט. זהר בראשית, י, ע״ב; י״א, ע״א.
י. בראשית רבה, נ״ה, אנהויב פרשה.
י״א. בראשית, כ״ב, ב.
י״ב. זהר בראשית, קי״ט, ע״ב.
י״ג. דארטן, ק״ח, ע״א.
י״ד. בראשית, כ״ב, י״ב.
ט״ו. דארטן, רש״י.
ט״ז. בראשית רבה, פרשה נ״ו.
י״ז. בראשית, כ״ב, כ״ז.
י״ח. דארטן, י״ז, ו.
י״ט. דארטן, כ״ב, ט״ז.
כ. ערוד ווארט ׳חסד׳.
כ״א. ויקרא רבה, פרשה י, ב.
כ״ב. בראשית כ״ב, י״ב.
כ״ג. בראשית רבה, פרשה נ״ח.
כ״ד. בראשית, כ״ב, י״ט.
כ״ה. דארטן, כ״ג, ב.
כ״ו. דארטן, אבן עזרא.
כ״ז. דארטן, רש״י.
כ״ח. דארטן, רמב״ן.
כ״ט. דארטן, כ״ב, י״ג.
ל. יהושע, ז, כ״ה.
ל״א. שמות, כ״ב, י״ז.
ל״ב. בראשית, כ״ב, י״ח.
ל״ג. דארטן, כ״ב, י״ז.
ל״ד. דברים, כ״ד, ט.

## V

א. שמות, י"ח, י"ג.
ב. דארטן, י"ח, ט"ז.
ג. דארטן, כ"א, א.
ד. דארטן, י"ח, כ"א.
ה. דארטן, כ"ב, ח.
ו. דארטן, כ"ב, כ"ז.
ז. דארטן, כ"א, ו.
ח. בראשית, כ"ה, כ"ז.
ט. תהלים, כ"ג, א.
י. דארט, פ, ב.
י"א. ישעיה, מ, י. — י"א.
י"ב. יחזקאל, ל"ד, י"א — ט"ו.
י"ג. שמות רבה, פרשה ב.
י"ד. שמואל א, י"ז, ל"ד.
ט"ו. יחזקאל, ל"ד, כ"ג.
ט"ז. מלכים ב, ג, ד.
י"ז. זהר אחרי מות, ע"ו, ע"ב.
י"ח. בראשית רבה, פרשה כ"ג, אנהויב פרשה.
י"ט. מדרש רות רבה, פרשה ב.
ב. יבמות, צ"ח, ע"א.
כ"א. בראשית רבה, פרשה י"ח.
כ"ב. בראשית ה, ג.
כ"ג. בראשית רבה, פרשה כ"ד.
כ"ד. בראשית ה, ג.
כ"ה. זהר בראשית, נ"ד, ע"ב.
כ"ו. דארטן.

## די פרוי און די ביבל

### I.

1. Edwin D. Starbuck, art. "Female Principle", E. R. E. vol. 5.
2. W. R. Smith, Rel. Sem. p.52, 2nd ed., London 1894
3. Female Principle, E. R. E.
4. G. A. Barton, Semitic Origins, p.106, London 1902.
5. Manu, II, 145.
6. Swami Abhedananda, India and Her People, p. 52, N. Y. 1906.
7. H. T. Colebrooke, Miscellaneous Essays, vol. I, p. 32, London 1837.
8. Rig-Veda, X125, 4.7. A. Ludwig's tr. vol. II, p. 644 sq A. Weber, Vac und Logos, Indische Studien, vol. IX, p. 473 sq. Leipzig 1865. E. W. Hopkins, The Religions of India, pp. 142 sq. 558, Cambridge, 1922.
9. The Vedanta—Sutras, I. 3.28. (The Sacred Books of the East, vol. XXXIV, p. 201).
   Satapatha—Brahmana, III. 8.1.15; IV. 1. 1. 9.; VII 5. 2. 21.
   Sacred Books of the East, vol. XXVI pp. 189, 450 sqq. vol. XII pp. 145. 407.
10. G. A. Barton, Semitic Origins, p. 107.
11. Female Principle, E. R. E.
12. Ibid.
13. J. G. Frazer, Golden Bough, vol. II, pt. I, p. 124
14. Brinton, The Religious Sentiment, p. 67.
15. J. G. Frazer, The Worship of Nature, vol. I, pp. 641-42, N. Y. 1926.
16. Ibid.
17. A. J. Evans, Mycenaen Tree and Pillar Cult, The Journal of Hellenic Studies, XXI p. 168.
18. H. Prinz, Bemerkungen zur Altkretischen Religion, Mitteilungen der Kaiserlich Deutsche Archaeologischen Institut, Athenische Abteilung XXXV pp. 147 sq.

* E. R. E. Encyclopedia of Religion and Ethics.

156 sqq., Athens 1910.
19. D. G. Hogarth, Aegean Religions, E. R. E. vol. I p.143. A. J. Evans "The Palace of Knossus" Annual of the British School of Athens IX p. 87.
R. M. Burrows, The Discoveries in Crete p. 137.
20. A. Jeremia's, Handbuch der Altorientalischen Geisteskultur pp. 254, Leipzig 1913.
21. Robert Briffault, Mothers, vol. III p. 118.
22. J. H. Harrison, Themis, p. 190, Cambridge, 1912.
R. Dussaud, Les Civilizations Prehelleniques, p. 273, Paris, 1914.
23. Pausanias II, 30.3—Callimachus, Hymn in Dian., 189.
24. K. Hoeck, Kreta, vol. II p. 169, Goettingen, 1823.
25. Pausanias, III, 26.
26. Orphic Hymns XXXIV, 3.—Hermann Usener, Goetternamen, p. 57, Bonn 1896.
27. Hebbig, in W. H. Roschers, Ausfuhrlicher Lexikon der Griechischen und Roemischen Mythologie, vol. I p. 1418 Leipzig 1884.
28. J. B. Labat, Relation de l'Ethiopie Occidental vol. II. pp. 195, 199.
29. H. Callaway, The Religious System of the Amazula, p. 93, London 1870.
30. O. Dapper, Description de l'Afrique, p. 467, Amsterdam 1686.
31. C. S. Stewart, A visit to the South Seas in the U. S. Ship Vincennes, vol. I p. 233, London 1832.
32. J. F. Lafitau, Moeurs des Savages Ameriquains vol. I pp. 52 sqq., Paris 1724.
P. F. X. de Charlevoix, Histoire de la Neuvelle France, vol. VI, pp. 4 sqq., Paris 1724.
G. Catlin, Manners, Customs and Conditions of the North-American Indians, vol. II pp. 214 sq.
J. G. Mueller, Geschichte der Amerikanen Urreligionen pp.44sq.
33. R. Briffault, Mothers, p. 531, vol. II, London 1927.

34. J. Kubray, Die Religion der Pelauer, in Bastias Alleilei aus Volks und Menschenkunde, vol. I, p. 35, Berlin 1888
35. Tacitus, Germania, 43.
36. Keilinschriften Bibliothek, vol. VI, 62, 10
37. Lucian, De Dea Syria, 50-53.
38. Strabo XII, 5.3.
39. L. R. Farnell, The Cults of the Greek States, vol. II, p. 481, London 1896-1901.
40. Athenaens, XII, 11.
Diodorus Siculus IV, 31.
Appolodorus XXX. II. 6. 2.
41. Joannes Lydus, De Mensibus, IV, 46.
42. Lucian, Calumniae Non temere, 16.
Photius, Bibliotheka, p. 322.
Plutarch, Theseus, 23.
43. Briffault, Mothers, vol. II, p. 531.
44. Ibid. p. 532.
45. W. H. R. Rivers, Art. "Mother Right" in E. R. E
46. E. S. Hartland, Primitive Paternity, vol. I, pp. 256-57, London 1909.
47. R. E. Dennet, Jour. Afr. Society, I, 265, London 1901.
E. S. Hartland, Primitive Paternity, vol. I, p. 263.
48. W. H. R. Rivers, Art. "Mother-right" E. R. E
49. Briffault, Mothers, vol. III, p. 115.
50. Ibid, p. 114.
51. Hesiod, Theogony, 190, tr. by Thomas Cooke
52. Ibid, 200.
53. Ibid, 205.
54. Ibid, 208.
55. Ibid, 235.
56. J. G. Frazer, Folk-Lore in the Old Testament, vol. I, p. 6, London 1918.
S. R. Driver and W H. Bennet, Genesis II.
57. Oeuvres de Saint-Simon et d'Enfantin, vol. VIII, p. 54.

## II


1. W. J. Perry, Gods and Men, p. 14, London 1929.
2. J. G. Frazer, Folklore in Old Testament, p. 49, vol. I, London 1918.
3. E. C. Wilm, The Problem of Religion, pp. 155-56, 1912.
4. Herbert Spencer, Education, p. 91 (Everyman's Lib.).
5. James Mark Baldwin, Thought and Things, I, 46 London 1906.
6. S. Freud, Basic Writings, p. 610 (Modern Library).
7. Krafft-Ebing, Psychopathia Sexualis, p. 43, N. Y. 1935.
8. Daniel J. Brinton, Religions of Primitive Peoples, p. 169, N. Y. 1897.
9. Antoine Banier, Mythology and Fables of the Ancient vol. I, p. 83, London 1793.
10. Ibid.
11. D. Kidd, Savage Childhood, p. 75, London 1906.
12. R. Hamlyn Harris, Some Anthropolical Considerations of Queenland and the History of its Ethnology, Proceedings of the Royal Society of Queenland XXIX p. 6.
13. Marcus Aurelius, Meditations, p. 2.
14. Lewis Browne, This Believing World, p. 53.
15. E. P. Tenney, Contrasts in Social Progress, p. 265, N. Y. 1907.
16. W. S. Swisher, Religion and the New Psychology, pp. 10-11.
17. S. Freud, Totem and Tabu, p. 927, (Basic Writings).
18. Ibid, P. 923.
19. Ibid, p. 922.
20. Emanuel Berl, Nature of Love, p. 65, N. Y. 1924.
21. E. S. Hartland, Ritual and Belief p. 234, London 1914.
22. S. Freud, Basic Writings, p. 919.
23. Ibid pp. 924-25.
24. S. Freud, Reflections on War and Death p. 50.
25. S. Freud, Basic Writings, p. 925.

26. Ambrose, De Abr. Lib., 1.8.-Origen, Hom. VIII, in gen.§6.
27. H. S. Maine, Primitive Society and Ancient Law, p. 119, N. Y. 1887.
28. J. G. Frazer, Folk-lore in the Old Testament, vol. I, p. 562.
29. John Roscoe, The Baganda p. 54, London 1911.
30. D. Kidd, The Essential Kaffir, p. 14.
31. Hesiod, Theogonie, 451-491.
32. S. Freud, Basic Writings, pp. 915-16.
33. Ibid.
34. H. L. Friess, H. W. Schneider, Religion in Various Cultures, p. 6.

III

1. Bible with Commentary ed. by C. Cook, Genesis, IV, 8.
2. J. A. MacCulloch, "Earth, Earth-Gods", E. R. E. vol. V p. 130.
3. Ibid.
4. Book of the Dead, Ch. 112, fr. by Le Page. Renouf—Hartland, Primitive Paternity, vol. I, p. 198.

IV

1. Avebury, Origin of Civilization, p. 299, N. Y. 1912. Mueller, Geschichte der Amerikanen Urreligionen, p. 605
2. Avebury, Origin of Civilization, p. 298.
3. Dr. J. Shrott, Trans. Ethn. Soc N. S. vol I, p 5 Avebury, Origin of Civilization, pp. 299-300.
4. Arbousset, Tour to the N. E. of the Cape of Good Hope, p. 58 (Origin p. 300).
5. Schoolcraft, Personal Memoirs, p. 614.
6. Avebury, Origin of Civilization, p. 301.
7. J. Cook, Voyage to the Pacific, vol. II, p. 41, vol I, p. 20 vol. III, p. 161.

8. Sibree, Madagascar and its People, p. 300.
9. Art. "Human Sacrifice", Enc. Rel. and Ethics, p. 840c.
10. W. W. Hunter, Annals of Rural Bengal, p. 128, 1868.
J. A. Dubois, The People of India, p. 490.
11. Diodorus, H. R. XLIII, p. 24;
Joannes Malala, Chronographia, p. 221, Bonn 1831.
12. Ibid, p.275.
13. Porphyry, De Abstin, II, p. 56, Paris 1858.
14. Snorro, Heimskringla, vol. II, p. 31.
Trofaeus, Hist. Rel. Norvigearum, vol. II, p. 52.
15. Adam of Bremen,vol. IV, p. 27.
16. Mueller, Geschichte der Amerikannen Urreligionen p. 23
17. A. G. Crowley, "Human Sacrifice" Enc. Rel. and Ethics p. 840c.
18. Westermark, Origin and Development of Moral Ideas, vol. I, p. 436.
19. Ibid, p. 435f.
20. A. E. Crawley, "Human Sacrifice" E. R. E., p. 840d
21. John II, 50.
22. O. von Kotzbue, Voyage of Discovery, vol. III, p. 248, tr. 1821.
F. Granger, Worship of the Romans, p. 260, 1895.
23. A. Kuenen, Religion of Israel, vol.I, p. 290f.
Porphyry, De Abstinentia, II, 54.
24. J. G. Frazer, Golden Bough, Dying God, p. 195, London, 1911.
25. F. S. Clavigero, History of Mexico, vol. I, p. 282, London, 1807.
26. W. Ellis, Polynesian Researches, vol. I, p. 346, London 1829.
27. Bancroft, Native Races, vol. II, San-Francisco 1882-83, p. 462.
28. Westermark, Evolution of Moral Ideas, vol. I, p. 471f.

## V


1. Herbert Spencer, Principles of Sociology,vol. II, sec. 466, 471, 456, Vol. I, sec. 428.
2. Algernon, Sidney, Discoures on Government, vol. III, p.169, N. Y. 1805.
3. James Harrington, Oceana, pp. 29-30, London 1887, 1st ed. 1656.
4. G. D. H. Cole, Social Theory, p. 33, London 1920.
5. H. J. Laski, Dangers of Obedience, p. 208, London 1930
6. E. A. Ross, Outlines of Sociology, p. 192, N. Y. 1923.

6a. Bertrand Russell, Power, p. 158, N. Y. 1938.

7. Mary Austin, The Flock, pp. 110-12, Boston 1906
8. Graham Wallas, Our Social Inheritance, p. 55,Yale, 1921
9. F. H. Hankins, Introduction to the Study of Society, p. 364, N. Y. 1928.
10. Richard Hildreth, Theory of Politics, p. 31.
11. Ibid p. 33.
12. Ibid p. 35.
13. Polybius, Fragment out of VI Bk. pp. 18-19 Lond. 1743
14. William Godwin, Enquiry concerning Political Justice, vol. p. 56, N. Y. 1926.
15. Montesquieu, The Spirit of the Laws, vol. I, p. 111.
16. Adam Smith, Wealth of Nations, vol. II, p. 204 London 1930.
17. A. L. Lowell, Conflicts of Principles, p. 139, Cambridge 1932.
18. Richard Smidt, art. "Leadership" in Enc. of Soc. Sc. vol. IX.
19. Graham Wallas, Our Social Inheritance, p. 56.
20. Ch. H. Cooley, Human Nature and the Social Order, pp.317-36, N. Y. 1922.
21. W. Trotter, Instincts of the Herd, pp. 116-17.
22. Findlay, Introduction to Sociology, pp. 219-20, N. Y. 1920.
23. B. M. Binder, Principles of Sociology, pp. 476-77, N. Y. 1928.

24. Russel Gordon Smith, Fugitive papers, p. 67 N. Y. 1931
25. G. S. Dow, Society and its Problems, p. 461, 3rd ed. N. Y. 1929.
26. F. E. Lumley, Principles of Sociology, p. 523, N. Y. 1928.
27. Thomas Carlyle, Heroes and Hero-Worship, p. 1 Boston
28. F. E. Lumley, Means of Social Control, p. 316 N. Y. '25
29. Robert H. Lowlie, Art. "Social Organization", Enc. Soc. Sc. vol. XIV p. 141c.
30. Alfred Morston Tozzer, Social Origins and Social Continuities, p. 193, N. Y. 1925.
31. A. A. Bogdanov, A Short Course of Economic Science p.31, London, 1923.
32. Alexander Pushkin, The Poison Tree, "Tchinar".
33. Algernon Sidney, Discourses on Government, vol. I, p. 432.
34. H. S. Maine, Ancient Law pp. 3-8, N. Y. 1875, 3rd ed.
35. Code of Hammurabi Epilogue p. 103, 2nd ed Lond. 1904
36. R. M. MacIver, Elements of Social Science, p. 165, London 1921.
37. Joyce O. Hertzler, Social Instiutions pp 81-2 N. Y. 1929
38. Robert E. Park and Ernest W. Bugess, Introduction to the Science of Sociology p. 799, Chicago, 1927.
39. H. S. Maine, Ancient Law, pp. 11 12.
40. Walter Bagehot, Physics and Politics, p. 17.
41. F. H. Hankins, Introduction to the Study of Society, pp. 360-61, N. Y. 1928.
42. F. E. Lumley, Means of Social Control, p. 328, N. Y. 1925.
43. L. L. Bernard, Introduction to Social Psychology, p. 320
44. Ellwood, Psychology of Human Society, p. 347.
45. H. Hart, Science of Social Relations, p. 202, N. Y. 1927
46. Ibid p.203.
47. A. L. Lowell, Conflicts of Principles, p. 139.
48. W. C. Macleod, art. "Conquest" in Enc. Soc. Sc. vol IV p. 207-208.
49. F. Oppenheimer, The State, p. 15.

50. Joyce H. Hertzler, Social Institutions, p. 79-80.
51. Walter Bagehot, Physics and Politics, p. 135.
52. F. Ratzel, History of Mankind, vol. I, p. 117.
53. Julius Lippert, Kulturgeschichte, vol. II, p. 73.
54. Sumner and Keller, Science of Society, vol. I, p. 215-16, New Haven 1927.
55. Julius Lippert, Kulturgeschichte, Bk. II, S. 522, Stuttgart 1886.
56. F. Ratzel, History of Mankind, vol. III p. 176, London 1898.
57. Sir William Temple, An Essay Upon the Origin and Nature of Government, vol. I, Works, p. 12, Lond. 1814 written 1672.
58. Ibid p. 13
59. Thomas Hobbes, English Works, vol. VI, p. 149, London 1840.
60. Jeremy Bentham, On Government, ed by F. C. Montague p. 140, footnote, Oxford 1891.
61. John, X, 2
62. Hebrews, XIII, 20.
63. I Peter, V, 4.
64. Herodotus, Clio, CVII—CXIV, Phila. 1840, pp. 35-37
65. J. W. Figgis, The Political Aspects of St. Augustine's City of God, p. 52, N. Y. 1921.
66. Sumner and Keller, Science of Society, vol. IV, p. 68.
67. T. D. Seymour, Life in the Homeric Age, p. 95, N. Y. 1907.
68. Robert H. Lowie, The Origin of the State, p. 22, N. Y. 1927.
69. Ibid p. 27.
70. Ibid p. 28.
71. Ibid p. 29.
72. F. Ratzel, History of Mankind, vol. I, pp.90-91, London 1896.
73. V. Banford and P. Geddes, The Coming Polity, p. 102, London 1919.

74. Robert H. Lowie, Art. "Social Organization" **Enc. Soc. Sc.**
75. S. Freud, Basic Writings, p. 308.
76. Maine, Early Law and Custom.—E. R. E. **art.** "Mother-right"
77. E. S. Hartland, Primitive Paternity, **vol. II, p. 99,** London 1910.
78. Ibid p. 250.
79. Ibid p. 254, vol. I

## אינהאלט־פארצייכעניש:

### I גאָטיכע און גאָט

### II אדם הראשונ'ס חטא


א. דער עץ־הדעת מיטאָס ........ 41—48
ב. די פּיר ריסן ........ 48—62
ג. פרויד און די מדרשים ........ 62—

### III די דרייעקן אין ספר בראשית

א. דער חומש רעדט און שווייגט ........ 85—88
ב. חוה, קין און הבל ........ 88—95
ג. למך און זיינע ווייבער ........ 95—98
ד. דער צדיק נח ........ 98—104
ה. לוט און זיינע טעכטער ........ 104—106

### IV עקידת יצחק

א. דער קרבן ........ 109—121
ב. דער אידישער שיקזאל ........ 121—125

### V דער 'ערשטער חטא' אין סאָציאָלאָגיע

א. אָרגאַניזאַציע ........ 129—142
ב. די סבעמא פון אָרגאַניזאַציאָנעלער עוואָלוציע ........ 142—153
ג. דער פּאַטריאַרכאַט און פּאַסטוכעריי ........ 153—161

שלום ........ 162—166

מראה־מקומות ........ 167—188

די קריטיק פון ריינעם גלויבן

טריאָלאָגיע:

I

אידישע עטיק

II

גרונטפּרינציפּן פון אידישקייט

III

עגאָסאָפּיע — יהוה־חכמה

ערשטער טייל:

די פרוי און די ביבל

## ווערק פון זעלבן מחבר

1. „פארוואס?“. מאָסקווע, 1917 (רוסיש).
2. אנאַרכיע פון גייסט. מאָסקווע, 1919 (רוסיש, א סעריע פּאָעמען).
3. אנאַרכיע אין פאַנטאַזיע. מאָסקווע, 1919 (רוסיש, א אוטאָפּיע).
4. פרייהייט דע־יורע און דע־פאַקטאָ. מאָסקווע, 1920 (רוסיש).
5. אינטעראינדיווידואַליזם. צוויי בענד. מאָסקווע, 22־1920. (רוסיש)
6. עגאָטיק. מאָסקווע, 1922 (רוסיש, לידער).
7. פּרינציפּן און צוועקן־דערקלערונג פון דער אידיש־עטישער קולטור־געזעלשאַפט. ניו־יאָרק, 1936.
8. אידישע עטיק. ניו־יאָרק, 1937.
9. אידישקייט, ניו־יאָרק, 1938.

(צוזאַמען מיטן ברודער וו. גאָרדין)

1. א סיסטעם פון מאַטעריעלער און רעלאַטיווער נאַטורמעסיקייט, ווילנא, 1909 (רוסיש).
2. אימיטאַטיוו־ראַציאָנאַלער מעטאָד פון לערנען לייענען און שרייבן. ווילנא, 1909 (רוסיש).
3. מכתב גלוי אל מוקירי החנוך הלאומי. ווילנא, 1909.
4. גן־תיאטרוני. ווילנא, 1909.
5. מסדרת־הילדים. ווילנא, 1910.
6. א מגלה צו די אידן. ווילנא, 1909.
7. די פאָנעטישע אָרטאָגראַפּיע. ווילנא, 1910.
8. דער יונג־מענטש אָדער פינף־בונד. ווילנא, 1913.
9. די טריאומפעדיע. ווילנא, 1914.
10. יוגנט־פּעדאַגאָגיק. מאָסקווע, 1918 (רוסיש).
11. רעדעס און לעקציעס. מאָסקווע, 1919 (רוסיש).